Bodleian Libraries
UNIVERSITY OF OXFORD

This book is part of the collection held by the Bodleian Libraries and scanned by Google, Inc. for the Google Books Library Project.

For more information see:

http://www.bodleian.ox.ac.uk/dbooks

This work is licensed under a Creative Commons Attribution-NonCommercial-ShareAlike 2.0 UK: England & Wales (CC BY-NC-SA 2.0) licence.

Yiddish Collection
WHITECHAPEL LIBRARY
Donated 1985

TAYLOR
INSTITUTION
LIBRARY



ST. GILES · OXFORD
REP Y 575

N

30 JUL 1958

**STEPNEY PUBLIC LIBRARIES**

This book is due for return on or before the last date stamped below.

| | | |
|---|---|---|
| 1958 | 28 NOV 1959 | 19 DEC 1962 |
| 7 NOV 1958 | 19 FEB 1960 | 2 DEC 1963 |
| 24 NOV 1958 | 2 MAR 1960 | 13 JAN 1964 |
| 29 DEC 1958 | 26 MAR 1960 | 23 SEP 1964 |
| 7 FEB 1959 | 20 APR 1960 | 28 NOV 1964 |
| 7 MAR 1959 | 23 MAY 1960 | 5 MAR 1965 |
| 21 APR 1959 | 7 JUN 1960 | 14 FEB 196[illegible] |
| 25 JUN 1959 | 30 DEC 1960 | 11. FEB. 9 |
| 18 AUG 1959 | 5 MAY 1961 | 63 |
| 18 SEP 1959 | 20 JUN 1961 | 29 DEC 1969 |
| [illegible] OCT 1959 | 10 JUL 1961 | |
| 23 OCT 1959 | 4 OCT 1961 | |
| 6 NOV 1959 | 13 AUG 1962 | |

**WHITECHAPEL LIBRARY**

77 High Street, Whitechapel, E.I (BIShopsgate 5272)

Fines for overdue books are charged in accordance with the scale laid down by the Public Libraries Committee.

Books may be renewed by post, telephone or personal call.

No. L 1186 Class ..........

זַיין וואוּנְשׁ גֶעמֵיינְט , אוּנ הָאט אויף הוּלדען מִיט גְרוֹיס לִיעבֶּע אוּנ פְּרַיינְדְ־שַׁאפְט אַקוּק גֶעגֶעבֶּען . הוּלדע הָאט עֶרְרָאטְהֶענְד איר גֶעזִיכְט צוּ דָער עֶרְד אַרָאפְּגֶעלָאזְט .

ר׳ יהודה׳ס וואוּנְשׁ אִיז אִין עֶרְפִילוּנְג גֶעגַאנְגֶען : דֶעם אבן עזרא׳ס הויז הָאט גֶעבְּלִיהט וִויא אַשָׁענֶער וַויינְגָארְטֶען , צְווִישֶׁען דִיא הִיסְפַּאנִישֶׁע יוּדֶען . ר׳ יהודה הלוי הָאט זַיין נֶדֶר מְקַיֵם גֶעוֶוען , אוּנ זַיינֶע בֵּיינֶער רוּהֶען עַד עַתָּה אִין דֶעם הֵיילִיגֶען לַאנְד , צוּ וֶועלְכֶעם זַיין הַארְץ הָאט אִיהם כָּל יָמָיו גֶעצוֹיגֶען אוּנ גֶעגְלוּסְט .

ענדע

STEPNEY PUBLIC LIBRARIES

צו מאזעסען אנגערופען , אונ איז צו הולדען צו געריטען — פערלאז שוין דיינע נעקעריען . אז גאט וועט אונז העלפען קיין טאלעדא צו גרייכען , דעמסמאלט וועלען מיר לויבען אונ דאנקען גאט אויף אונזער אויסלעזונג , אונ דענסמאלט וועלען מיר שערצען אונ פרעהליך זיין . דאביי האט ער מיט גרויס ליעבע אויף זיין הולדען געקוקט . זיא האט איהם מיט דעם זעלבען בליק בעצאהלט .

— איך האף מיינע פריינד ! — האט מאזעס שוין ערינסטער געזאגט — אז אפילו ווען איך וועל זיין פון אייך אפגעשיידעט , וועל איך דיא טראסט אונ דאס האפנונג ניט פערליערען , אז מיין געליעבטער פעטער , וועט מקיים זיין זיין הבטחה , אז נאך דעם , אז ער וועט פון ארץ ישראל צוריק קומען , וועט ער מיך אין ווינעציע שטענדיג בעזוכען אונ צוא גאסט קומען .

— אונ מיר , מאזעס ! — האט הולדע געזאגט — וועלען אונזער געליעבטען פאטער ביטען , אז ער זאל אונז קיינמאל ניט אויף קיין מינוט פערלאזען .

— ניין , מיין טרייע טאכטער ! — האט זיך ר׳ יהודה אנגערופען — איך קען עס דיר ניט צו ליעב טהון , איך מוז מיין נדר מקים זיין . איך האב מיין גאט געשוואוירען , אז ווען ער וועט מיט מיר חסד טהון זאל איך קיין ירושלים פאהרען אונ דארט אויף דיא היילינגע ערטער איהם אפדאנקען פיר זיין גנאדע . יעטצט , אז דער קעניג האט מיך פריא געשפראכען פאר אלע זיינע בעדיענטע אין דיא אויגען אונ האט מיר זיין גנאדע געשענקט מוז איך מיין נדר מקים זיין . איהר ווייסט , מיינע געליעבטע קינדער , אז דיא 30,000 גאלד גילדען , וועלכע איך האב פארגעלעגט דעם עלצטען פונ׳ם סעמפעלארדען , אונ ער האט זייא ניט בעצאלט געהאמען , האב איך יעטצט זייא דעם קעניג אין דער קרוינ־קאסע אוועק געגעבען , אונ האב מיך ענטזאגט פון מיין דיענסט אונ פונ׳ם גאנצען כבוד , מיט וועלכען דער קעניג האט מיך ארומגערינגעלט . יעטצט קעהרען מיר אלע צו זאמען אין דער שטאדט אריין , וואו איך בין געבוירען געווארען אונ וואו מיינע עלטערנס געביין ליעגען , דאס איז מיין ליעבלינג־שטאדט טאלעדא . אין איהר , האף איך , וועל איך מיט מיין אברהם׳ן איינינע יאהר אין רוהע אונ אין פריעדען לעבען . מיר ...טלעז זיך פערגעהמען מיט געלערענטשאפט . מיר וועלען זיך גענצליך ...ן אפ־געבען צו תורה אונ חכמה , אונ ווען זיין ליעבער נאמען ...עט מיר נאך מיין לעצטע וואונש ערפילען , דענסמאלט וועל איך מקים ...יין מיין שבועה אונ וועל מיינע אלטע ביינער קיין ירושלים איבער ...ראגען . אברהם האט פערשטאנען , וואס ר׳ יהודה הלוי האט מיט

גאט האט יעטצט מיט דיא יודען דעם איינענעם נס געטהון, וואס ער האט שוין אמאל זייא בעוויזען נאך אין דער צייט ווען דער בית המקדש איז געשטאנען, בעת סנחריב האט ירושלים באלאגערט, אין איין נאכט, זענען זייא אלע נעבען ירושלים אוים געשטארבען, אונ דיא יודען זענען ניצול געווארען פון זייער בלוט שונא.

## 11.

דער ווינטער איז פארייבער, דיא שפראצונג פון דער ערד האבען אנגעהויבען ביסליך ווייז ארויס קריכען אונ זיא בעדעקען מיט אגרינקלייד. אין איינעם שענעם פריא מארגען זעהען מיר פון דיא טהויערען פון קארדאווא איין קאמפאניע רייזענדער ארויספאהרען, וועלכע איז ענטשטאנען פון זיעבען פערזאן רייטענדיג אויף פערד. דער וועג איז דער זעלבער וועלכער איז אונזערע לעזער שוין בעקענט פון אנהייב ערצעהלונג, יעטצט פאהרט אויך מאזעס בייא הולדעס זייט, נאר ביי דער טאנטעס זייט פאהרען נאך צוויי נייע רייטער, איין אלטער גרויער מאן, אונ איין יונגער קרעפטיגער מאנספערזאן, אונטען זענען נאך געריטען קנעכט בעוואפענט מיט כלי זין, דיא גאנצע מחנה האבען באלייט רייטער אונ חילם לייט, וואס דער קעניג האט זייא צום בעהיט געגעבען.

דיא רייטער זענען ניט געווען שטארק פרעהליך בעת זייא האבען דיא שטאדט פערלאזט, נאר וויא באלד זייא זענען אויפ׳ם פרייען פעלד ארויס, האט דיא שענע נאטור אויף זייא איין גוטען איינדרוק געמאכט, אונ זענען אלע פיעל פרעהליכער געווארען.

מאזעס האט פאר פערגניגען אנגעהויבען איין ליעד צוא זינגען.

— זעהט נאר, מיינע געליעבטע — האט זיך הולדע אנגערופען — וויא אזוי מאזעס איז אביסיל פרעהליך, ווייל ער רעכט זיך, אז ער וועט אונז אין קורצען פערלאזען, אונ קיין ווענעציע פאהרען, אין דער פרעהליכער לעבידיגער שטאדט, וואו עס לעבט אונ וועבט.

— אונ פאר וואס זאל איך ניט צו פריעדען זיין איך צו פערלאזען, קוזינע! — האט מאזעס מיט אגעלעכטער געענטפערט — אז זינט דוא האסט אברהם׳ן בעקומען, איז שוין מיט דיר אונמעגליך צו זאמען צו זיין, ביסט גאר איין אנדער מענש געווארען, שוין ניטא דאס אמאליגע פרעהליכקייט, דוא ביסט שוין ערנסטער געווארען, דוא ווילסט שוין גאר קיינעם ניט קענען, אונ ביסט נאר פערטראגען מיט דיין אברהם׳ן.

— איך זעה, אז דוא ווילסט מיך שוין רייצען — האט זיך אברהם

לִיעבְּלִיכֶע זוּן אוֹיף דֶעם הֵיילִיגֶען אָרְט זַייא בֶּעשַׁיינֶען אוּנ דֶער נָאךְ ····

נָאר וֶוער קֶען ווִיסֶען, וָואס שְׁפֶּעטֶער מִיט אַרֶגֶע קֶען זִיךְ מִיט אִיהם טְרֶעפֶען? אִין דֶער מִיט נַאכְט הָאט זִיךְ אוֹיף דֶעם הִימֶעל אַשְׁטַארְקֶער וָואלְקֶען אַרוֹיף גֶערוּקְט, אוּנ הָאט אִיהם פֶערְדֶעקְט פוּן אַלֶע זַייטֶען, אַשְׁטַארְקֶער רֶעגֶען מִיט גְרוֹיס שְׁטוּרְם הָאט צוּ דֶער עֶרְד גֶעגָאסֶען, אַלֶע יוּדֶען זֶענֶען נָאךְ נִיט גֶעשְׁלָאפֶען אוּנ נָאךְ אַלְס תְּפִלָּה גֶעטְהוּן. פְּלוּצִים הָאט מֶען אַשְׁרֶעקְלִיכֶען רַעַשׁ דֶערְהֶערְט. עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַשָׁלִיחַ אוּנ הָאט מוֹדִיעַ גֶעוֶוען, אַז קַיין ירוּשלים קוּמְט אָן אַיין ווִילְד פָאלְק, וָואס רוּפֶען זִיךְ אָן זעלדשוּקען צוּ זַאמֶען מִיט דִיא סאראצענער. דֶער הֵיילִיגֶער אָרְדֶען הָאט זִיךְ שְׁטַארְק אִיבֶּער גֶעשְׁרָאקֶען, אוּנ הָאבֶּען זִיךְ צוּ מִלְחָמָה גֶעגְרֵייט, זַייא הָאבֶּען קַיין עֵצוֹת נָאךְ הִילְף גֶעשִׁיקְט, נָאר עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען צוּ שְׁפֶּעט. דִיא זעלדשוּקען זֶענֶען ווִיא דִיא הֵיישִׁירֶקען אוֹיף ירוּשלים אָנְגֶעפַאלֶען. דֶער הִימֶעל הָאט זִיךְ אוֹיס גֶעלַייטֶערְט אוּנ דִיא לְבָנָה אִיז אַרוֹיפְגֶעטְרִיטֶען מִיט פִיעל גְלַאנְץ אוּנ בֶּעלָאכְטֶען דִיא שְׁרֶעקְלִיכֶע שׁוֹיעֶרְלִיכֶע סְצֶענֶע. מֶען הָאט מֶער נִיט גֶעהֶערְט, נָאר דָאס טְרָאבֶּען אוּנ שְׁרַייעֶן פוּן דִיא מִלְחָמָה־מֶענֶער. דָאס חַיִל אִיז זִיךְ צוּ נוֹיפְגֶעגַאנְגֶען, דִיא שְׁוֶוערְטֶער הָאבֶּען אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּ אַרְבֵּייטֶען אוּנ אַנִידֶערְלֶעגֶען מֶענְשֶׁען ווִיא שְׁטְרוֹי. דֶער שׂוֹנֵא אִיז גֶעוֶוען פִיעל מֶעכְטִיגֶער אִין מֶענְשֶׁען אוּנ אִין כְּלֵי זַיִן. דֶער שְׁטְרַייט אִיז אַלֶע מָאל הִיטְצִיגֶער גֶעוָוארֶען. ווִיא דִיא לֵייבֶּען, הָאבֶּען זִיךְ דָאס חַיִל פוּן דִיא הֵיילִיגֶע פֶערְטְהֵיידִיגְט, נָאר אוּמְזִיסְט. דִיא שׂוֹנְאִים הָאבֶּען זַייא מְנַצֵחַ גֶעוֶוען. דֶער עֶלְצְטֶער פוּנ'ם טֶעמְפֶּעל אָרְדֶען אִיז גֶעפַאלֶען טוֹידְט. דֶער קֶעניג הָאט זַיין לֶעבֶּען פֶערְשְׁפִּיעלְט. פְּלוּצִים הָאט מֶען אִין שְׁטָאדְט אַשְׁטַארְקֶען גֶעטוּמֶעל פֶערְנֶעהמֶען. דִיא זעלדשוּקען זֶענֶען דוּרְךְ פֶערְבָּארְגֶענֶע הָאהלֶען אוּנְטֶער דֶער עֶרְד אִין שְׁטָאדְט אַרַיין, אוּנ הָאבֶּען זִיא פֶערְפְלֵייצְט. אִין אַקְלֵיינֶער וַויילֶע הָאבֶּען זַייא זִיךְ מִיט דֶער שְׁטָאדְט בֶּעמֶעכְטִיגְט אוּנ זִיא אַיינְגֶענֶעהמֶען.

דֶער מָארְגֶענְשְׁטֶערְן אִיז אוֹיפְגֶעגַאנְגֶען אוּנ הָאט בֶּעלָאכְטֶען דִיא שְׁטָאדְט. טוֹיזֶענְטֶער טוֹידְטֶע קֶערְפֶּער הָאבֶּען בַּאדֶעקְט דִיא גַאנְצֶע עֶרְד. פוּן דִיא הֵיילִיגֶע, זֶענֶען טוֹיזֶענְטֶער גֶעפַאלֶען, דֶער עֶלְצְטֶער פוּן דִיא זעלדשוּקען הָאט גֶעהֵייסֶען מֶעלְדֶען, אַז עֶר וֶועט זִיךְ מִיט זַיינֶע שׂוֹנְאִים מִיט מֶעהר רַחֲמָנוּת בַּאגֶעהֶען, ווִיא זַייא וָואלְטֶען אוֹיף זַיין אָרְט גֶעטְהוּן, אוּנ הָאט זַייא גֶעהֵייסֶען אִין אַיין טָאג אַרוּם ירושלים פֶערְלַאסֶען. דִיא יוּדֶען אָבֶּער הָאט עֶר עֶרְלוֹיבְּט צוּ בְּלַייבֶּען אִין ירושלים, אוּנ הָאט זַייא קַיין שְׁלֶעכְטֶס נִיט גֶעטְהוּן, וַוייל דֶער נָבִיא זֵייעֶרֶער, דֶער מוחמד, הָאט זַייא פֶערְזָאגְט, אַז זַייא זָאלֶען קַיין יוּדֶען טְשֶׁעפֶּען, וַוייל זַייא רֶעכֶענֶען זִיךְ פַאר זֵייעֶרֶע בְּרִידֶער.

(ר"י הלוי ח"ב)

און אונז פון אונזערע צרות אויסלעזען, נאך 3 טעג האבען מיר צייט צו זיין אויף אונזערע ערטער; נאכדעם מוזען מיר אונזערע שטעקענס נעהמען און אויס וואנדערען וואהין אונזערע אויגען וועלען אונז טראגען. וואו מיר וועלען איין אפרוה צו אונזערע מידיגע פיס בעקומען, ווייסט נאר איין גאט און ניט קיינער! נאר מסתמא האבען מיר עס ביי זיין ליעבען נאמען פערדיענט מיט אונזערע שלעכטע מעשים, דארום איז ביי אונז געבליבען אז מיר זאלען אלע קליין און גרויס, געזונדטע און שלאפע, טראגענדיגע און זייגענדיגע, צוויי טעג פאסטען פון אין דער פריא ביז נאכט, און אלע טאג מתפלל זיין צו גאט מיט אגעבראכען הארץ ביי כותל מערבי, אפשר וועט גאט אונזער תפלה פערנעהמען און אונז זיין גוטע הילף שיקען.

דיא גאנצע פערזאמלונג האבען ביי דיזע ווערטער אנגעהויבען שטארק צו וויינען. וויינענדיג און פערביטערט איז זיך יעדער אהיים געגאנגען. דעם אנדערען אין דער פריא האבען זיך אלע ווידער צונויפגעקליבען נעבען כותל מערבי צו דעם טהייערען הייליגען ארט, וואו עס איז אמאל געשטאנען דאס בית המקדש, און האבען אנגעהויבען מתפלל זיין מיט פערשפרייטע הענד, מיט אויפגעהויבענע אויגען צום הימעל. אמאהייל האבען אין זיך שטיל געוויינט און געהליפעט, אמאהייל האבען אויף א יאמערליך קול געשריגען און געבעטען זייער באשעפער, אז ער זאל זיך אויף זייא דערבארמען. טייכען טרערען זענען צו דער ערד געפלאסען און בענעטצט דיא שטומע שטיינער, וואס האבען נאך אמאל געזעהען דאס גרויסקייט און דיא מאכט פון אונזערע עלטערען; טויזענטער זיפצען האבען דיא לופט אנגעפילט. אזוי האבען זייא פערבראכט אין תפלה און אין פאסטען דעם גאנצען טאג ביז פערנאכט. בעת דיא זון האט זיך בעזעצט, האט זיך אונזער בעקאנטער ר׳ משה דער רב פון דער געמיינדע, פון דער ערד אויפגעהויבען און זיך אנידער געשטעלט אויף איין הויך ארט. ווער עס האט איהם דענסמאלט געזעהען, האט געדיינקט צו זעהען איין מלאך פון גאט. זיינע ווייסע האר, וויא שנעע, האבען געגלאנצט געגען דיא לעצטע שטראהלען פון דער פערגאנגענער זון. זיין בלייכעס געזיכט, האט אויס געזעהען, וויא איין איבערערדישעס וועזען. ער האט זיינע הענד געגען הימעל אויפגעהויבען און מיט אציטערנדע שטימע אויסגעשריגען דעם פסוק „שמע ישראל“, און אלע האבען געענטפערט: ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד. דער וויילע איז ביסליך וויז פינסטער געווארען, דיא נאכט האט אנגעהויבען מיט אשווארצען ליילך צו דעקען דיא ערד, און אלע יודען האבען זיך אומגעקעהרט מיט טרויעריגע געדאנקען צו זייערע הייזער. ניט מעהר וויא נאך איין טאג האבען זייא געהאט דאס ערלויבניש אויף זייערע ערטער צו בלייבען. נאך איין טאג וועט דיא

(ר״י הלוי ח״ב)

דאס הארץ וועט אייך רייסען ביא דיזען איינבליק אונ אונווילקירליך וועט איהר אויסרופען: א דאס איז דיא פיעל בעריהמטע שטאדט ירושלים, וואו שלמה המלך האט אמאל זיין פריעדליכע קאניג שטוהל בעזעסען? א דאס איז דאס הייליגער ארט, וואו אונזערע הייליגע נביאים האבען געוואנדעלט? נאר באלד פערטראגט אייך אייער פאנטאזיע אויף אנדערע זארטינעס, אויף אנדערע ערינערונגען. איהר דערמאנט זיך וויפיעל בלוט דיא ערד פון דער שטאדט האט אין זיך אין אלערליי צייטען, איינגעזויגען! וויפיעל אומזיסטיגע אונשולדיגע קרבנות זענען בעגראבען אין דער הייליגער ערד! טויזענטער טיראנען זענען אויף איהר אין אלע צייטען אנגעפאלען, אונ איהרע שטילע איינוואהנער געברענט, געבראטען, גע־קוילעט אונ געשטאכען אן בארמהערציגקייט! א, וויא צערפליישט זיך אייער הארץ, ביא דיזע אלע ניט פראהליכע ערמאנונגען!

דאס פייגעלע האט אויך זיין נעסט, אונ אונזערע פערטריבענע ברידער, זייט דער בית המקדש איז חרב געווארען, געפינען קיין אפרוה צו זייערע פיס, אומעטום טרייבט מען זייא, אומעטום איז מען זיך אין זייא נוקם! .... יעטצט זעהען מיר אויך אונזערע ברידער, פינסטער וויא דיא נאכט, ארום בלאנקען זיך אין דיא שמאלע וויסטע גאסליך פון ירושלים! אויף זייערע געזיכטער קען מען לייכט ערקענען אז איין שרעקליכע צרה האט זייא געטראפען. זייא לויפען יעטצט אין שול אריין, זיך מתפלל צו זיין וואס צו טהון. דיא בעסטע פעדער פונ׳ם קינצליכסטען שרייבער איז ניט אין שטאנד דיא לאגע פון דיא אומגליקליכע מענשען צו שילדערען. אזוי וויא דיא שעפליך פאר דער מורא פאר׳ם וואלף, האבען זייא זיך יעטצט אין דער שול צו נויפגעזאמעלט, וועלכע האט געהאט אפנים וויא אשטאהל, אונ ניט וויא איין הייליג הויז. דיא עלצטע פונ׳ם פאלק זענען צום ארון קודש צו געגאנגען אונ זיך געקעהרט צום פאלק מיט דיזער טרויעריגער רעדע:

געליעבטע ברידער! מיר זענען יעטצט אין אגרויסען אומגליק. איהר ווייסט אלע וויפיעל צרות מיר האבען אויסגעטראגען אונ איבער־געליטען דיא לעצטע דרייא יאהר. דער בעזעוויכט, דער עלצטער פון דיא הייליגע, וויל אונזערע בקשות ניט אנגעהמען. נאך היינט האבען מיר איהם פאר־געלעגט 30,000 גאלד־גילדען, וועלכע עס האט פאר אונז געאפפערט איין געוויסער גרויסער מאן, ער זאל אויף אונז דיא שרעקליכע צרה ניט ברייגגען, נאר זיין הארץ איז הארט וויא שטיין, אונזערע טרערען האבען איהם ניט געריהרט. ער האט אונז געענטפערט, אז ער קען זיין שבועה ניט מחלל זיין. יעטצט ליעבע אומגליקליכע ברידער, בלייבט אונז נאר דיא איינציגע האפנונג אויף זיין ליעבען נאמען, ער זאל אונז א נס טהון

ארויסגעטריטען. צווישען זייא האט זיך פערבונדען איין בלוטיגע מלחמה. דיא שווערד פון דיא טירקען האט זייא אויפגעריבען. מיט זעכציג טויזענט מאן איז גאטפריעד צו דעם קרעפוסט פון ירושלים אנגעקומען, דאס איבריגע חיל זענען געפאלען וויא שטרוי אונטער דער קאסע. נאר דיא כריסטליכע העלדען, וואס זענען געוועזען בעגייסטערט מיט זייער רעליגיע, האבען בעהערצט געשטריטען, אונ דער קרעפוסט פון ירושלים האט זיך געמוזט פאר זייא עפענען. דענסמאלט האט זיך ערשט אנגעהויבען שרעקליכע הריגות, קיין מענשליכע פעדער איז ניט אין שטאנד צו שילדערען דיא גריילטהאטען, דאס אכזריות וואס דיא היילינע בעגייסטערטע שטרייטער האבען פאלבראכט אין נאמען פון זייער ערלעזער, וועלכער האט זייא בעפויהלען צו ליעבען אפילו זייערע שונאים!. אונזערע עלטערען דער צעהלען אונז, אז דיא פערד פון דיא רייטער זענען געבראדזעט ביז אין דיא בייכער אין מענשען בלוט! דאס פאלק האט געוואלט גאטפריעדען צום קעניג איבער ירושלים מאכען, נאר ער האט זיך דער פון אליין אפגעזאגט: ער האט ניט געוואלט ארויפצוזעטצען אויף זיין קאפ דיא קרוין, וועלכע האט אזוי פיעל מענשענבלוט געקאסט. דער ברודער זיינער, וועלכען ער האט זיין ממשלה איבערגעגעבען, האט נאך זיין טוידט דיא קרוין אנגענעהמען, אונ האט זיין שטוהל געשטעלט אויף דעם ארט, וואו עס איז אמאל געשטאנען דוד המלך׳ס שטוהל! זיבען דורות האט דיא קעניגרייך געדויערט; נאר ביסליך וויז האבען דיא טירקען זייא אנגעהויבען צו דריינגען, ביז עס איז געראטהען זייא פון ארץ ישראל ארויסשטופען, נאר אקליינע מאכט פון זייא איז נאך אין ירושלים געבליעבען.

איך בית אבערמאלס מיינע געעהרטע לעזער מיר צו פאלגען אונ נאך געהען, ביז מיר וועלען מיט דער שיף קיין יפו אנקומען, דארטען וועלען מיר פון דער שיף אראפשטייגען, אונ מיט דיא מדבריות צו רייזען קיין ירושלים.

דיא היילינע שטאדט ירושלים איז ארומגערינגעלט מיט הויכע בערג; דיא שטאדט זעלבסט שטעהט אין אברייטער טהאל, אינוויינינ אין שטאדט זעהען מיר פיעל חורבות. דיא שטראסען זענען פוסט, דיא בלאטע אונ מיסט איז ביז אין דיא קניעס, זעלטען וועט איהר באגעגענען אשענעם מויער, איין אלטען פאלאץ אדער איין הויכע קירכע, אדער איין מעטשעט*). איערע אויערען וועלען נאר פארנעהמען דאס קלינגען פון שווערטער אדער פון אנדערע כלי זין, אונ ווען איהר וועט באגעגענען אמענשען, איז דאס איין חיל׳ס מאן, וואס בעוואכט דיא פוסטע שטאדט.

דאס

*) א״ין טורקישען קלויסטער.

דָאס הַארְץ וָועט אַייךְ רַייסֶען בַּייא דִיזֶען אַיינְבְּלִיק אוּנ אוּנְווילְקִירְלִיךְ וָועט אִיהר אוֹיסְרוּפֶען: אָ דָאס אִיז דִיא פִיעל בֶּערִיהמְטֶע שְׁטָאדְט ירושלים, וואוּ שלמה המלך הָאט אַמָאל זַיין פְרִיעדְלִיכֶע קֶאנִיג שְׁטוּהל בֶּעזֶעסֶען? אָ דָאס אִיז דָאס הֵיילִיגֶר אָרְט, וואוּ אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע נְבִיאִים הָאבֶּען גֶעוַואנְדֶעלְט? נָאר בַּאלְד פֶערְטְרָאגְט אַייךְ אַייעֶר פַאנְטַאזִיֶע אוֹיף אַנְדֶערֶע אָרְטִינֶעס, אוֹיף אַנְדֶערֶע עֶרִינֶערוּנְגֶען. אִיהר דֶערְמָאנְט זִיךְ וִויפִיעל בְּלוּט דִיא עֶרְד פוּן דֶער שְׁטָאדְט הָאט אִין זִיךְ אִין אַלֶערְלֵיי צַייטֶען, אַיינְגֶע־זוֹיגֶען! וִויפִיעל אוּמְזִיסְטִיגֶע אוּנְשׁוּלְדִיגֶע קָרְבָּנוֹת זֶענֶען בֶּעגְרָאבֶּען אִין דֶער הֵיילִיגֶער עֶרְד! טוֹיזֶענְטֶער טִירַאנֶען זֶענֶען אוֹיף אִיהר אִין אַלֶע צַייטֶען אָנְגֶעפַאלֶען, אוּנ אִיהרֶע שְׁטִילֶע אַיינְוָואהנֶער גֶעבְּרֶענְט, גֶעבְּרָאטֶען, גֶע־קוֹילֶעט אוּנ גֶעשְׁטָאכֶען אָן בַּארְמְהֶערְצִיגְקֵייט! אָ, וִויא צֶערְפְלֵיישְׁט זִיךְ אַייעֶר הַארְץ, בַּייא דִיזֶע אַלֶע נִיט פְרֶעהלִיכֶע עֶרְמָאנוּנְגֶען!

דָאס פֵייגֶעלֶע הָאט אוֹיךְ זַיין נֶעסְט, אוּנ אוּנְזֶערֶע פֶערְטְרִיבֶּענֶע בְּרִידֶער, זַייט דֶער בֵּית הַמִקְדָשׁ אִיז חָרֵב גֶעוָוארֶען, גֶעפִינֶען קַיין אָפְּרוּה צוּ זֵייעֶרֶע פִיס, אוּמֶעטוּם טְרַייבְּט מֶען זֵייא, אוּמֶעטוּם אִיז מֶען זִיךְ אִין זֵייא נוֹקֵם! .... יֶעטְצְט זֶעהֶען מִיר אוֹיךְ אוּנְזֶערֶע בְּרִידֶער, פִינְסְטֶער וִויא דִיא נַאכְט, אַרוּם בְּלָאנְקֶען זִיךְ אִין דִיא שְׁמָאלֶע וִויסְטֶע גֶאסְלִיךְ פוּן ירושלים! אוֹיף זֵייעֶרֶע גֶעזִיכְטֶער קֶען מֶען לַייכְט עֶרְקֶענֶען אַז אַיין שְׁרֶעקְ־לִיכֶע צָרָה הָאט זֵייא גֶעטְרָאפֶען. זֵייא לוֹיפֶען יֶעטְצְט אִין שׁוּל אַרַיין, זִיךְ מִתְיַעֵץ זַיין וָואס צוּא טְהוּן. דִיא בֶּעסְטֶע פֶעדֶער פוּנֶ׳ם קִינְצְלִיכְסְטֶען שְׁרַייבֶּער אִיז נִיט אִין שְׁטַאנְד דִיא לַאגֶע פוּן דִיא אוּמְגְלִיקְלִיכֶע מֶענְשֶׁען צוּ שִׁילְדֶערֶען. אַזוֹי וִויא דִיא שֶׁעפִילִיךְ פַאר דֶער מוֹרָא פוּנֶ׳ם וָואלְף, הָאבֶּען זֵייא זִיךְ יֶעטְצְט אִין דֶער שׁוּל צוּ נוֹיפְגֶעזַאמֶעלְט, וָועלְכֶע הָאט גֶעהַאט אַפָּנִים וִויא אַשְׁטַאהל, אוּנ נִיט וִויא אַיין הֵיילִיג הוֹיז. דִיא עֶלְצְטֶע פוּנֶ׳ם פָאלְק זֶענֶען צוּם אָרוֹן קוֹדֶשׁ צוּ גֶעגַאנְגֶען אוּנ זִיךְ גֶעקֶעהְרְט צוּם פָאלְק מִיט דִיזֶער טְרוֹיעֶרִיגֶער רֶעדֶע:

גֶעלִיעבְּטֶע בְּרִידֶער! מִיר זֶענֶען יֶעטְצְט אִין אַגְרוֹיסֶען אוּמְגְלִיק. אִיהר וַוייסְט אַלֶע וִויפִיעל צָרוֹת מִיר הָאבֶּען אוֹיסְגֶעטְרָאגֶען אוּנ אִיבֶּער־גֶעלִיטֶען דִיא לֶעצְטֶע דְרַייא יָאהר. דֶער בֶּעזֶעוִויכְט, דֶער עֶלְצְטֶער פוּן דִיא הֵיילִיגֶע, וִויל אוּנְזֶערֶע בַּקָשׁוֹת נִיט אָנְנֶעהמֶען. נָאךְ הַיינְט הָאבֶּען מִיר אִיהם פָאר־גֶעלֶעגְט 30,000 גָאלְד־גִילְדֶען, וָועלְכֶע עֶס הָאט פַאר אוּנְז גֶעאָפְּפֶערְט אַיין גֶעווִיסֶער גְרוֹיסֶער מַאן, עֶר זָאל אוֹיף אוּנְז דִיא שְׁרֶעקְלִיכֶע צָרָה נִיט בְּרֵיינְגֶען, נָאר זַיין הַארְץ אִיז הַארְט וִויא שְׁטֵיין, אוּנְזֶערֶע טְרֶערֶען הָאבֶּען אִיהם נִיט גֶערִיהרְט. עֶר הָאט אוּנְז גֶעעֶנְטְפֶערְט, אַז עֶר קֶען זַיין שְׁבוּעָה נִיט מְחַלֵל זַיין. יֶעטְצְט לִיעבֶּע אוּמְגְלִיקְלִיכֶע בְּרִידֶער, בְּלַייבְּט אוּנְז נָאר דִיא אַיינְצִיגֶע הָאפְנוּנְג אוֹיף זַיין לִיעבֶּען נָאמֶען, עֶר זָאל אוּנְז אַ נֵס טְהוּן.


און

אַרויסְגֶעטְרִיטֶען . צְווישֶׁען זַייא הָאט זִיךְ פֶערְבּוּנְדֶען אַיין בְּלוּטִיגֶע מִלְחָמָה .
דִיא שְׁוֶוערְד פוּן דִיא טִירְקֶען הָאט זַייא אויפְגֶערִיבֶּען . מִיט זֶעכְצִיג טוּיזֶענְט
מַאן אִיז גאטפריעד צוּ דֶעם קְרֶעפּוּסְט פוּן ירושלים אָנְגֶעקוּמֶען , דָאס
אִיבְּרִיגֶע חַיִל זֶענֶען גֶעפַאלֶען וְויא שְׁטְרוֹי אוּנְטֶער דֶער קָאסֶע . נָאר דִיא
כְּרִיסְטְלִיכֶע הֶעלְדֶען , וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען בֶּעגַייסְטֶערְט מִיט זֵייעֶר רֶעלִיגְיֶע ,
הָאבֶּען בֶּעהֶערְצְט גֶעשְׁטְרִיטֶען , אוּנ דֶער קְרֶעפּוּסְט פוּן ירושלים הָאט זִיךְ
גֶעמוּזְט פַאר זַייא עֶפֶענֶען . דֶענְסְמָאלְט הָאט זִיךְ עֶרְשְׁט אָנְגֶעהוֹיבֶּען
שְׁרֶעקְלִיכֶע הֲרִיגוֹת , קֵיין מֶענְשְׁלִיכֶע פֶעדֶער אִיז נִיט אִין שְׁטַאנְד צוּ
שִׁילְדִירֶען דִיא גְרַיילְטְהַאטֶען , דָאס אַכְזָרִיוּת וָואס דִיא הֵיילִיגֶע בֶּעגַייסְטֶערְטֶע
שְׁטְרַייטֶער הָאבֶּען פָאלְבְּרַאכְט אִין נָאמֶען פוּן זֵייעֶר עֶרְלֶעזֶער , וָועלְכֶער
הָאט זַייא בֶּעפוֹיהלֶען צוּ לִיעבֶּען אֲפִילוּ זֵייעֶרֶע שׂוֹנְאִים ! . אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערֶען
דֶער צֶעהלֶען אוּנְז , אַז דִיא פֶערְד פוּן דִיא רַייטֶער זֶענֶען גֶעבְּרָאדְזֶעט בִּיז
אִין דִיא בַּייכֶער אִין מֶענְשֶׁען בְּלוּט ! דָאס פָאלְק הָאט גֶעוָואלְט גאטפריעדען
צוּם קֶענִיג אִיבֶּער ירושלים מַאכֶען , נָאר עֶר הָאט זִיךְ דֶער פוּן אַלֵיין
אָפְּגֶעזָאגְט : עֶר הָאט נִיט גֶעוָואלְט אַרויפְצוּזֶעטְצֶען אויף זַיין קָאפּ דִיא קְרוֹין ,
וָועלְכֶע הָאט אַזוֹי פִיעל מֶענְשֶׁענְבְּלוּט גֶעקָאסְט . דֶער בְּרוּדֶער זַיינֶער ,
וָועלְכֶען עֶר הָאט זַיין מֶמְשָׁלָה אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען , הָאט נָאךְ זַיין טוֹידְט דִיא
קְרוֹין אָנְגֶענֶעהמֶען , אוּנ הָאט זַיין שְׁטוּהל גֶעשְׁטֶעלְט אויף דֶעם אָרְט , וואוּ
עֶס אִיז אַמָאל גֶעשְׁטַאנֶען דוד המלך׳ס שְׁטוּהל ! זִיבֶּען דורות הָאט דִיא
קֶענִיגְרַייךְ גֶעדוֹיעֶרְט ; נָאר בִּיסְלִיךְ וַוייז הָאבֶּען דִיא טִירְקֶען זַייא אָנְגֶעהוֹיבֶּען
צוּ דְרֵיינְגֶען , בִּיז עֶס אִיז גֶעוָואטְהֶען זַייא פוּן ארץ ישראל אַרויסְשְׁטוּפֶּען ·
נָאר אַקְלֵיינֶע מַאכְט פוּן זַייא אִיז נָאךְ אִין ירושלים גֶעבְּלִיעבֶּען .

אִיךְ בִּיט אָבֶּערְמַאלְס מַיינֶע גֶעעֶהרְטֶע לֶעזֶער מִיר צוּ פָאלְגֶען אוּנ
נָאךְ גֶעהֶען , בִּיז מִיר וָועלֶען מִיט דֶער שִׁיף קֵיין יפו אָנְקוּמֶען , דָארְטֶען
וֶועלֶען מִיר פוּן דֶער שִׁיף אַרָאפְּשְׁטַייגֶען , אוּנ מִיט דִיא מִדְבָּרִיוֹת צוּ רַייזֶען
קֵיין ירושלים .

דִיא הֵיילִיגֶע שְׁטָאדְט ירושלים אִיז אַרוּמְגֶערִינְגֶעלְט מִיט הוֹיכֶע בֶּערְג ;
דִיא שְׁטָאדְט זֶעלְבְּסְט שְׁטֶעהט אִין אַבְּרֵייטֶער טְהָאל , אִינְוֵויינִיג אִין שְׁטָאדְט
זֶעהֶען מִיר פִיעל חוּרְבוֹת . דִיא שְׁטְרַאסֶען זֶענֶען פּוּסְט , דִיא בְּלָאטֶע אוּנ
מִיסְט אִיז בִּיז אִין דִיא קְנִיעס , זֶעלְטֶען וֶועט אִיהר בַּאגֶעגֶענֶען אַשֶׁענֶעם
מוֹיעֶר , אַיין אַלְטֶען פַּאלַאץ אָדֶער אַיין הוֹיכֶע קִירְכֶע , אָדֶער אַיין
מֶעטְשֶׁעט*) . אַייעֶרֶע אוֹיעֶרֶען וֶועלֶען נָאר פַארְנֶעהמֶען דָאס קְלִינְגֶען פוּן
שְׁוָוערְטֶער אָדֶער פוּן אַנְדֶערֶע כְּלֵי זַיִן , אוּנ וֶוען אִיהר וָועט בַּאגֶעגֶענֶען
אַמֶענְשֶׁען , אִיז דָאס אַיין חַיִל׳ס מַאן , וָואס בֶּעוַואכְט דִיא פוּסְטֶע שְׁטָאדְט .

דאס

*) אַ״ין טוּרְקִישֶׁען קְלוֹיסְטֶער .

יעטצט ביטען מיר אונזערע געעהרטע לעזער מיר נאך צו געהען, יעטצט וועל איך אייך צוריק צו דיא היילינע ערטער פיהרען. איך וויל אייך ניט פיהרען דורך דיא לענדער פון דיא שלעכטע בעזע פעלקער, נאר דורך דיא וואסערען פונ׳ם ים. לאנג-זאם בעוועגט זיך דיא שיף, דער שטורם ברויזט, נאר פיעל בעסער פאר אונז, צו האבען צו טהון מיט דעם שטומען עלעמענט, וואס רעשט אונ שטורעמט שרעקליך, הויבט אונז אויף ביז צום הימעל אונ ווארפט אונז באלד אראפ ביז צום אבגרונד, איידער ארומצוגעהען אונטער מענשען, וואס זענען נאך פיעל ערגער פון דיא בעזע חיות, אונ צעהן מאל בעזער פון דיא ווילדע טיגער.

עס איז איין שרעקליכע צייט פיר דער ערד געקומען. זייט הונדערטער יאהר, האבען דיא מאגאמעטאנער אונזער היילינ לאנד אפגענומען, פלוצים האט זיך דיא כריסטען פערגלוסט דאס לאנד ארץ ישראל אין בעזיטץ צו נעהמען; אפנעהמען דאס לאנד וואו זייער ערלעזער איז בעגראבען. דיזער חשק האט זיך וויא אפלאם פייער צו-ברענט אין יעדער כריסטענ-הארץ. מיליאנען מענשען, האבען זייער געבורטס ארט פערלאזט אונ נאך ארץ ישראל גערייזט; מיליאנען מענשען זענען אופ׳ם וועג פון הונגער דארשט אונ נויטה אוים געשטארבען. דאס לאנד וואס זייא זענען דורך דעם דורך געגאנגען איז פערוויסט אונ ליידיג געווארען, וויא נאך א מגפה אדער וויא א פעלד בלייבט נאך דעם, אז א מחנה היישריקען האבען עס אויפגעפרעסען. ווען זייא האבען אויף זייער וועג ניט געטראפען קיין מאגאמעטאנער (טירקען) האבען זייא זייער ביטער הארץ צו דיא ארעמע אונבעשיטצטע יודען אויסגעלאזט. זייא זענען זייא איבער געפאלען אין זייערע פרידליכע וואהנונגען, בעראבעוועט אונ אוים געהרגט זייערע ווייבער אונ קליינע קינדער. פון דער צייט אן האט זיך דאס אומגליק אויף דיא יודען גענעהמען. ביז אין דער צייט אריין זענען יודען געזעסען פריעדליך צווישען אלע פעלקער, אונ יעטצט האט מען זייא אנגעהויבען צו פערפאלגען, קוועלען, אונ צום טוידט טהון. ליעבע צו מענשען איז זעהר שווער איינצופליסען אין אימיצינס הארצען, נאר שנאה איינגעבען, איז דיא גרינגסטע זאך אויף דער וועלט. דיא שנאה צו יודען האט זיך וויא איין ים צו שפרייט, אונ הונדערט טויזענטער קרבנות זענען ביים ערשטען אויפטריט געפאלען. אין דיזער צייט איז ארוים געטריטען איינער גאטפריעד מיט הונדערט טויזענט רייטער, אונ צוויא הונדערט טויזענט פוס געהענדיג חיל, אונ אביאוועט דיא טירקען אמלחמה, דיא טירקען האבען זיך פאר איהם ניט דער שראקען, אונ מוטהיג אנעגען איהם

(ר״י הלוי ח״ב)

אנגערופען — עס וואלט מיך געפרייעט, ווען דער טעמפעלארדען, זאל וועלען אננעהמען מיין קרבן פון מיינע ברידער וועגען אונ זייא ניט רירען פונ'ם ארט. איך בין בעריט אריינצוטראגען אין אייער קאסע 30,000 גאלד-גילדען, ווען איהר וועט מיינע ברידער ניט רירען פון זייערע ערטער.

דער אלטער האספארד איז פערוואונדערט אפגעשפרונגען עטליכע טריט צוריק. אין יענע צייטען איז אזא רייכטהום געוועזען אגרוים וואונדער. אויך האט זיך איהם ניט געגלויבט, אז אמענש זאל קענען אזויא פיעל גאלד אפפערען פיר זיינע ברידער, וואס געפינען זיך אין אצרה.

— וויא פרייגיעביג אונ וויא גראסמיטהיג, זענט איהר ר' יהודה! האט האספארד ענדליך אוים געשריגען — איך וויל דיא זאך פארלעגען אונזער עלצטען, אונ מיר וועלען זעהען, וואס ער וועט דארויף ענטפערען.

נאך אקליינע ווילע האט ר' יהודה דארט ביא איהם אין געשפרעך פערבראכט אונ האט דאס הויז פערלאזט. ניט צו פריעדען מיט זיך זעלבסט איז ר' יהודה פון דארטען אהיים געגאנגען. ער האט באלד פערשטאנען, אז זיין איבער געאיילטשאפט קען איהם שטארק שאטען, ווען דער קעניג וועט דער פון געוואהר ווערען, אז ער האט זייא אזוי פיעל גאלד אוועקגעגעבען, אונ דארום האט ער פרעהליך ניט געקענט זיין.

ר' יהודה האט זיך ניט אומזיסט געשראקען, נאך דעם אז האספארד האט דיא שטאדט פערלאסען, גלייך אויף דעם פערטען טאג זענען צו ר' יהודה'ן פארמאסקירטע מענשען געקומען אונ איהם מודיע געוועזען אז דער קעניג ווייסט פון אלעמען, אז ער האט זיינע שונאים מיט פיעל גאלד מיט געהאלפען, אונ האבען איהם ערקלערט, אז פון יעטצט אן איז ער אגעפאנגענער אונ טהאר זיין הויז ניט פערלאזען, ביז מען וועט גוט חוקר ודורש זיין, צו עס איז ריכטיג דיא זאך, וואס מען האט אויף איהם געזאגט.

אפינסטער שטיקעל צייט האט ר' יהודה'ן געגרייכט: פון ירושלים האט ער אויך אלע מאל שלעכטע נאכריכטען ערהאלטען, אז זיינע ברידער שטעהען אין אשלעכטער לאגע, זיינע נאהינטע שונאים האבען זיך געפרייט אויף זיין בראך, אונ ווען ניט דיא פערגניגען, וואס ר' יהודה האט אין דער היים, צווישען זיינע געליעבטע קינדער געפונען, וואלט ער פאסט צוזאמענגעבראכען, נאר דאס פערגניגען, וואס ער האט פערנומען בעת ער פלעגט זיך אונטערהאלטען מיט זיינע תלמידים, איבערהויפט מיט זיין געליעבטען אברהם'ן, מיט וועלכען ער פלעגט צו זאמען פערפאסען אלערליי שירים, האבען איהם זיינע טיעפע וואונדען געמילדערט אונ זיינע יסורים פערזיסט.

מיט דער שווערד ביא דער זייט, אונ זיין געזיכט איז געוועזען גרויזאם אונ צארענדיג. פון דעסט וועגען האט ער זיך געשטארקט אונ זיך געמאכט אלס ער איז ניט אין כעס. ר' יהודה האט איהם, געוועהנליך העפליך, בכדי איהם ניט אין כעס אריינצובריינגען, פארגעלעגט דעם באפעהל פונ'ם קעניג, אז ער מוז דיא שטאדט קארדאווא אין 3 טעג ארום פער־לאזען. אויך איהם איבערגעגעבען, אז פון יעטצט אן האט ער שוין מיט איהם גאר ניט צו פערהאנדלען.

האספארד האט ביא איהם דיא נאכריכט קאלטבליטיג צוגענומען אונ וויא מעגליך רוהיג געענטפערט:

— געוועהנליך בין איך אויך דא ניט שולדיג דרינען, וואס עס האט זיך יעטצט געטראפען. עס טהוט מיר זעהר באנג, וואס אונזערע לייכט־זיניגע קינדער האבען פערדארבען אונזער גאנץ געביא, וואס מיר האבען אזוי פלייסיג געבויעט. נאר איך פירכטע, אז פאר זייערע זינד זאלען ניט אפקומען ניט נאר זייא, נאר אנדערע אונשולדיגע מענשען ⋯⋯

ר' יהודה האט דעם וינק פערשטאנען אונ האט זיך אפ גערופען: עס איז וואהר, אז עס איז זעהר שלעכט, ווען אנדערע צו שטערען אונז אונזערע פלאנען, וואס האבען אונז אזוי פיעל מיהע געקאסט; נאר זאגט מיר, איז דאס רעכט, ווען מיר קאטשען אראפ פון זיך דיא שולד אויף גאר אונשולדיגע מענשען?

— גיבט מיר בעסער צו פערשטעהען אייערע רייד, ר' יהודה!

— איך בין בערייט. איך מוז אייך עפענטליך זאגען, אז איר באגעהט איין שרעקליכעס אונרעכט, דאמיט וואס איהר דראהעט (סטראשעט) ארויס צוטרייבען מיינע אונגליקליכע ברידער פון ירושלים, פאר דער שולד פון אנדערע. וואס זענען זייא נעביך אייך שולדיג דרינען? האבען זייא דען דאס ניט פערלאנגט? האב איך דען ניט געוואלט מיט מיין גאנצען לעבען, צווישען אייך אונ צווישען קעניג איין איינריכט מאכען?

— איך בין אויך ניט שולדיג — האט האספארד געענטפערט — איך קען צו גוט מיין עלצטען, אז ער וועט בודאי מקיים זיין זיין הבטחה, אונ וועט אונזער היילי לאנד ריינינגען פון אונהייליגע קינדער, וואס האבען זיך דארט בעזעטצט. ווען גאט זאל געוועזען דורך אייך העלפען אונזער ענין ענדיגען אין אונזער פאלזע, דאן וואלטען מיר געוועזען ארויסגעזעהען איין צייכען, אז גאט האט נאך אויף אייך רחמנות אונ בעגעהרט ניט אייער שלעכטס. נאר יעטצט ווייזט אונז גאט אן, אז עס איז איהם ניט ניחא אייך אין דעם לאנד איבער צו לאזען, אונ וויל אייך אויף דער וועלט צו שטרייטען.

— וועט שוין גאר ניט העלפען? — האט ר' יהודה וועהמוטהיג זיך

(ר"י הלוי ח"ב)

זייא וואַלְגֶערְן זִיךְ אויף דִיא גַאסֶען, אונ שְׁטַארְבֶּען אונ דֶער גֶעהֶען פון הוּנְגֶער אונ פון נויטה. עֶר אִיז אִין גַאנְצֶען דֶערְצִיטֶערְט גֶעוָואָרֶען. עֶר הָאט גוּט גֶעוְוִיסְט, אַז דֶער עֶלְטְצְטֶער פוּנְ׳ם טֶעמְפֶּעל-אָרְדֶען אִיז אַיין הַארְטֶער מַאן, אונ וֶועט זַיינֶע רֵייד גֶעוִויס מְקֻיָים זַיין, אונ דֶער צוּ הָאט עֶר נָאךְ גֶערֶעכֶענְט, אַז זַיין אֵיינֶענֶע טָאכְטֶער אִיז גֶעוֶוען דִיא סִבָּה פון דִיא אַלֶע אוּמְגְלִיקֶען.

דִיזֶע נַאכְט הָאט ר׳ יהודה שׁוין נִיט גֶעקֶענְט שְׁלָאפֶען, זַיין הַארְץ הָאט אִין אִיהם הֶעפְטִיג גֶעקְלַאפְּט, פְּלוּצִים, אִין דֶער מִיט נַאכְט, אִיז אִיהם אַזוֹי וִויא פוּנְ׳ם הִימֶעל אַיין גוּטֶע עֵצָה אִין זַיינֶע פִינְסְטֶערֶע גֶעהִירֶן אַרַיינְגֶעשִׁיקְט גֶעוָוארֶען, אונ דַארוּם הָאט עֶר גֶערֶעכֶענְט, אַז אֵיידֶער עֶר וֶועט אִין דֶער פְרִיא גֶעהֶען צוּ דִיא שְׁלוּחִים פוּנְ׳ם טֶעמְפֶּעל-אָרְדֶען, מִיט זייא דֶער פון אִיבֶּער שְׁמוּעֶסֶען, וֶועט עֶר פְרִיהֶר צוּ זַיין גֶעלִיעבְּטֶען אברהם׳ן אִין חֶדֶר אַרַיינְגֶעהֶען אונ אִיהם דֶערְצֶעהלֶען, וָואס עֶס הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפֶען אונ אִיהם אויךְ זַיין עֵצָה פְרֶעגֶען. מִיט אַצוּבְּרָאכֶען גֶעמִיטְהּ הָאט עֶר דִיא שְׁוֶועל פוּנְ׳ם חֶדֶר אִיבֶּער גֶעטְרִיטֶען, אונ וִויא פֶערְגְנִיגְט הָאט אויף אִיהם גֶעווִירְקְט דִיא לִיעבְּלִיכֶע סְצֶענֶע, וָואס עֶר הָאט דָארְטֶען גֶעטְרָאפֶען. דָאס אִיז גֶעוֶוען אַיין בַּאלְזַאם אויף זַיינֶע אויפְגֶערִיסֶענֶע וואוּנְדֶען, וֶועלְכֶעס הָאט אִיהם עֶרְקְוִויקְט, עֶרְלִינְדֶערְט נָאר נִיט אִין גַאנְצֶען אויסְגֶעהֵיילְט. ר׳ יהודה׳ן הָאט זֶעהר בַּאנְג גֶעטְהוּן זייא צוּ פֶערְשְׁטֶערֶען זַייעֶר פֶערְגְנִיגֶען מִיט אַפְּלוּצְלִיכֶע שְׁלֶעכְטֶע בְּשׂוּרָה. אויךְ הָאט זִיךְ אִיהם נִיט גֶעגְלוּסְט אברהם׳ן אָפְּרוּיבֶּען דִיא רוּהֶע, אִין וָועלְכֶער עֶר הָאט זִיךְ יֶעטְצְט זֶעהר גֶענֶאטְהִיגְט, אונ דַארוּם הָאט עֶר אִיהם גָאר נִיט אַנְטְפְּלֶעקְט פון דֶעם אַלֶעמֶען, וָואס הָאט זִיךְ אִין דֶער לֶעצְטֶער צַייט גֶעטְרָאפֶען. אברהם אִיז נָאךְ אִין אֱמֶת אַרַיין שְׁטַארְק שְׁוַואךְ גֶעוֶוען, דֶער צוּ הָאט זִיךְ אִיהם אוּנְטֶער גֶעוָוארְפֶען אַיין בְּרֶענֶענְדִיגֶער פִיעבֶּער, אִין וֶועלְכֶען עֶר אִיז גֶעלֶעגִין פֶערְטְרָאגֶען עֶטְלִיכֶע טָאג כְּסֵדֶר. הולדע אִיז דִיא גַאנְצֶע צַייט פון זַיין בֶּעט אויף קַיין טְרִיט גִיט אָפְּגֶעטְרִיטֶען.

דֶעם זֶעלְבֶּען אִין דֶער פְרִיה, הָאט זִיךְ ר׳ יהודה אָנְגֶעטְהוּן אִין זַיינֶע פָּארְמֶענֶע מַלְבּוּשִׁים אונ אִין בַּאלֵייט פון פִיעל בֶּעדִיענֶער, וִויא עֶס פַּאסְט אַזַא גְרוֹיסֶען מַאן, וִויא עֶר אִיז גֶעוֶוען, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען גְלַייךְ צוּ דֶעם אָרְט, פון וַואנֶען מִיר הָאבֶּען נֶעכְטֶען גֶעזֶעהֶען ארטהורען וִויא אַיין וָואלְף אַרוּיס שְׁפְּרִינְגֶען אויף הולדען. דָארְטֶען הָאבֶּען גֶעלַאגֶערְט דִיא שְׁלוּחִים פוּנְ׳ם טֶעמְפֶּעלְאָרְדֶען. אָנְקוּמֶענְדִיג אַהִין הָאט עֶר זִיךְ גֶעלָאזְט מֶעלְדֶען אונ בַּאלְד דַארוּיף אִיז עֶר צוּ דֶעם רִיטֶער האספארד אִין קַאבִּינֶעט אַרַיינְגֶעטְרִיטֶען.

האספארד אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אַיינְגֶעצוֹיגֶען אִין מִילִיטֶערִישֶׁע מַלְבּוּשִׁים

רעזידענץ זאל זיך אזא שנעק פערגינען צו איבערפאלען מיין מיניסטארס טאכטער, אונ נאך אין דער צייט, ווען זיא האט זיך נאר וואס פון דער קאניגין אומגעקעהרט! דיזער פרעכער יונגלינג האט זיך געקענט איינשטעלען צו האנדלען וויא איין מארדער אונ דער צו נאך אין מיט שטאדט אונ ניט וייט פון מיין פאלאץ! יעטצט ווייסט דוא, יהודה, וואס פיר איין היילינע כתה דיזע מענשען זענען, דוא קענסט דיך דער פון פערזיכערען, וואס פיר איין אונזיטליכע קאמפאניע דאס איז, אז זייא האבען אפילו קיין מורא ניט פאר מיין כעס אונ אכטען מיך גאר ניט יעטצט זעהסט דוא שוין אז דוא ביסט אנגערעכט געוועזען, וואס דוא האסט בייא מיר געפאדערט, אז איך זאל זייא נאך געבען הנחות, אונ איך האב מיך געלאזט איינרעדען אונ בין בעשטאנען אויף דיינע עצות. יעטצט קענסטו דוא דיר פארשטעלען, אז דיזע רויבער, וועלען מיין לאנד מיט דיא ביינער אויפפרעסען, אונ דער פון כלה ואבד מאכען. נאר דיא זאך איז שוין אפגעטהון, עס איז שוין פערפאלען, איך דאנק נאר גאט, וואס ער האט מיר בעצייטען דיא אויגען געעפינט, אונ איך בין געוואהר געווארען וואס זייא זענען. חאפען דיזען מארדער אונ איהם אין תפיסה איינשליסען, וויל איך ניט, ווייל איך וויל ניט איבער טרעטין דעם זאקאן, מיט וועלכען עס בענוטצען זיך פרעמדע מענשען, אין מיין לאנד, אבוואהל איך האב יעטצט דאס רעכט אויף דעם, חוץ דעם בין איך דורך מיינע דיענער געוואהר געווארען, אז דער באזע וויכט האט היספאניע פערלאסען, אונ דארום בעפויהל איך דיר, אז דוא זאלסט אביזאוועז דיא איבעריגע שלוחים פון דעם טעמפעל ארדען, אז זייא זאלען אהן תירוץ ביז 3 טאג מיין רעזידענץ פערלאסען אונ זיך אומקעהרען אהין פון וואנען זייא זענען געקומען, אונ דיא אלע פאפירען, וואס דוא האסט מיט זייא געפיהרט, זאלסט דוא אויך איבער געבען מיין אויבערשטען ראטה.

אונ נאך איידער יהודה האט אויספייעט איין ווארט צו רעדען, האט איהם דער קאניג איין צייכען געגעבען, אז ער מאג שוין געהען.

ר׳ יהודה איז פון דעם אלעמען שטארק טרויעריג געווארען. ער האט זיין קאניג גאנץ גוט געקענט מיט אלע זיינע פעהלערען. ער האט געזעהען, אז ער האט ביים קאניג שוין זיין ווערטה פערלוירען, ער האט אויך געזעהען, אז ארטהור מיט זיין יעטצטיגען באגעהען, האט איהם פערדארבען אלע זיינע קלוגע פלאנעד, וואס ער האט אזוי ערינסט אונ אזוי פארזיכטיג געצייכענט. זיין הארץ האט איהם געבלוטעט ביים איינציגען ערמאנען זיך, אז וואס פיר איין שלעכטען סוף עס וועט טרעפען זיינע געליעבטע אומגליקליכע ברידער, וואס וואהנען אין ירושלים. איהם האט זיך שוין לעבעדיג פארגעשטעלט דיא אונגליקליכע ברידער, וויא אזוי

געפאלען, אברהם האט זיא צו זיין הארץ געדריקט אונ זיך צוא איהר אנגערופען:

— מיין טהייערע הולדע! יעטצט ביסט דוא מיינע, מיינע אויף עוויג! דוא ביסט מיין אייגענטהום, וואס איך האב דיך געוואונען מיט מיין אייגענער האנד. איך האב פאר דיר געשטריטען מיט דעם וואסער עלעמענט, איך האב דיך פון רויברישע מענשליכע האנד גערעטעט, איך האב דיר דיינע טריט געצאהלט אונ דאס אונגליק צו דיר ניט צו געלאזט צו טריטען, אונ געלויבט איז זיין ליעבער נאמען, ער האט מיר געהאלפען אונ איז מיר בייא געשטאנען, יעטצט זענען מיר צו זאמען אונ האף אז מיר וועלען איינס דאס אנדערע ניט נארען אונ עוויג זיך געטריי זיין! ....

אין דיזע היילינע איינגענעהמע מינוטען, איז ר׳ יהודה הלוי אין דעם צימער אריינגעטריטען, זיין פאטער־הארץ האט פיר שמחה אין איהם געשפרונגען, ער האט יעטצט אויף דער וואך געזעהען, וואס גאט האט איהם ביז יעטצט נאר אין חלום געוויעזען. אלע זיינע זיסטע האפנונגען זענען איהם יעטצט ערפילט געווארען, אונ וויא אזוי האט ער ניט גע־קענט העכסט פרעהליך זיין? ער איז דיא רגע צוא זייא צו געגאנגען ארויפגעלעגט אויף זייערע קאפף זיינע האנד אונ זייא געבענטשט.

נאר פאר וואס איז ר׳ יהודה פלוצים טרויעריג געווארען? איין דונקלער וואלקען האט אויף זיין ליכטיג געזיכט איבער געצויגען אונ דיא העלע פרייד, וואס ער האט ערשט גענאסען, עטוואס פערפינסטערט?

## 9.

דיא נאכריכט, אז הולדע איז אויף דער שטראסע איבער געפאלען געווארען דורך ארטהורען, האט זיך צו שפרייט איבער גאנץ קארדאווא, אונ האט געגרייכט צום קאניגס אויערען, דער קאניג איז שטארק אויפ־געבראכט געווארען, ניט נאר אויף ארטהורען אליין, נאר אויף דעם גאנצען היילינען ארדען. מען קען ריכטיג ניט וויסען צו דער קאניג איז באמת אויפגעטראגען געווארען נאר דער פאר, וואס אין זיין רעזידענץ האט זיך געקענט טרעפען אזא שרעקליכע מעשה. צו איז ער גלאט געווען צו פריעדען, וואס ער האט יעטצט איין סבה געפונען זיך צו נוקם זיין אין דעם טעמפעל־ארדען, נאר דאס ווייסען מיר געוויס, אז נאך דעם אבענד האט ער איין שליח געשיקט אונ ר׳ יהודה׳ן בעפוהלען, אז ער זאל פיר איהם ערשיינען.

— וואס זאגסט דוא דער צו, יהודה! — האט איהם דער קאניג באגעגענט — וויא געפעהלט דיר עפיס דיא היילינע חברה? אין מיין

רעזידענץ זאל זיך אזא שנעק פערגינען צו איבערפאלען מיין מיניסטארס טאכטער, אונ נאך אין דער צייט, ווען זיא האט זיך נאר וואס פון דער קאניגין אומגעקעהרט! דיזער פרעכער יונגלינג האט זיך געקענט איינשטעלען צו האנדלען וויא איין מארדער אונ דער צו נאך אין מיט שטאדט אונ ניט וייט פון מיין פאלאץ! יעטצט ווייסט דוא, יהודה, וואס פיר איין היילינע כתה דיזע מענשען זענען, דוא קענסט דיך דער פון פערזיכערען, וואס פיר איין אונזיטליכע קאמפאניע דאס איז, אז זייא האבען אפילו קיין מורא ניט פאר מיין כעס אונ אכטען מיך גאר ניט יעטצט זעהסט דוא שוין אז דוא ביסט אנגערעכט געוועזען, וואס דוא האסט בייא מיר געפאדערט, אז איך זאל זייא נאך געבען הנחות, אונ איך האב מיך געלאזט איינרעדען אונ בין בעשטאנען אויף דיינע עצות. יעטצט קענסט דוא דיר פארשטעלען, אז דיזע רויבער, וועלען מיין לאנד מיט דיא בייזער אויפפרעסען, אונ דער פון כלה ואבד מאכען. נאר דיא זאך איז שוין אפגעטהון, עס איז שוין פערפאלען, איך דאנק נאר גאט, וואס ער האט מיר בעצייטען דיא אויגען געעפינט, אונ איך בין געוואהר געווארען וואס זייא זענען. חאפען דיזען מארדער אונ איהם אין תפיסה איינשליסען, וויל איך ניט, ווייל איך וויל ניט איבער טרעטין דעם זאקאן מיט וועלכען עס בענוטצען זיך פרעמדע מענשען, אין מיין לאנד, אבוואהל איך האב יעטצט דאס רעכט אויף דעם, חוץ דעם בין איך דורך מיינע דיענער געוואהר געווארען, אז דער באזע וויכט האט היספאניע פערלאסען, אונ דארום בעפויהל איך דיר, אז דוא זאלסט אבזאגען דיא איבעריגע שלוחים פון דעם טעמפעל ארדען, אז זייא זאלען אהן תירוץ ביז 3 טאג מיין רעזידענץ פערלאסען אונ זיך אומקעהרען אהין פון וואנען זייא זענען געקומען, אונ דיא אלע פאפירען, וואס דוא האסט מיט זייא געפיהרט, זאלסט דוא אויך איבער געבען מיין אויבערשטען ראטה.

אונ נאך איידער יהודה האט אויסגעשפייעט אייןווארט צו רעדען, האט איהם דער קאניג איין צייכען געגעבען, אז ער מאג שוין געהען.

ר׳ יהודה איז פון דעם אלעמען שטארק טרויעריג געווארען. ער האט זיין קאניג גאנץ גוט געקענט מיט אלע זיינע פעהלערען. ער האט געזעהען, אז ער האט ביים קאניג שוין זיין ווערטה פערלוירען, ער האט אויך געזעהען, אז ארטהור מיט זיין יעטציגען באגעהען, האט איהם פערדארבען אלע זיינע קלוגע פלאנער, וואס ער האט אזוי ערינסט אונ אזוי פארזיכטיג געצייכענט. זיין הארץ האט איהם געבלוטעט ביים איינ־ציגען ערמאנען זיך, אז וואס פיר איין שלעכטען סוף עס וועט טרעפען זיינע געליעבטע אומגליקליכע ברידער, וואס וואהנען אין ירושלים. איהם האט זיך שוין לעבעדיג פארגעשטעלט דיא אונגליקליכע ברידער, וויא אזוי

גֶעפַאלֶען, אברהם הָאט זִיא צוּ זַיין הַארְץ גֶעדְרִיקְט אוּנ זִיךְ צוּא אִיהר אָנְגֶערוּפֶען:

— מַיין טְהַייעֶרֶע הולדע! יֶעטְצְט בִּיסְט דוּא מַיינֶע, מַיינֶע אוֹיף עֶוִויג! דוּא בִּיסְט מַיין אֵיינְגֶענְטְהוּם, וָואס אִיךְ הָאבּ דִיךְ גֶעוואוּנֶען מִיט מַיין אֵייגֶענֶער הַאנְד. אִיךְ הָאבּ פַאר דִיר גֶעשְׁטְרִיטֶען מִיט דֶעם וַואסֶער עֶלֶעמֶענְט, אִיךְ הָאבּ דִיךְ פוּן רוֹיבֶּרִישֶׁע מֶענְשְׁלִיכֶע הֶאנְד גֶערֶעטֶעט, אִיךְ הָאבּ דִיר דַיינֶע טְרִיט גֶעצֶאהלְט אוּנ דָאס אוּנְגְלִיק צוּ דִיר נִיט צוּ גֶעלָאזְט צוּ טְרִיטֶען, אוּנ גֶעלוֹיבְּט אִיז זַיין לִיעבֶּער נָאמֶען, עֶר הָאט מִיר גֶעהָאלְפֶען אוּנ אִיז מִיר בַּייא גֶעשְׁטַאנֶען, יֶעטְצְט זֶענֶען מִיר צוּ זַאמֶען אוּנ הָאף אַז מִיר וֶועלֶען אֵיינְס דָאס אַנְדֶערֶע נִיט נַארֶען אוּנ עֶוִויג זִיךְ גֶעטְרַייא זַיין! ....

אִין דִיזֶע הֵיילִיגֶע אֵיינְגֶענֶעהְמֶע מִינוּטֶען, אִיז ר׳ יהודה הלוי אִין דֶעם צִימֶער אַרַיינְגֶעטְרִיטֶען, זַיין פָאטֶער-הַארְץ הָאט פִיר שִׂמְחָה אִין אִיהם גֶעשְׁפְּרוּנְגֶען, עֶר הָאט יֶעטְצְט אוֹיף דֶער וַואךְ גֶעזֶעהֶען, וָואס גָאט הָאט אִיהם בִּיז יֶעטְצְט נָאר אִין חָלוֹם גֶעוִויעזֶען. אַלֶע זַיינֶע זִיסְטֶע הָאפְנוּנְגֶען זֶענֶען אִיהם יֶעטְצְט עֶרְפִילְט גֶעוָוארֶען, אוּנ וִויא אַזוֹי הָאט עֶר נִיט גֶע-קֶענְט הֶעכְסְט פְרֶאהלִיךְ זַיין? עֶר אִיז דִיא רֶגַע צוּא זַייא צוּ גֶעגַאנְגֶען, אַרוֹיפְגֶעלֶעגְט אוֹיף זֵייעֶרֶע קָאפְּף זַיינֶע הֶאנְד אוּנ זַייא גֶעבֶּענְטְשְׁט.

נָאר פַאר וָואס אִיז ר׳ יהודה פְּלוּצִים טְרוֹיעֶרִיג גֶעוָוארֶען? אַיין דוּנְקֶלֶער וָואלְקֶען הָאט אוֹיף זַיין לִיכְטִיג גֶעזִיכְט אִיבֶּער גֶעצוֹיגֶען אוּנ דִיא הֶעלֶע פְרֵייד, וָואס עֶר הָאט עֶרְשְׁט גֶענָאסֶען, עֶטְוָואס פֶערְפִינְסְטֶערְט?

9.

דִיא נַאכְרִיכְט, אַז הולדע אִיז אוֹיף דֶער שְׁטְרַאסֶע אִיבֶּער גֶעפַאלֶען גֶעוָוארֶען דוּרְךְ ארטהורען, הָאט זִיךְ צוּ שְׁפְּרֵייט אִיבֶּער גַאנְץ קארדאווא, אוּנ הָאט גֶעגְרֵייכְט צוּם קֶאנִיגְס אוֹיעֶרֶען, דֶער קֶאנִיג אִיז שְׁטַארְק אוֹיפְגֶעבְּרַאכְט גֶעוָוארֶען, נִיט נָאר אוֹיף ארטהורען אַלֵיין, נָאר אוֹיף דֶעם גַאנְצֶען הֵיילִיגֶען אָרְדֶען. מֶען קֶען רִיכְטִיג נִיט וִויסֶען צוּ דֶער קֶאנִיג אִיז בֶּאֱמֶת אוֹיפְגֶעטְרָאגֶען גֶעוָוארֶען נָאר דֶער פַאר, וָואס אִין זַיין רֶעזִידֶענְץ הָאט זִיךְ גֶעקֶענְט טְרֶעפֶען אַזַא שְׁרֶעקְלִיכֶע מַעֲשֶׂה. צוּ אִיז עֶר גְלַאט גֶעוֶועזְן צוּ פְרִיעדֶען, וָואס עֶר הָאט יֶעטְצְט אַיין סִבָּה גֶעפוּנֶען זִיךְ צוּ נוֹקֵם זַיין אִין דֶעם טֶעמְפֶּעל-אָרְדֶען, נָאר דָאס וֵוייסֶען מִיר גֶעוִויס, אַז נָאךְ דֶעם אָבֶּענְד הָאט עֶר אַיין שָׁלִיחַ גֶעשִׁיקְט אוּנ ר׳ יהודה׳ן בֶּעפוֹיהלֶען, אַז עֶר זָאל פִיר אִיהם עֶרְשַׁיינֶען.

— וָואס זָאגְסְט דוּא דֶער צוּ, יהודה! — הָאט אִיהם דֶער קֶאנִיג בַּאגֶעגֶענְט — וִויא גֶעפֶעהלְט דִיר עֶפִּים דִיא הֵיילִיגֶע חֶבְרָה? אִין מַיין

געוואהר ווערען וואס ער מאכט. דיא טרעגער האבען איהם אויף דיא פלייצעס אויף געהויבען אונ איהם אהיים צו ר' יהודה הלוי אוועק געטראגען.

אברהם'ס וואונד איז ניט קיין געפאהרליכע געוועזען. דאס פיעל בלוט, וואס ער האט פערלוירען, האט איהם נאר שטארק אפגעשוואכט. הולדע איז געוועזען שרעקליך טרויעריג פון דעם טרעפעניש, זיא האט גע־פיהלט, אז איהר לייכטזיניקייט האט איהם געבראכט צו דעם אומגליק, אז ער האט געמוזט זיך שוין דאס אנדערע מאל איינשטעלען זיין לעבען פון איהרעט וועגען, אויך האט זיא פערשטאנען אז אויף מארגען וועט דיא גאנצע שטאדט מיט איהר קלינגען, אונ דאס אלעס האט זיא שטארק געקריינקט אונ צו דער ערד געבויגען. פיר בזיון, האט זיא קיין סמיעלאסט געהאט צו קוקען גלייך אין דיא אויגען אריין איהר פאטער אונ איהר מאנטע. אונ דארום האט זיא זייא צו זיך ניט צו געלאזט. אליין אונ גאנץ טרויעריג איז זיא אין איהר צימער דיא גאנצע נאכט איבער געזעסען אונ קיין שלאף איז אויף איהרע אויגען געקומען. דיא זון איז נאר וואס אויפגעגאנגען, האט זיך הולדע באלד איינגעצויגען אונ גלייך צו אברהם'ס צימער געגאנגען, אברהם האט זיא דערזעהען אונ האט איהר זיין האנד אקעגען געשטרעקט, הולדע האט איהר געזיכט אין זיין האנד פערבארגען אונ ביטערליך אנגעהויבען צו וויינען.

— מיין ליעבער אברהם! — האט זיא מיט געוויין געזאגט — וועסט דוא מיך נאך קענען ליעבען וויא אמאל?...

— מיין טהייערע הולדע — האט אברהם איהר פריינדליך גיענטפערט — איך בעט דיך, וויין ניט; וויש אפ דיינע טהרערען! וואס האסט דוא דען געגען מיר געזינדיגט וואס דוא ביטסט מיך אויף זייא פערצייהונג? פארקעהרט, איך זעה דא קיין שום זינד ניט, איך זעה, וויא העלדיש דוא ביסט אויסגעשטאנען דעם נסיון, וואס גאט האט דיך געפרובט, אונ דערפאר טאקי ליעב איך דיך נאך דאפעלט מאל. מיין ליעבע הולדע! איך וייס, אז שוין זייט לאנג האבען מיר זיך איינס דאס אנדערע הייס געליעבט, נאר מיר האבען קיינער דאס סמיעלאסט געהאט דאס אפענטליך צו ערקענען זיך דריגען, יעטצט האט גאט אזוי וואונדערליך געפיהרט, אז דאס איז אפענטליך געווארען פאר דער גאנצער וועלט. פערגעס, מיין זיס לעבען! אין גאנצען דיין קומער אין דיזער הייליגער מינוט. יעטצט מוזען מיר זיך איינס דעם אנדערען עוויגע ליעבע שווערען, אונ מיר וועלען, עס מיט גאטעס הילף אויס האלטען ביז דער לעצטער טאג פון אונזער לעבען וועט קומען!

זיא איין באלזאם האבען אברהם'ס ווארטער אויף הולדען געווירקט, זיא איז נייע בעלעבט געווארען, זיא איז איהם אויף דעם האלז ארויפ־

(ר"י הלוי ח"ב)

וֶועג ! — הָאט מֶען פְּלוּצִים דֶער הָארְט אַיין מֶענְלִיכֶע שְׁטַארְקֶע שְׁטִימֶע — אִיךְ בִּין פֶערְזִיכֶערְט אַז אִיהר וֶועט נִיט וֶועלֶען אָנְמַאכֶען אַיין גְוַואלְד אִין דֶער רֶעזִידֶענְץ פוּנ'ם קֶענִיג, אויךְ וֶועט אִיהר נִיט וֶועלֶען שֶׁענְדֶען אַייעֶר נָאמֶען אוּנ דֶעם נָאמֶען פוּן אַייעֶר הַיילִיגֶען אָרְדֶען .... לָאזְט אָפּ דָאס פְּרַיילֶען, זִיא אִיז מַיין בְּרוּיט !

— דָאס בִּיסְט דוּ דֶער אבן עזרא, דֶער יוּדֶע ! גֶעה דִיר דַיין וֶועג. אַיין רִיטֶער שְׁרֶעקְט זִיךְ פַאר קַיין יוּדֶען נִיט, אֶלָּא נִיט וֶועל אִיךְ דִיר דֶעם קָאפְּף שְׁפַּאלְטֶען.

הולדע הָאט זִיךְ שְׁטַארְק עֶרְשְׁרָאקֶען: — „דָאס אִיז מַיין חָלוֹם וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעזֶעהֶען“ — הָאט זִיא בַּייא זִיךְ גֶעטְרַאכְט —. אברהם הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּען זַיין שְׁוֶוערֶען שְׁטֶעקֶען אוּנ הָאט הולדען פֶערְשְׁטֶעלְט פוּן ארטהורען, וֶועלְכֶער הָאט זִיךְ אוֹיף אִיהר אַלָּאז גֶעטְהוּן וִויא אַיין וָואלְף אוֹיף זַיין רוֹיבּ. וֶוען ארטהור הָאט דֶער זֶעהֶען אַז אברהם שְׁטֶעהְט אִיהם אִין וֶועג, אִיז עֶר שְׁטַארְק גֶערֵייצְט גֶעוָוארֶען אוּנ הָאט זַיין שְׁוֶוערְד אַרוֹיס גֶעחַאפְּט, אברהם'ן דֶעם קָאפְּף צוּ שְׁפַּאלְטֶען, נָאר אברהם אִיז אוֹיךְ קַיין מְלַפּוּם קִינְד נִיט גֶעוֶוען, עֶר הָאט נָאךְ פָארְאוֹיס גֶעזֶעהֶען, אַז עֶס וֶועט זִיךְ אַזוֹי טְרֶעפֶען, אוּנ דַארוּם הָאט עֶר גִיךְ גֶעאַיילְט אָפּ צוּ וַוארְפֶען ארטהורס שְׁוֶוערְד מִיט זַיין שְׁטֶעקֶען. דִיא שְׁוֶוערְד אִיז אוֹיף דֶער זַייט גֶענֵייגְט, דֶעם שְׁטֶעקֶען אוֹיף שְׁטִיקְלִיךְ צוּ בְּרָאכֶען, אוּנ נָאר אברהם'ס הַאנְד עֶטְוָואס פֶערְוואוּנְדֶעט. ארטהור הָאט ווִיעדֶער אַמָאל זַיין שְׁוֶוערְד אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּען אוֹיף אברהם'ן; נָאר אִין דִיזֶער מִינוּט הָאט זִיךְ דֶער הֶערְט עֶטְלִיכֶע שְׁטִימֶען פוּן פִיעל מֶענְשֶׁען, וָואס זֶענֶען גֶעלָאפֶען צוּ דֶעם פְּלַאץ, אוּנ הָאבֶּען גֶעשְׁרִיגֶען: חַאפְּט דִיא רַאזְבּוֹינִיקִים ! חַאפְּט זֵייא לֶעבִּידִיגֶערְהֵייט ! — ארטהורס קְנֶעכְט הָאבֶּען אִיהם בַּאלְד אָנְגֶעוויזֶען, אַז מֶענְשֶׁען לוֹיפֶען. ארטהור הָאט גֶעזֶעהֶען אַז דִיא צַייט אִיז מְהַייעֶר, הָאט עֶר פוּן אברהם'ן אָפְּגֶעלָאזְט אוּנ מִיט זַיינֶע קְרֶעפְטִיגֶע הֶענְד הולדען אַחַאפּ גֶעטְהוּן, וֶועלְכֶע אִיז גֶעוֶוען פוּן שְׁרֶעק אִין אוּנְמַאכְט. אברהם הָאט אִיהם אָבֶּער בַּייא דֶער הַאנְד אַחַאפּ גֶעטְהוּן אַזוֹי שְׁטַארְק, אַז עֶר הָאט זִיךְ פוּנ'ם אָרְט נִיט גֶעקֶענְט רִיהְרֶען, דֶער וַוייל זֶענֶען אוּנְטֶער גֶעלָאפֶען דִיא מֶענְשֶׁען מִיט מַאזְעסֶען צוּ זַאמֶען, וֶועלְכֶער הָאט זֵייא גֶעפִיהְרְט. אוֹיךְ פוּנ'ם גֶעטוּמֶעל, זֶענֶען אָנְגֶעלָאפֶען עֶטְלִיכֶע אַיינְוָואהְנֶער פוּן דֶעם גָאסֶעל. ארטהור הָאט פֶערְשְׁטַאנֶען אַז עֶר וֶועט שוֹין דָא גָאר נִיט מַאכֶען, הָאט עֶר מִיט גְוַואלְד זַיין הַאנְד אוֹיסְגֶערִיסֶען אוּנ אִיז פֶערְשְׁוואוּנְדֶען גֶעוָוארֶען.

אברהם אִיז שְׁטַארְק אָפּ גֶעשְׁלַאפְּט גֶעוָוארֶען, דֶער פוּן וָואס עֶר הָאט פִיעל בְּלוּט אָנְגֶעוָואהְרֶען פוּן דֶער וואוּנְד, אוּנ אִיז שִׁיעֶר צוּ דֶער עֶרְד נִיט גֶעפַאלֶען. מַאזְעס הָאט אִיהם בַּאלְד אוּנְטֶערְגֶעחַאפְּט אוּנ אִיהם אִין דֶער נַאסִילְקֶע אַרַיינְגֶעזֶעצְט. אוֹיךְ הולדע אִיז צוּ אִיהם צוּ גֶעגַאנְגֶען

מענש ווערען, דיא אויגען האבען געגלאנצט מיט אזעלטזאמעס פייער; דיא באקען האבען וויא איין פורפור געברענט, אונ איהר גאנץ געשטאלט איז וויא עדלער, פיינער געווארען. דיא קאניגין האט אויף איהר געקוקט אונ זיך ניט געקענט זאט אנקוקען, אונ עס איז קיין גרויס וואונדער ניט: הולדע איז געוועזען שען, פיין אונ דאצו געלערענט, ר׳ יהודה הלוי האט פון זיין טאכטער ניט פערבארגען קיין שום חכמה אונ מיט איהר פלייסיג דורכגעשטודיערט אלעס, וואס זיין גרויסער גייסט האט זעלבסט פערשטאנען אונ געוואוסט. אין אזעלכע געשפרעך האט זיא ביא דער קאניגין ביז פארנאכט פערבראכט. ביים צו שיידען זיך, האט איהר דיא קאניגין איהרע הולד געוויזען אונ זיך מיט איהר פריינדליך געזעגענט.

יעטצט האט זיך הולדע צוריק אהיים אומגעקעהרט אין איין נאסילקע אויף דעם קליינעם איינזאמען גאסעל, באלייט פון איין מענשען. הולדעס נאסילקע האט נאך ניט אויסגעפיעט קיין פונפציג טריט מאכען אין דעם גאסעל, זא האט זיך מיט האסט איין טהויער געעפינט אונ פון דארטען איז ארויסגעשפרונגען איין יונגער העלד מיט עטליכע קנעכט אונ האט מיט שטריינגהייט געבאטען, דיא טרעגער פון הולדעס נאסילקע, אז זייא זאלען בלייבען שטעהען. ער איז צוגעגאנגען צו דער נאסילקע אונ זיא מיט כעס אויפגעעפינט. הולדע האט צו איהרע גרויסע שרעקען ארטהורען דערקענט, נאר ניט דעם איינענעם פיינעם ארטהורען, וואס זיא האט געקענט, נאר איין צורייצטען לייב אין ארטהורס געשטאלט; אזוי איז ער איהר אין דיזער צייט פארגעקומען, זיא איז ערציטערט געווארען.

— הולדע! — האט ארטהור מיט כעס געזאגט — איך פאדער בייא דיר נאך אמאל, אז דוא זאלסט מיר שווערען בייא וואס דיר היילינ איז, אז דוא וועסט מיר ערלויבען דיך צום קאמפ־פלאץ באלייטען, אלא ניט בלייבסט דוא מיינע געפאנגענע, אונ וועסט שוין אהיים ניט קומען.

הולדע האט פון שרעק קיין ווארט ניט געקענט רעדען. ענדליך האט זיא זיך ערמאנט אונ מיט בעהערציגקייט זיך אנגערופען: — הערר ארטהור! עס פאסט ניט פון אייך מיך אויף דעם וועג וויא איין גזלן צו בעפאלען, אונ איהר ווייסט אז איהר וועט פונ׳ם קעניג ניט בלייבען אונבעשטראפט, ווען ער וועט דער פון געוואהר ווערען.

— שרעק מיך ניט, הולדע! האט ארטהור אויס געשריגען — איך אכטע יעטצט אויף קיין שום זאך אין דער וועלט. שווער מיר, אדער דוא מוזט מיט מיר געהען!

— איך בית אייך, ארטהור! לאזט מיך מיין וועג געהען, איך האב דאך שוין געזאגט, אז איך בין פערקנסט פאר איין אנדערען.

— אונ דארום! ....

— אונ דארום לאזט נאר דיא נאסילקע אפ אונ געהט אייך אייער


וועג

זיך געדרענגט אונ געחווילעט אמאסע מענשען: יונגע, מיטעלע מאנער אונ גרייז גרויע אלטיטשקע אנגעשפארט אויף זייערע שטעקען. פון די גאניגעס אונ דיא אפענע פענצטער האט זיך געטראגען אויף דער שטראסע ארויס שענע קלינגענדיגע קולות פון: גיטארעס, פידלען, פיאנעס, א. ד. ג. אויך צייטען ווייז האט זיך געהערט אגעזאנג פון מענשען שטימעס בעגלייט אויף עטוואס איין אינסטרומענט. איבעראל, געשפרעך, געלאכטער אונ אשרעקליך רוישען פון דער מענגע מענשען. דיא שטראסע מיט איהרע שורות בוימער האט זיך געענדיגט פאר׳ן קאניגס פאלאץ, פאר וועלכען עס איז געוועזען אשענער פיער עקיגער פלאץ מיט טהייערע בלומען אונ פלאנצען. דיא שפאצירענדע, אנקומענדיג אהין, האבען באלד פערקעהרט ליינקס אונ צוריק אויף דער שטראסע אויף דער אנדערער זייט אומגעקעהרט. פונ׳ם קאניגס הויף איז אין דיזער צייט איין זאנפטע (נאסילקע) ארויס געטראגען געווארען, מיט איין מענשען, וואס ער איז אין איהר געזעסען. דיא נאסילקע, האט אויף דער שטראסע, וואס איז געוועזען אנגעפילט מיט מענשען, קיין וועג פיר זיך ניט געקענט געפינען, אונ דארום האט זיא געמוזט אוועק ביינגען אין אזייטען גאסעל, וואס איז געגאנגען גלייך בייא דער זייט פון דער גרויסער שטראסע. דאס גאסעל איז געוועזען איינזאם אונ קיין לעבעדיגע מענשען האט מען דארט ניט געזעהען, נאך דער נאסילקע איז נאך געגאנגען ניט מעהר וויא איין באגלייטער.

בעת ארטהור האט הולדען פערלאזט, איז זיא וויא דער הרגט צוריק געבליעבען אין איהר חדר. ביסליך ווייז האט זיך דער שטורם אין איהר הארצען געלעגט אונ שטילער געווארען. זיא האט פון זיך זעלבער הנאה געהאט, וואס זיא האט דעם מוטה בעזעסען אונ דיא מלחמה אויס געשטאנען. זיא האט ארויס געזעהען, אז זיא האט זעהר רעכט געטהון, דאמיט וואס זיא האט ארטהורען אפ געזאגט, אונ האט געהאפט אויף אבעסערער צוקונפט, נאר איין זאך, האט זיא נאך ניט געלאזט רוהען: ארטהור האט מיט גרויס כעס איהר צימער פערלאזט אונ וועט געוויס ניט שווייגען אונ זוכען איין געלעגענהייט אין איהר זיך נוקם צו זיין. בעת זיא איז אזוי געזעסען פערטיעפט אין פיעל געדאנקען, זענען אנגעקומען דיא דינער פון דער קאניגין אונ זיא איינגעלאדען צו איהר צו געהען, וויא זיא פלעגט שטענדיג צו טהון. הולדע איז ניט געזאמט צו איהר געגאנגען. דארטען בייא דער קאניגין האט זיא אשטיקעל צייט פערבראכט אין פערגניגען אונ אין געשפרעך. דיא קעניגין האט זיא אויסגעפרעגט, וואס עס הערט זיך אין שטאדט נייעס אונ צווישען דעם האט זיא אויך זיא געפרעגט אויף איניגע יודישע מנהגים אונ דינים. הולדע האט איהר מיט שכל אונ אנמוטה געגעבען אלעס צו פערשטעהען. בעת זיא האט גערעדט פון רעליגיע זאכען, פלעגט הולדע איין אנדער

— נַיין, מַיין הֶערר! — הָאט אִיהם הולדע בֶּעהֶערְצְט גֶיעֶנְטְפֶערְט — לָאזְט אָוֶועק אַייֶערֶע אוּמְזִיסְטִיגֶע חֲלוֹמוֹת, עֶס אִיז פַאלְשֶׁע חֲלוֹמוֹת, וֶועלְכֶע וֶועלֶען גִיךְ פֶערְשְׁווִאוּנְדֶען וֶוערֶען פַאר דֶער ווִירְקְלִיכְקֵייט פוּנ׳ם לֶעבֶּען. אוּנ חוּץ דֶעם אִיז מַיין לַאגֶע גָאר אַיין אַנְדֶערֶע, אִיךְ קֶען מַיין אַלְטֶען פָאטֶער קֵיינְמָאל אוּנ פַאר קֵיין שׁוּם גְלִיק אִין דֶער וֶועלְט נִיט פֶערְלָאזֶען. אִיךְ קֶען מִיךְ נִיט שֵׁיידֶען מִיט דֶעם לֶעבֶּען, מִיט וֶועלְכֶען אִיךְ בִּין פוּן קִינְד וַוייז אָן מִיט הֵיילִיגֶע בֶּאנְדֶער צוּ גֶעבּוּנְדֶען גֶעוָוארֶען. פוּן אַייֶערְט וֶועגֶען, כְּרִיסְטֶען, אִיז דִיא וֶועלְט בַּאשַׁאפֶען גֶעוָוארֶען, אוּנ דַארוּם קֶענְט אִיהר קוּמֶען וָואהִין אִיהר גְלוּסְט. מִיר יוּדֶען זֶענֶען אָבֶּער אַיינְגֶעשְׁלָאסֶען אִין אוּנְזֶערֶע וָואהנוּנְגֶען, אוּנ דַארוּם קֶענֶען מִיר פוּן זֵייא שׁוֹין נִיט אַרוֹיס. מִיר זֶענֶען שׁוֹין דֶער צוּ גֶעוָואהנְט, אוּנ דַארוּם, בִּיט אִיךְ אַייךְ, ארטהור לָאמִיר זִיךְ פְרַיינְדְלִיךְ שֵׁיידֶען אוּנ נִיט פָערְאוּנְהֵיילִיגֶען אוּנְזֶער אַיינְגֶעדֶענְקֶען אֵיינְס בַּיים אַנְדֶערֶען!

— אִיךְ קֶען מִיךְ פוּן אַייךְ אַזוֹי לַייכְט נִיט שֵׁיידֶען, הולדע! — הָאט ארטהור מִיט גְרוֹיס פַייֶער גֶעזָאגְט — אִיךְ וֶועל אַלֶעס מֶאגְלִיכֶע טְהוּן, אוּנ אַייךְ פוּן מַיינֶע הָאנְד נִיט אַרוֹיס לָאזֶען.

— אוֹיבּ אִיהר זֶענְט אַזוֹי אַיינְגֶעשְׁפַּארְט, מוּז אִיךְ אַייךְ אוֹיס זָאגֶען, דָאס וָואס אִיךְ הָאבּ בִּיז יֶעטְצְט פוּן אַייךְ פֶערְהוֹילֶען. וַוייסְט מַיין הֶערר, אַז אִיךְ בִּין יֶעטְצְט שׁוֹין מֶעהר בַּייא זִיךְ נִיט אִין דִיא הֶאנְד, אִיךְ בִּין פֶערְקְנַסְט פַאר אברהם אבן עזרא! ....

דִיזֶע עֶטְלִיכֶע וָוארְטֶער הָאבֶּען אִיהם ווִיא אַיין דוּנֶער גֶעטְרָאפֶען, עֶר אִיז פוּן זֵייא ווִיא דֶער טוֹידְט בְּלֵייךְ גֶעוָוארֶען, עֶר אִיז אַווַיילֶע אוּנ־בֶּעוֶועגְט, ווִיא אַיין זַייל, גֶעבְּלִיבֶּען שְׁטֶעהֶען אוֹיף זַיין אָרְט, עֶנְדְלִיךְ הָאט עֶר זִיךְ רַאשׁ מִיט כַּעס גֶעוֶוענְדֶעט אוּנ דָאס צִימֶער פֶערְלָאזְט אָהן שׁוּם דִבּוּרִים, עֶר הָאט זִיךְ מִיט אִיהר אֲפִילוּ נִיט גֶעזֶעגֶענְט. —

## 8.

אוֹיף דֶער שְׁטְרַאסֶע אלמאדא אִין דֶער שְׁטָאדְט קארדאווא זֶעהֶען מִיר יֶעטְצְט אַמֶענְגֶע מֶענְשֶׁען שְׁפַּאצִירֶען. דִיא הֵייסֶע זוּמֶער זוּן הָאט זִיךְ גֶענֵייגְט צוּם פֶערְגֶעהֶען, דִיא אַיינְוָואהנֶער הָאבֶּען זִיךְ בֶּענוּצְט מִיט דֶעם קִיהלֶען ווִינְטֶעלֶע, וָואס הָאט פַאר נַאכְט צוּ גֶעבְּלָאזֶען, אוּנ הָאבֶּען זֵייעֶרֶע הֵייזֶער פֶערְלָאזְט זִיךְ צוּ עֶרְפְרִישֶׁען מִיט דֶער ווִירְצִיגֶער אָבֶענְד לוּפְט. פִיעל רַייטֶער אוֹיף פֶערְד, פִיעל פָאהְרֶענְדֶע אִין קַארֶעטֶעס הָאבֶּען דִיא גַאס פֶערְפְלֵייצְט, אַז עֶס אִיז כִּמְעַט גֶעוֶועזֶען גֶעפֶאהְרְלִיךְ זִיא אִין דער מִיט דוּרְכְצוּגֶעהֶען. אוֹיף דִיא טְרַאטוּאַרֶען פוּן בֵּיידֶע זַייטֶען וֶועג, הָאבֶּען

אוּנְז, אַז מִיר זָאלֶען דֶעם וֶועג נִיט צוּ זַאמֶען הַאנְד אִין הַאנְד בֶּעטְרִיטֶען, אָט הָאט אִיהר מַיין הַאנְד דַארוֹיף! ....

הוּלדע אִיז דֶערְשְׁרָאקֶען גֶעוָוארֶען; אַשׁוֹידֶער הָאט זִיא אָנְגֶעחַאפְּט, אִיהר הַארְץ אִיז מִיט בִּיטֶערֶע שְׁמֶערְצֶען אָנְגֶעפִילְט גֶעוָוארֶען. זִיא הָאט אִין דִיזֶער מִינוּט גֶעפִיהלְט, וִויא אַיין אוּנְגֶעוְדלִיכֶעס גְלִיק שְׁטֶעהט אִיהר גַאנְץ נָאהִינְט; זִיא הָאט אָבֶּער אוֹיךְ אִין דֶער אֵייגֶענֶער מִינוּט גֶעפִילְט, אַז דָאס גְלִיק אִיז פְרֶעמְד פַאר אִיהר .... זִיא הָאט אִיהר הַאנְד אוֹיף אִיהר בְּרוּסְט אַרוֹיפְגֶעלֶעגְט, מֶען הָאט לַייכְט אָנְגֶעזֶעהֶען אַז זִיא הָאט זִיךְ בֶּעמִיהט דֶעם שְׁטוּרֶם פוּן אִיהר הַארְצֶען צוּ שְׁטִילֶען. פְּלוּצִים אִיז אִיהר אוֹיג אוֹיף דֶער שַׁארְפֶע גֶעפַאלֶען אוּנ זִיא הָאט דֶערְזֶעהֶען דִיא אוֹיסְגֶע־שְׁטִיקְטֶע וָוארְטֶער:

„פְלִיהֶע צוּ דַיין גֶעבִּירְג וִויא אַפוֹיגֶעל
וָוארוּם דֶער בּוֹיגֶען ....״

דִיא גָאלְדֶענֶע שְׁטְרַאהלֶען פוּן דֶער זוּן זֶענֶען דוּרְךְ דֶעם פֶענְסְטֶער אִין צִימֶער אַרַיינְגֶעדְרוּנְגֶען אוּנ בֶּעשַׁיינְט דִיא זִילְבֶּערְנֶע אוֹתִיוֹת. וִויא אַיין בְּלִיטְץ הָאבֶּען זִיא דִיא וָוארְטֶער גֶעטְרָאפֶען. אִין אִיהר פִינְסְטֶערֶען הַארְצֶען אִיז פְּלוּצִים לֶעכְטִיג גֶעוָוארֶען, אִיהר זֶעעלֶע הָאט זִיךְ בֶּעגַייסְטֶערְט אוּנ אִיהר מוֹיל הָאט אוּנְווילְקִירְלִיךְ דִיא אִיבֶּערִיגֶע וָוארְטֶער נָאךְ גֶעשְׁפְּרָאכֶען:

„אִיז גֶעשְׁפַּאנְט
אוּנ דֶער בּוֹיגֶען אִיז שׁוֹין אָנְגֶעצוֹיגֶען״.

פְּלוּצִים הָאט זִיךְ הוּלדע דֶערְמָאנְט וואוּ זִיא אִיז. זִיא הָאט אִיהר שֶׁענֶעס הוֹיפְּט אִין דֶער הוֹיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּען אוּנ מִיט בֶּעהֶערְצִיגְקַייט גֶע־זָאגְט: ארטהור, דָאס וָואס אִיהר לֶעגְט מִיר יֶעטְצְט פָאר, קֶען קֵיינְמָאל נִיט אִין עֶרְפִילוּנְג גֶעהֶען. וֵוייסְט אִיהר דֶען אַלֵיין נִיט וָואס אוּנְז שְׁטֶעהט אִין וֶועג? ....

—וָואס אִיהר זֶענְט אַ אִידִישׁ קִינְד, מֵיינְט אִיהר? — אִיז אִיהר ארטהור אִין דִיא רֵייד אַרַיינְגֶעפַאלֶען — וָואס שַׁאדֶעט דָאס מִיר? וּבִפְרַט אִין אוּנְזֶער גֶעבֶּענְשְׁט לַאנְד היספאניע, וואוּ דֶער כְּרִיסְט מִיט דֶעם יוּדֶען זֶענֶען אוֹיס גֶעגְלַייכְט, דָארְטֶען וואוּ ר׳ יהודה הלוי אִיז דֶעם קֶאנִיגְס מִינִיסְטֶער? מֵיינְט אִיהר אֶפְשַׁר, פְרֵיילֶען, אַז אִיךְ פֶערְלַאנְג פוּן אַייךְ אִיהר זָאלְט פֶערְבַּייטֶען אַייעֶר גְלוֹיבֶּען? אִיךְ קֶען עֶס בַּייא אַייךְ נִיט פָאדֶערֶען, וָוארוּם אִיךְ בִּין זִיכֶער אִין זִיךְ, אַז אִיךְ וָואלְט מַיינֶעם אוֹיךְ בְּשׁוּם אוֹפֶן נִיט גֶעבִּיטֶען; נָאר וָואס שַׁאדֶעט אוּנְז דָאס גְלוֹיבֶּען? זֶעהט, הוּלדע! אִיךְ קוּק אוֹיף קֵיין שׁוּם זַאךְ אִין דֶער וֶועלְט, קֵיין אֶלְטֶערֶען הָאבּ אִיךְ שׁוֹין מֶעהר נִיט, מַיינֶע גֶעזֶעלֶען אוּנ פְרַיינְד פֶערְלַאס אִיךְ אוּנְטֶער זִיךְ, אִיךְ וֶועל מִיט אַייךְ אוֹיף מַיין שְׁלָאס צִיהֶען אוּנ דָארְטֶען וֶועלֶען מִיר גְלִיקְלִיךְ אוּנְזֶער צַייט פֶערְבְּרֵיינְגֶען.

(ר״י הלוי ח״ב)

האט אונוױלקירליך אין זײנער איבער געלאזט. ארטהור האט װײטער געשפראכען:

— א, טהײערע הולדע! רױבט בײא מיר ניט אפ מײנע לעצטע פערגניגען, רױבט בײא מיר ניט אפ דיא זיסע ליעבע, װאס איהר האט געגעבען מיר שוין אײנמאל געװיזען אונ מיר דארויף האפנונג געגעבען!....

הולדע איז בײא זײנע לעצטע װארטער װיא פײער רויטה געװארען, זיא האט אלע איהרע קרעפטע צונויפגענומען. איהר האנט פון זײנער ארוים געריסען, אפ געטרעטען אויף עטליכע טריט צוריק, אונ מיט האסט זיך אנגערופען:

— דאס זעלבע, װאס איהר האט ערשט דא דערמאנט צװינגט מיך טאקי אײער בקשה אפ צו שלאגען. איך שטעה יעטצט אויף דעם װעג, אוים צו קלויבען װאס רעכט איז אונ װאס אונרעכט איז; אונ דארום מוז איך שטארק געהיט זײן ניט ארײנצופאלען אין דער נעטץ, װאהין מײן הארץ ציהעט מיך. איך האב פיעל דארויף געדײנקט אונ האב ענדליך אויסגעװאהלט. אונ דארום װײסט אויך, העררר ריטטער! אז אונזערע װעגען שײדען זיך. איהר מוזט זיך אין דער גרױסער װעלט בע־געבען, גלאנצען, װירקען אונ זיעגען, אונ איך בין אן אידישע טאכטער, װאס איהר ארט איז איהר הויז אונ ניט װײטער. אמת איך בין דאס נארישקײט בעגאנגען פריהער מיט עטליכע טאג אײך צו צו זאגען, איהר זאלט מיך אהין בעלײטען, נאר יעטצט בעט איך אײך, אז אזוי װיא איהר ליעבט מיך, זאלט איהר אויך אויף מיר רחמנות האבען אונ מיר פערצײהען מײן נארישקײט, װארום ניט װעל איך געװײטה זײן מיט אײך זיך אויף שטענדיג צו קריגען.

ארטהור איז פון איהרע װאהרע אונ װארמע רײד אויף אװײלע, װיא פערשטײנערט געװארען, ענדליך האט ער זיך דערמאנט אונ זיך אנגערופען:

— טהײערע הולדע! װאס הער איך אײך רעדען? איהר זאגט, אז איהר האט שוין אײער װעג אויסגעקלויבען אונ עס איז שוין אלעס פער־פאלען, מײנט איהר אפשר, אז איך װעל דער צו דערלאזען! קען איך דען דערלאזען, אדער צו זעהען, אז אײן אנדערער זאל אײך בעזיטצען, א, נײן, טויזענד מאל נײן! איך האב דארויף דאס רעכט צו רעכענען, אז איהר געהערט מיר, נאר מיר אלײן! איך װעל אלעס טהון אײך אין בעזיטץ צו נעהמען. מיך בינדט קײן שום זאך, אונ װען אפילו יא, װעל איך אלע באנדער װיא שטרוי איבער רײסען; טהײערע הולדע! אײך איז ניט אונבעקענט װיא טהײער װיא ליעב איהר זענט מײן הארצען געװארען! איהר זאגט, אז איהר שטעהט אויפ׳ם װעג אויסצוקלויבען, נו, נוט איך שטעה אויך אויף דעם אײגענעם װעג, װער זשע הינדערט

צו זיין, איז אומזיסט געוועזען, דיא גרויסע וועלט האט אויף איהר איין שרעקליכען איינדרוק געמאכט.

הולדע איז געזעססען איבער איהר ארבייט אונ טויזענטער אלערליי געדאנקען האבען זיך ביי איהר אין קאפף געדרייעט, פלוצים האט זיך דיא טהיר געעפענט אונ ארטהור איז אין חדר אריינגעטריטען. הולדע איז פערציטערט געווארען. ארטהור האט זיא העפליך געגריסט אונ מיט זיין זיסער שטימע, וויא שטעהענדיג זיך צו איהר אנגערופען: איהר האט מיך, שענע פריילען, מיט אייער קליין בריפכען ערשט ניט לאנג בעגליקט אונ צו זאמען טיעף געקריינקט, אונ דארום בין איך זעלבסט געקומען צו אייך הערען מיין אורטהייל פון אייער מויל אונ אייך צו פרעגען, וואס האב איך ביי אייך אזוי פיעל פערזינדיגט, אז צוויא טאג פאר דעם קאמפף, שלאגט איהר מיר אפ מיין בקשה, אויף וועלכער איהר האט זעלבסט איינגעוויליגט?

— עס איז מיר, הערר ריטטער, זעהר שמערצליך געוועזען — האט הולדע צו מישט געענטפערט — אייער בקשה צוריק צו ווייזען, נאר ...

— וואס טויג אייך דער „נאר”. בעטראכט נאר אליין, וויא אונענדליך איהר קריינקט מיך מיט דעם אבזאגען זיך! דער גאנצער קאניגס הויף איז שוין געוואהר געווארען דער פון, אז איהר וועט מיך באלייטען אויף דעם קאמפף פלאץ, אונ פלוצים זאגט איהר מיר אפ! וואהין וועל איך פיר בזיון מיך אהינטהון? יעדער וועט אויס מיר לאכען אונ מיך פער שפאטען. איך ווייס ניט צו וועל איך אין שטאנד זיין דיזען וועטהיג גלייכגילטיג איבער צו טראגען.

— דער מענטש דיינקט אונ גאט לייינקט, מיין הערר! — האט הולדע איהם געענטפערט — גיט איהר מיר איין עצה, וואס זאל איך טהון, אז איין וויכטיגע זאך דערלאזט מיך ניט צו ערפילען אייער וואונש? איך קען עס אייך יעטצט בשום אופן ניט צו ליעב טהון! אונ דאס וואס איז שייך, אז מען זאל אייך ניט אויסלאכען, קענט איהר דאך זאגען, אז מיך האט איין פלעטצליכע אונפאססיגקייט געטראפען, אונ דענסטמאלט, ווער וועט כמייען אייך אויס צו לאכען?

ארטהור איז צו איהר נאהענטער צו געגאנגען, איהר מיט גרויס ליעבע אין דיא אויגען געקוקט, אונ זיך זים אנגערופען:

— מיין טהייערע הולדע! איך בעט אייך, זאגט מיר ניט אפ מיינע לעצטע פערגניגען מיט אייך צו זאמען צו ערשיינען אויף דעם קאמפף, אונ מיט אייך צו זאמען געארעמט צו געהען; בין איך דען אייך אזוי גלייכגילטיג, וויא איין אנדערער?

ביי דיזע ווארטער האט ער איהר האנד ערגריפען, וועלכע זיא

זיך . ר׳ יהודה האט געארבייט מיט אלע כוחות דיא צוויא צדדים אוים צו גלייכען , אונ וויא עס האט געוויזען , האט ער שוין מיט זיין דיפלאמאטישען קאפף , געהאלטען קרוב אויפ׳ם וועג ארויף , נאר פלוצים האט וויא דער שטיינער איז אפט ביא אזעלכע זאכען , פון ערגיץ אשלעכטער ווינט אבלאז געגעבען אונ איהם זיין גאנץ געבייא צו ווארפען אונ אין גאנצען פערניכטעט .

## 7

הולדע איז זיך רוהיג געזעסען אין איהר צימער , זיא האט זיך יעטצט דער מאנט אין דער שארפע , וועלכער זיא האט אנגעהויבען אוים ארבייטען פון וועגען איהר רעטער , נאך באלד נאך איהר רעטונג , אונ וועלכע זיא האט טאקי באלד בעהאלטען אונ פערגעסען אין איהר , אונ האט זיא פון דער שאפע ארוים גענעהמען אונ האט זיך נאך אמאל צו דער ארבייט גענעהמען . זיא האט געוואלט אוים העפטען אויף דער שארפע דעם וואונדערליכען שפרוך , וואס אברהם האט איהר שוין ניט איינמאל אין איהם דער מאנט .

יעדער קריינק , ווען זיא פערלאזט אפילו דעם מענשען , פערלאזט זיא איהם ניט מיט איין גאנג אונ מיט אמאל , ביסליך ווייז הויבט זיא איהם אן אוועק ווארפען , ביז ער ווערט גאנצליך געהיילט , אזוי איז אויך מיט דער קראנק , דער פאל , וועלכע מיר רופען אן "ליעבע" . הולדע איז מיט דער קראנק געפרובט געווארען . זיא האט ארטהורען שטארק ליעב געהאט , אונ אפילו יעטצט האט זיא אין גאנצען אן איהם ניט געקענט פערגעסען , איהר הארץ האט געפיהלט , אז עס פעהלט איהר עטוואס , זיא האט אברהם׳ן זייער געשעטצט אונ געליעבט , נאר אין דעם פיינעם ארטהורען האט זיא בשום אופן ניט געקענט פערגעסען . ר׳ יהודה הלוי האט זיין טאכטער אין אנהויב געלערענט גאטספארכטיקייט אונ פרומקייט , נאר ער האט אבער אויך איהר ניט פערווערט , אז זיא זאל געניסען אלע פריידען פון דער גרויסער וועלט . מיר האבען געזעהען , וויא אזוי זיא איז געוועזען ליעבליך ביא דער קאניגען אויפגענומען אונ שטענדיג איינטהייל גענומען אין אלע בעלוסטיגונגען . דארטען האט זיא באגעגענט דעם שעהנעם ארטהורען אונ האט זיך אין איהם פערליעבט , ער האט זיא צו זיך צו געצויגען מיט זיין חכמה , שענקייט אונ רייכקייט , דאס אלעס איז גענוג פיר איין יונג הארץ , אז עס זאל זיך אין דיא אלע מעלות פערליעבען . ר׳ יהודה הלוי׳ס גאנצע מיהע , וואס ער האט געוואלט זיא זעהען פרום אונ בעשיידען , וויא אידישע טאכטער דארף

געמוזט אונטערגעבען, זייא האבען אלע גוט פערשטאנען, ווער עס האט די דאזיגע עצה דעם קעניג געגעבען, אונ האבען שטארק חשק געהאט אוים צו לאזען זייערע יסורים אויף די יודענס קאפף; נאר דער קעניג האט אשטארקען בעפעהל געגעבען, אז דער וואס וועט אנרירען א יודען שפיעלט מיט זיין לעבען. די איינוואהנער האבען געמוזט אננעהמען וואסער אין מויל אריין אונ שווייגען, אונ ביי זיך האבען זייא געטראכט, אז עס וועט קומען אצייט, וואס זייא וועלען זיך קענען נוקם זיין אין די יודען, נאר דער ווייל איז אין שטאדט רוהיג געוועזען.

ר׳ יהודה׳ן האט אונענדליך ערפרייעט די בשורה, אז דעם קעניגס חילות האבען אזוי גרינג די שטאדט איינגענומען. ער האט זיך נאך דאפפעלט געפרייעט דאמיט וואס גאט האט איהם געהאלפען זיין געליעבטען קעניג נוטצליך צו זיין, אונ דורך דעם האט ער ביים קעניג שוין מעהר ווערטה בעקומען אונ טאקי מהאי טעמא איז איהם נאכדעם געוועזען גרינג אז דער קעניג זאל אננעהמען אויך זיין עצה וועגען דעם טעמפעל־ארדען. ר׳ יהודה האט מיט גרויס חכמה דעם קעניג געראטהען, אז ער זאל דעם טעמפעלארדען צו ליעב טהון זייער בקשה. ער האט איהם געזאגט אז ער מוז זייא צו ליעב טהון, ווייל דער טעמפעלארדען, איז שטארק אונ מעכטיג, אונ אז זייא האבען אומעטום פריינד, וואס זייא וועלען זייא ביישטעהען, אונ דארום איז דער קעניג אין גרויס געפאהר, ווען ער וועט זייא אפזאגען. ער האט איהם אויסגערעכענט, אז דעם קליינעם היזק וואס ער וועט ליידען, דאמיט וואס ער וועט זייא אוועק־געבען דאס שטיקעל לאנד וואס זייא פאדערען, איז אגול אקעגען דעם שאדען, וואס זייא קענען איהם ברייגען, אין פאל ווען ער וועט זייא זייער בקשה אפזאגען.

אונ דאס מזל איז איהם דא אויך צו הילף געשטאנען. דער קעניג האט זיך בעראטהען מיט זיינע איבירינע יועצים אונ זייא האבען אלע מסכים געוועזען דער צו. ר׳ יהודה האט באלד די זאך צו ענדע געבראכט, אונ די געפאהר, וואס האט געדראהט פון דער זייט האט געשיינט צוא פערשוואונדען ווערען.

נאר פלוצים איז זיין מזל מיד געווארען איהם ווייטער אויף דער גליקס שטעשקע צו פיהרען; איבער איין קליינעם פונקט, וואס דער טעמפעלארדען האט געפאדערט, אז דער קעניג זאל זייא אפ־געבען איין קליינעם אינזעל, וואס זיין פאטער האט זייא אין זיין צוואה איבערגעלאזט, איז צווישען זייא איין שטרייט פארגעקומען. דער קעניג איז זייער אויפ־געבראכט געווארען, אויף דעם טעמפעלארדען, וואס זענען געגליכען צוא וועלף אונ ווערען קיינמאל ניט זאט, אונ האט ביי זיך בעשלאסען, מיט זייא בעסער מלחמה צו האלטען, אונ עס מעג איהם קאסטען וואס עס חיל

שׁוֹין אַלֵיין עֶנְדִיגִין וָואס אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבֶּען, לָאמִיר נִיט זַיין אִיבֶּער גֶעאַיילְט, לָאז מִיךְ נָאךְ אַמָאל אברהם׳ן פְּרוּבֶען. זָאג אִיהם נִיט אוֹיס, וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר פָּאטֶער מִתְוַדָה גֶעוָועֶן.

— עֶס בְּלַייבְּט אַזוֹי, הולדע וִויא דוּא וִוינְשְׁט; אִיךְ פֶּערְלָאס מִיךְ אוֹיף דִיר מַיין גֶעלִיעבְּטֶע אוּנ קְלוּגֶע טָאכְטֶער!

ר׳ יהודה הָאט זִיא נָאךְ אַמָאל פַּאר אִיהר אַוָועק גֶעהָען אִין זַיינֶע אָרֶעם גֶעשְׁלָאסֶען. הולדע הָאט גֶעפִּיהלְט, וִויא זַיין פָּאטֶער־הַארְץ הָאט פִיר פְרֵייד הֶעכֶער גֶעקְלַאפְּט, אוּנ וִויא הֶעכְסְט גְלִיקְלִיךְ הָאט זִיא זִיךְ גֶעפִיהלְט, אַז זִיא אִיז דִיא אוּרְזַאכֶע פוּן אִיהר פָּאטֶערְס פְרֵייד.

6.

מִיר זֶעהָען אָפְּט אַמָאל אַמֶענְשֶׁען, וָואס דָאס מַזָל בַּאלֵייט אִיהם וָואהִין עֶר קֶעהְרְט זִיךְ אוּנ וָוענְדֶט זִיךְ, יֶעדֶער זַאךְ וָואס עֶר טְהוּט נָאר גְלִיקְט אִיהם, אוּנ דֶענְסְמָאלְט וֶוערְט דֶער דָאזִיגֶער מֶענְשׁ פֶערְנַארִישְׁט צוּ דֵיינְקֶען, אַז עֶר מִיט זַיין שֵׂכֶל הָאט דִיא אַלֶע זַאכֶען גֶעמַאכְט, אָדֶער עֶר דֵיינְקְט, אַז גָאט הָאט אִיהם לִיעבּ אוּנ אִיז אִיהם מְמַלֵא דֶעם ווִילֶען אֵיידֶער עֶר בִּיט אִיהם נָאךְ. נָאר ווִיא נַארִישׁ אִיז זַיין דֵיינְקֶען! אַ וִוינְטִילֶע אַשְׁלֶעכְטֶס טְהוּט אַבְּלָאז אוּנ דֶער גְלִיקְלִיכֶער מַאן — אִיז פֶערְפַאלֶען. דֶער מֶענְשׁ דַארְף אוֹיף זַיין שֵׂכֶל נִיט בּוֹיעֶן, אוֹיךְ נִיט מֵיינֶען, אַז עֶר וֶועט עֶבִּיג גְלִיקְלִיךְ זַיין. עֶר מוּז יֶעדֶער מִינוּט זַיין גֶעפַאסְט, אַז עֶס קֶען אִיהם אַיין אוּמְגְלִיק טְרֶעפֶען, אוּנ וֶוען עֶר אִיז פוּן פְרִיהֶער דֶער צוּ גְרֵייט, אִיז אִיהם נַאכְדֶעם וֶוען דָאס אוּמְגְלִיק טְרֶעפְט אִיהם, אַסַךְ לַייכְטֶער עֶס אִיבֶּער צוּ טְרָאגֶען.

ר׳ יהודה הלוי הָאט זִיךְ אוֹיךְ יֶעטְצְט גֶעפוּנֶען אִין אַזַא גְלִיקְלִיכֶער לַאגֶע, וִויא מִיר הָאבֶּען אוֹיבֶּען דֶער מָאנְט. גָאט הָאט אִיהם אַלֶע זַיינֶע פֶערְלַאנְג עֶרְפִילְט. עֶר הָאט יֶעטְצְט דֶער לַאנְגְט צוּ דֶעם וָואס זַיין הַארְץ הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעגְלוּסְט. עֶר הָאט אברהם׳ן אַזוֹי וואוּנְדֶערְלִיךְ צוּרִיק גֶעפוּנֶען, אוּנ הָאט גֶעהָאפְּט, אַז עֶר וֶועט דִיא שְׁטָאלְץ פוּן זַיין הוֹיז זַיין. אוֹיךְ אִיז אִיהם גֶערָאטְהֶען דֶעם קֶענִיג אַגוּטֶע עֵצָה צוּ גֶעבֶּען, דוּרְךְ וָועלְכֶער דֶער קֶענִיג הָאט דִיא שְׁטָאדְט סאררָאגאזא אָהן פִיעל בְּלוּט פֶּער־גִיסֶען אַיין גֶענֶעהמֶען. דִיא עֵצָה אִיז גֶעוֶוען פָאלְגֶענְדֶע: עֶר הָאט גֶעהֵייסֶען אַז דֶעם קֶענִיגְס חַיִל זָאל זִיךְ פֶערְשְׁטֶעלֶען פַאר פְּרָאסְטֶע בּוֹיעֶרֶען אוּנ הַאנְדֶעלְסְלַייט, אוּנ אֵיינְצִיג וַוייז זִיךְ אַרֵיינְגַנְבֶנֶן אִין דֶער שְׁטָאדְט אַרַיין, אוּנ וֶוען זַייא זֶענֶען אַהִין אַרַיין שׁוֹין אַגַאנְצֶע מַחֲנֶה, הָאבֶּען זַייא אַרוֹיס־גֶענוּמֶען זֵייעֶרֶע פֶערְבֶּעהַאלְטֶענֶע כְּלֵי זַיִן אוּנ אוּנְגֶערֶעכְט אוֹיף דֶער שְׁטָאדְט אָנְגֶעפַאלֶען אוּנ זִיא אִין אַרְגֶע אַיינְגֶענוּמֶען. דִיא שְׁטָאדְט לַייט הָאבֶּען זִיךְ

אִיבֶּער צוּ לָאזֶען אוּנ הָאסְט מִיךְ אִיהם פִיר אַיין פְרוֹיא בֶּעשְׁטִימְט; גוּט, אִיךְ בַּאשְׁטֶעהֶע דַארוֹיף! אברהם אִיז מִיר אוֹיךְ גֶעפֶאלֶען, עֶר אִיז מַיין רֶעטֶער מַיין מַלְאָךְ, אִיךְ בִּין אִיהם מַיין לֶעבֶּען שׁוּלְדִיג, אוּנ וִויא קֶען אִיךְ אַזוֹי גְרוֹיזַאם זַיין אוּנ אִיהם יֶעטְצְט זַיין הֵייסֶען וואוּנְשׁ צוּרִיק וַוייזֶען?

— מַיין טְהַייעֶר גֶעלִיעבְּטֶע טָאכְטֶער! — הָאט ר' יהודה מִיט גְרוֹיס פְרֵייד אוֹיסְגֶעשְׁרִיגֶען אוּנ זִיא בַּייא דֶער הַאנְד גֶעחַאפְּט.

— מַיין פָאטֶער, יֶעטְצְט זֶעהסְט דוּא, אַז אִיךְ בִּין נִיט פַאלְשׁ, אוּנ זָאג דִיר צוּם עֶרְשְׁטֶען, וָואס מַיין הַארְץ טְרַאכְט, חָאט עֶס דַארְף אַזוֹי נִיט צוּ זַיין. דֶער שְׁמֵייגֶער אִיז פוּן צִפְרוֹיעֶנְצִימֶער צוּ שְׁוַוייגֶען פוּן אַזַא וִויכְטִיגֶער זַאךְ בִּיז מֶען לֶעגְט אִיהר עֶס נִיט פָאר, נָאר אִיךְ נֶעהם עֶס אָן פִיר לִיעבּ אוּנ רֶעכֶען עֶס פִיר אַיין כַּפָּרָה אוֹיף מַיינֶע זִינְד.

— זַייא מִיר גֶעבֶּענְשְׁט מַיין גֶעלִיעבְּטֶע טָאכְטֶער! זַייא מִיר טוֹיזֶענְד מָאל ווִילְקָאמֶען, מִיט דַיינֶע פֶעהלֶער צוּ זַאמֶען! דוּא הָאסְט מִיךְ יֶעטְצְט הֶעכְסְט גְלִיקְלִיךְ גֶעמַאכְט. דִיזֶע אַיינְצִיגֶע מִינוּטֶען, וֶועל אִיךְ עֶבִּיג נִיט פֶערְגֶעסֶען, נָאר זַייא נִיט אִיבֶּער גֶעאַיילְט, מַיין טָאכְטֶער! דוּא ווִילְסְט מִיר אַיין אָפְּפֶער בְּרֵיינְגֶען .... אִיךְ בִּין דִיר מוֹדֶה, אַז דִיזֶער וואוּנְשׁ הָאט אִין מִיר טִיעפֶע וָוארְצֶעל גֶעשְׁלָאגֶען .... נָאר זָאג מִיר, הולדע, לֵייקֶען נִיט פַאר מִיר דָאס מִינְדִיסְטֶע .... אִיז דַיין הַארְץ נָאךְ פְרַייא?....

— בֶּערוּהִיג דִיךְ, גֶעלִיעבְּטֶער פָאטֶער, מַיין הַארְץ אִיז פְרַייא!. יֶעטְצְט עֶרְשְׁט, בִּין אִיךְ גֶעוָואהר גֶעוָוארֶען, אַז אִיךְ בִּין צוּ אברהם'ן נִיט אַזוֹי גְלַייכְגִילְטִיג, וִויא עֶס הָאט זִיךְ מִיר גֶעדַאכְט. מַיינֶע אַלֶע וואוּנְשֶׁען זֶענֶען מִיר הַיינְטִיגֶען טָאג עֶרְפִילְט גֶעוָוארֶען, אִיךְ בִּין גֶעוָואהר גֶעוָוארֶען, אַז אִיךְ לִיעבּ אברהם'ן נִיט מִיט קֵיין נַארִישֶׁער הֵייסֶער לִיעבֶּע, וָואס זִיא בְּלֶענְדֶעט דָאס אוֹיג אוּנ פֶערְטוּנְקֶעלְט דֶעם שֵׂכֶל; נָאר מִיט אַרֵיינֶער הֶערְצְלִיכֶער לִיעבֶּע. אִיךְ גֶעלוּסְט צוּ וֶוערֶען דִיא פְרוֹיא פוּן דֶעם בֶּע־רִיהמְטֶען מַאן, אוּנ בִּין זִיכֶער, אַז אִיךְ וֶועל אִיהם עֶהרֶען אוּנ לִיעבֶּען אַלֶע מַיינֶע לֶעבֶּענְס טָאג.

— הולדע מַיין טְהַייעֶרֶע טָאכְטֶער! — הָאט ר' יהודה ווִיעדֶער מִיט פַייעֶר אוֹיסְגֶעשְׁרִיגֶען — אִיךְ זֶעה דִיךְ יֶעטְצְט, אַז דוּא בִּיסְט אִין גַאנְצֶען אַיין אַנְדֶער מֶענְשׁ גֶעוָוארֶען, דוּא רֶעדְסְט יֶעטְצְט נִיט וִויא קֵיין יוּנְג מֶאדְכֶען, נָאר וִויא אַפָאלְקָאמֶענֶער עֶרִינְסְטֶער מֶענְשׁ. אִיךְ הָאבּ עֶס שְׁטֶענְדִיג גֶעווּאוּסְט, אַז אִין דִיר לֶעבְּט אַיין עֶרִינְסְטֶע קְלוּגֶע זֶעעלֶע. זָאג מִיר מַיין טָאכְטֶער, וִויא אַזוֹי זָאל אִיךְ אברהם'ן דִיא גוּטֶע בְּשׂוֹרָה אִיבֶּער גֶעבֶּען?

— גֶעלִיעבְּטֶער פָאטֶער, דָאס גִיעבּ אִיבֶּער אוֹיף מַיינֶע הֶענְד, אִיךְ הָאבּ מַיין הַארְץ צוּם עֶרְשְׁטֶען פַאר דִיר עֶנְטְדֶעקְט, אִיךְ הָאבּ אַלֵיין דֶעם טְרִיט גֶעמַאכְט ארטהורען אָפְּצוּשְׁלָאגֶען זַיין בִּיטֶע, בִּיט אִיךְ דִיךְ לָאז מִיךְ

וויא אדונער האבען איהרע רייד ר' יהודה'ן געטראפען. ער האט אופ'ם ארט קיין ווארט ניט געקענט רעדען. אין אווייל'ע ארום האט ער זיך צו איהר אנגערופען:

— דוא ביסט גערעכט מיין טאכטער, דאס איז זעהר, זעהר איין וויכטיגע זאך. עס קען זיין, אז מיט דיין איבער געאיילטקייט האסט דוא אויף אונז אלע אשרעקליכע צרה געבראכט, פון זיינע האנד הייננט יעטצט אפ דער שיקזאל פון טויזענטער פון אונזערע אונגליקליכע ברידער! פאר וואס האסט דוא איהם דענסמאלט ניט געענטפערט, אז דוא קענסט זיין ביטע ניט אויפנעהמען אהן מיין ערלויבניש? ווען ער זאל מיך געוועזען קומען ביטען, וואלט איך איהם געוועזען מיט גוטע רעד אפגעשלאגען אונ איהם געוועזען געזאגט, אז איך קען עס איהם ניט צו ליעב טהון, ווייל מיר זענען ניט פון איין רעליגיע, אונ אז אונזער רעליגיע פערוועהרט אונז צו טהון אזעלכע זאכען. נאר עס קען זיין, אז דוא האסט איהם אומיסטען צו מיר ניט געשיקט, ווייל דוא האסט אויף פריהער געוואוסט, אז איך וועל דארויף ניט באשטעהען — האט ר' יהודה זיינע רעד געענדיגט, אין וועלכע עס האט זיך געהערט וויא אפארוואורף.

— שטראף מיך פאטער, איך בין אלעם ווערט; נאר פערבארג ניט דיין געזיכט פון מיר אין מיין שלעכטער לאגע. דאס איז נאך ניט מיין גאנצע זינד, אויף וועלכער איך בין גיקומען דיך אום פערצייהונג ביטען····

— אונ וואס פאר אפאלשען תירוץ האסט דוא איהם געקענט יעטצט זאגען, פאר וואס דוא ענטזאגסט זיך פון איהם — האט ר' יהודה הלוי מיט כעס אויסגעשריגען, אונ וויא עס האט געוויזען האט ער איהרע לעצטע ווארטער ניט איינגעהערט.

— אפאלשען תירוץ, פאטער! האט הולדע מיט וואונדר גיענטפערט. ר' יהודה הלוי'ס טאכטער קען פאלש ניט זיין! — דוא, מיין טהייער פאטער! האסט מיך געלערענט, אז איך זאל דעם אמת ליעבען מיט מיין גאנצען הארצען, אונ איך קען אונ וויל ניט פערביטען דעם אמת אויף קיין שום זאך אין דער וועלט. איך האב איהם קיין פאלשען תירוץ ניט געשריעבען; איך האב איהם דעם ריינעם אמת געזאגט, איך האב איהם געשריעבען, אז אייניגע פעראנדרונג, וואס איז אין מיין פאמיליענלעבען פארגעקומען נאטהיגען מיך איהם צו ענטזאגען.

— זאג מיר, מיין טאכטער, דייטליכער וואס האסט דוא דאמיט געמיינט?

— אבוואהל, טהייערער פאטער; דוא האסט מיר מיט דיין מויל נאך ניט אנפלעקט, וואס דוא דיינקסט צו טהון, נאר איך האב עס אליין ערראטהען, אז דיין ווילען איז דעם אבן עזרא אויף עוויג אין אונזער הויז

5.

ר״ יהודה האט זיין טאכטער, וויא שטענדיג, זעהר פריינדליך באגעגענט, ער האט זיא אין זיינע ארעם געשלאסען אונ איהר געזיכט באדעקט מיט טויזענד קוש, דער נאך האט ער זיא געפרעגט, וואס זיא בעגעהרט פון איהם.

— איך האף — האט זיא זיך אפגערופען אויף זיין פראגע — אז דיא זאך, וואס איך וועל דיר יעטצט פערטרויען, געליבטער פאטער, וועט אונז פיעל פריעד ברייגנען. נאר היים, אז קיינער זאל ניט זיין דאביי; איך האב דיר איין סוד צו פערטרויען.

ר׳ יהודה האט אלע מענשען, וואס זענען בייא איהם אין חדר געוועזען, געבעטען איהם צו פערלאסען אונ האט דיא טהיר צו געשלאסען.

— איך בעט דיך מיין ליעבער פאטער! זייא מיר יעטצט מיין שטיצע אונ ראטהגעבער — האט הולדע געזאגט, אונ איהרע אויגען צו דער ערד געזענקט — איך בין יעטצט געקומען פאר דיר זיך מתודה זיין אויף מיינע פעהלער, אונ דוא, וויא אגעטרייער פאטער, מוזסט מיר זייא פערציהען אונ מיר איין גוטע עצה געבען.

— שרעק מיך ניט, הולדע, מיט דיינע גרויסע חטאים — האט זיך ר׳ יהודה אפגערופען — א, איך קען דיך צו גוט, אז איך זאל פאר דיר מורא האבען, אז דוא זאלסט קענען באגעהען גרויסע פעהלער! נוא, זאג מיר, וואס האסט דוא אזוינס שרעקליכעס בעגאנגען, וואס דוא ביטסט מיך פריהער מחילה דארויף? נאר וויים, אז איך בין איין הארטער שופט אונ וועל אויף דיר קיין שום רחמנות ניט האבען — האט ר׳ יהודה זיינע רייד מיט איין שמייכעל געענדיגט.

— מיין געליעבטער פאטער, דוא שפעטסט אויס מיר, אונ איך מיין יעטצט זעהר ערנסט. דאס וואס איך וויל דיר מגלה זיין, איז ניט קיין גערינגע זאך, וויא דוא דיינקסט; אין דיזער זאך הייגגט אן, אין גאנצען מיין לעבען, מיין גליק אונ מיין רוהע!

— אויב אזוי טא זאג זשע מיר, וואס ווילסט דוא פון מיר? האט ר׳ יהודה שוין ערנסטער געענטפערט — איך בין בערייט דיך געדולדיג אויס צו הערען.

— צוועלף טאג צוריק, בעת איך בין געוועזען בייא דער קאניגען אויף דעם באלל, האב איך איין נארישקייט בעגאנגען אונ דעם ריטטער ארטהורען צו געזאגט זיך צו לאזען באלייטען אויף דעם פלאטץ פונ׳ם ריטטער-שטרייט, אונ יעטצט האב איך חרטה געקריגען אויף מיין נארישקייט אונ האב איהם איין בריעף געשיקט, אז איך נעהם מיין ווארט צוריק אונ ענטזאג זיך דער פון.

אז איהר אונשולדיגער ניט בעטראכטעטער שריט, וועט יעטצט דינען דער צו אין גאנצען צו פערניכטען אונ אומצו-ווארפען דאס געביי, וואס איהר פאטער בויעט אין זיינע געדאנקען, אונ דענסמאלט וועט זיא אין איין מאל אנווערען איהר בעסטען פריינד אונ רעטער אויך איהר געטרייען אונ הייס-געליעבטען אלטען פאטער.

— אונ דארום איז זיא יעטצט אזוי שטארק צו טראגען געוועזען, דארום זעהען מיר זיא יעטצט אזוי האסטיג געהען הין אונ צוריק אין איהר חדר. זיא האט ביא זיך שטארק בעשלאסען איהר ווארט צוריק צונעהמען אונ ניט געהען מיט ארטהורען אויף דעם שויפלאץ. זיא האט אבער נאך ריכטיג ניט געוואוסט, וואס פיר איין תירוץ זאל זיא איהם אפזאגען, אז ער זאל פון איהר אפשטעהען. איהר איז לייכט געוועזען צו געפינען אפאלשען תירוץ אונ איהם דאמיט אפ צו שטופען, נאר זיא איז אויף קיין ליעגען קיין מאל ניט געפאסט געוועזען אונ ניט געוואהנט געוועזען; אונ ווידער האט זיא ביא זיך געטראכט, פאר וואס קומט עס ארטהורען, וועלכער איז מיר שטענדיג אזוי פריינדליך געוועזען, אז איך זאל איהם נארען אונ אפליגנערען? ....

דער שטורעם, וואס האט יעטצט געשטורעמט אין איהר הארצען איז נאך ניט געשטילט געווארען. זיא האט ארויס געזעהען איהר שלעכטע לאגע, אז יעטצט שטעהט זיא אויף דער גרעניץ אדער אומצוקעהרען צוריק אויף דעם גוטען אלטען וועג, אדער צו גיין גלייך ווייטער אהן אומקוקען זיך, אויף דעם געפאהרליכען וועג, וואס זיא האט איהם בעטריטען, נאר וואס וועט דענסמאלט אברהם זאגען? .... וועט ער דען זיא ניט פערלאזען אונ פון איהר פליהען וויא פון אפעכט? דיא לעצטע געדאנקען האבען דיא איבערהאנד גענעהמען, אונ הולדע איז צום טיש צו געגאנגען, אשטיקעל פאפיער גענעהמען אונ ארטהורען פאלגענדע ווארטער געשריבען:

— „עס טהוט מיר זעהר באנג, געעהרטער ריטטער! איך אייער בקשה אפצוזאגען; נאר דיא פיעל טרעפעניש, וואס זענען אין דער לעצטער צייט איבער מיין פאטערס קאפף איבער געגאנגען, פערבינדעט מיך דיזען טריט צו טהון. איך דאנק אייך זעהר הערצליך פיר דער עהרע, וואס איהר האט מיר מיט אייער איינלאדען בעוויזען, אונ מיין הארץ פיהלט, אז איך וועל עס אייך ניע אין מיין לעבען פערגעסען, נאר פערצייהעט מיר גוט הערציג, וואס איך קען אייער ביטע ניט אננעהמען".

זיא האט דאס בריפכען געענדיגט, צו נויפגעלעגט, מיט איהר זיעגעל פערהתמעט, אונ עס איין בעדינער אפגעגעבען, ער זאל עס נאכין אדרעס אפגעבען. אליין איז זיא צום פאטער אין צימער אריינגעגאנגען ....

ווען עס מאכט זיך דעם מענשען אקליינע צייט צו רייזען אין ווייטע מדינות, זיך דארטען איבערגעבען צו אלערליי פערגניגען און בעלוסטיגונג, פון דעסט וועגען קען ער קיינמאל ניט פערגעסען זיינע פריינד, וואס ער האט צוריק אין דער היים געלאזט און פרייעט זיך דאפעלט מיט זייא ווען גאט העלפט איהם צוריק צו קומען און זיך נאך אמאל מיט זייא צו זעהען. דיא ערשטע צייט פון זיין קומען צו הויזע, ביינגט ער נאך עטוואס נאך דיא פרעמדע לענדער און נאך זייערע פערגניגען, נאר עס פערגעהט אקליינע צייט און אלעס בעקומט דעם אלטען גאנג, און דיא ווייטע לאנדער ווערען אויסגעמעקט פון זיין זכרון.

דער איינענער צופאל האט זיך יעטצט מיט הולדען געטראפען: שטיל און אונגעשטערט איז הולדע אין הויז פון איהרע געליעבטע אלטערען, צווישען איהרע געליעבטע פריינד אויסגעוואקסען, און איז געוועזען גאנץ ווייט פון דער וועלטליכער געזעלשאפט, און ווער האט איהר געקענט פאראויס זאגען, אז עס וועט קומען אצייט, וואס זיא, דיא טאכטער פון אידען, וועט שפילען דיא גרויסע ראל אין קעניגס הויף? אז אין איהר וועלען זיך ריטטערען פערליעבען ביז צום טויט? נאר דיא לעבענס וועללען, האבען זיא אויף זייער רוקען אונטערגעהאפט, זיא ווייט ווייט אין דעם לעבענס-מעער פערטראגען, און דארטען האט זיא מיט פערגניגען אין זיך דיא פרייע פרישע לעבענס-לופט געשעפט; נאר עס איז דאך פארט געקומען דער טאג אז זיא זאל צוריק אין איהר הויז אום קעהרען, און וויא איינע העלדען האט זיך הולדע צוריק אומגעקעהרט, זיך ענטזאגט פון דער גרויסער וועלט, און זיך אין איינזאמקייט פערשלאסען. זיא האט געהאפט דורך דער חכמה מיט דער קראפט פון דעם קלוגען אבן עזרא גאנצליך גע-היילט צו ווערען, פון דיא וואונדען, וואס דאס לעבען האט אין איהר ברוסט געשלאגען. זיא איז געוועזען פערגניגט, וואס גאט האט איהר גע-האלפען, וויא דעם רייזענדעס, צוריק אין איהר פאמיליענקרייז צוקעהרען.

נאר דיא צייט שטעהט ניט, מיט רייזענטריט געהט דיא זון אויף און געהט אונטער און אטאג ביי אטאג פליהעט שרעקליך דיא צייט וויא אווינט אוועק. דער טאג, אין וועלכען עס האט בעדארפט פארקומען דער שטריט פון דיא ריטטערען, וועלכע מיר האבען אויבען דער מאנט, איז פלוצים אריינגעריקט. הולדע האט זיך דערמאנט אז זיא האט ארטהור'ן צו געזאגט און איהם איהר עהרענווארט געגעבען זיך לאזען פון איהם באלייטען צו דעם שויפלאץ, און איהם ערלויבט צו טראגען אויף זיך דיא פארב פון איהרע קליידער. איהר הארץ איז אויף צווייען צוריסען געווארען, זיא האט דיא גאנצע צייט ניט געוואגט מגלה זיין איהר סוד צו איהר פאטער אפילו איהר האט זיך לעבעדיג פארגעשטעלט, וויא אברהם'ן וועט שרעקליך קראנקען, ווען ער וועט, דאס אלעס געוואהר ווערען; און עס קען זיין,

יעטצט האט ער זיא אין גאנצען דער קענט, ער איז געוואהר געווארען פון איהרע גרויסע פעהיגקייטען אונ פון איהר גוטער זעעלע; נאר פון דעסט וועגען פלעגט איהם נאך אלס שטענדיג קוואלען דער געדאנק, צו וועט זיא איהם ענטפערען אויף זיין הייסער ליעבע צו ניין? איהם איז ניט גענוג געוועזען דיא אלע פריינדליכקייטען, וואס הולדע האט געגען איהם בעוויעזען; איהר רויטה ווערען בעת זיא האט מיט איהם געשפראכען, איהר אונוויליען בעת ער פלעגט זיא פערלאסען, אז ער זאל זיך דער פון דרינגען, אז זיא ליעבט איהם אויך. ער האט געוואלט אז הולדע זאל איהם הייס ליעבען, ליעבען אהן אגרעניץ, אונ קיין אנדערער זאל זיך אין זייער ליעבע ניט אריינמישען.

דער יונגער מאזעס איז פון דער ערשטער צייט אן, זינט ער האט אברהם'ן בעגעגענט, צו איהם שטארק צו געוואקסען געווארען. ער איז פון זיין זייט קיינמאל ניט געוויעכען, איהם פוס-טריט נאך געגאנגען אונ איהם אלערליי געפעליגקייטען ערוויעזען, ער האט איהם וויא איין פאטער געליבט אונ געשעטצט, אונ דארום האט איהם אויך ניט פערדראסען, וואס הולדע איז צו אברהם'ן אזוי פריינדליך געניינט. אברהם'ס גייסט האט אויף מאזעסען אזוי שטארק געווירקט, אז פון דער צייט אן האט ער זיינע קינדערשע חלומות אוועק-געווארפען, אונ איז איין פאלגער ערנסטער מענש געווארען. הולדע האט אויך איהם אויפגעהערט צוא פערפאלגען מיט איהרע קאטאוועסען אונ נעקערייען.

יעטצט טרעפען מיר הולדע אין איהר צימער אונרוהיג הין אונ צוריק געהען, מען קען לייכט ערקענען אין איהר געזיכט אז אין איהר איז ערשט ניט לאנג אגרויסע מלחמה פארגעקומען, נאר יעטצט איז שוין דער שטרייט פאראיבער, זיא גריבעלט נאר נאך איין עצה, וואס זיא זאל טהון אין איהר פערדרעהטער לאגע.

געוויס זענען אונזערע לעזער נייגעריג צו וויסען, וואס אין איהר זעלע איז פארגעקומען, אונ דארום וויל איך עס פון אייך ניט פער-שווייגען אונ דערצאהלען אלעס פינקטליך:

נאך דעם, אז אברהם איז נאך זיין ערשטען וואונדערליכען פער-שוואונדען ווערען, נאך אמאל צו איהר ערשיינען, נאך דעם, אז זיא איז געוואהר געווארען, אז איהר רעטער איז דער גרויסער אבן עזרא, אונ אז ער האט זיא שטענדיג געווארנט זיא זאל ניט אריינפאלען צו ארטהורען אין דיא האנד, האט זיא ערשט גוט פערשטאנען, אז דער וואונדערליכער מאנן ליעבט זיא אן אגרעניץ, זיא האט אויך אין דעם פאטער איהרען אנגעזעהען, אז ער האט זיא צו איהם פיר איין פרויא בעשטימט, אונ איהר גייסט איז פון איהר זיסען טרוימען אויפגעוואכט געווארען.

אִיהר גֶעזִיכְט בַּאדֶעקְט מִיט טויזֶענְטֶער קוּשׁ, אוּנ צוּא אִיהר גֶעזָאגְט:

— הולדע! לָאז אַוֶועק דַיין עֶרִינְסְטְקַייט. מַאכֶע דֶעם פְרֶעמְדֶען טְהַייעֶרֶען גַאסְט נִיט טְרוֹיעֶרִיג. מִיר מוּזֶען זֶעהֶען אִיהם מְקָרֵב זַיין, אוּנ אִיהם וויא מֶעגְלִיך זַיין אויפֶענְטְהַאלְט בַּייא אוּנְז אַיינְגֶענֶעהם מַאכֶען.

נָאך אַשְׁטִיקֶעל צַייט זֶענֶען אַלֶע צוּזַאמֶען גֶעזֶעסֶען אוּנ זִיך פֶערְנֶעהמֶען מִיט גֶעשְׁפְּרֶעך. דִיא צַייט אִיז וויא אַמִינוּט אַוֶועק גֶעפְלוֹיגֶען, דִיא אַלֶע דְרַייא פֶערְזָאנֶען, זֶענֶען וויא צוּ זַאמֶען גֶעוַואקְסֶען. גָאט הָאט זַייא יֶעטְצְט בֶּעלָאהנְט פִיר זַייעֶרֶע אִיבֶּער גֶעשְׁטַאנֶענֶע צָרוֹת. אוֹיך פִיר דִיא יְסוּרִים וָואס זַייא אִיז נָאך פָארְגֶעשְׁטַאנֶען צוּ לַיידֶען, אוּנ אִיבֶּער צוּ שְׁטֶעהֶען.

## 4.

אברהם הָאט זִיך גֶעמוּזְט אִיבֶּער קְלַייבֶּען אִין ר׳ יהודה׳ס הויז אַרַיין, וָוארוּם אַזוֹי הָאט ר׳ יהודה גֶעווּאוּנְשֶׁען. פוּן דֶער צַייט אָן הָאט אִיהם ר׳ יהודה וֶוענִיג וָואס פוּן זִיך אַוֶועק גֶעלָאזְט. זַייעֶרֶע הֶערְצֶער זֶענֶען פוּן טָאג צוּ טָאג אֵיינְגֶער צוּ נוֹיפְגֶעוַואקְסֶען; זַייעֶרֶע זֶעעֶלֶעס זֶענֶען מִיט דֶער בּוּנְד פוּן לִיעבְּשַׁאפְט צוּ נוֹיפְגֶעבּוּנְדֶען גֶעוָוארֶען אוּנ עֶס אִיז קַיין גְרוֹיס וואוּנְדֶער נִיט; וַוייל בֵּיידֶע זֶענֶען גֶעוֶוען אַלְץ אֵיינְס גֶעלֶערֶענְט, בֵּיידֶע זֶענֶען גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע שְׁרִיפְט־שְׁטֶעלֶער, בֵּיידֶע זֶענֶען גֶעוֶוען מֶענְשֶׁען־פְרַיינְדְלִיכֶע כַארַאקְטֶערֶען, אוּנ בֵּיידֶע הָאבֶּען זַייעֶר פָאלְק אוּנֶענְדְלִיך גֶעלִיעבְּט אוּנ זִיך גֶעזָארְגְט פִיר זַיין וָואהלֶער גֶעהֶען.

אָבְּוָואהל זַייטֶען וַוייז פְלֶעגֶען זַייא זִיך נִיט אויסְגְלַייכֶען אִין זַייעֶרֶע מֵיינוּנְגֶען; נָאר פוּן הֶעסְט וָועגֶען הָאבֶּען זַייא זִיך קֵיינְמָאל נִיט גֶעקְרִיעגְט; נָאר זַאנְפְט אוּנ גֶעדוּלְדִיג אֵיינְס דָאס אַנְדֶערֶע אוֹיס גֶעהֶערְט אוּנ יֶעדֶער הָאט גֶעשֶׁעטְצְט דִיא מֵיינוּנְג פוּנ׳ם אַנְדֶערֶען; אוּנ דַארוּם הָאט זַייא זַייעֶר שְׁטֶענְדִיג גֶעשְׁפְּרֶעך פִיעל פֶערְגְנִיגֶען גֶעבְּרַאכְט.

אִין אַזַא אוֹפָן הָאט אברהם בַּיי ר׳ יהודה הלוי פִיל טֶעג פֶערְבְּרַאכְט; וָואס אַטָאג שְׁפֶּעטֶער אִיז עֶר אַלְס גֶעוָואהר גֶעוָוארֶען מֶעהר אוּנ מֶעהר פוּן ר׳ יהודה׳ס נוּטְסְקַייט אוּנ גֶעטְרַיישַׁאפְט, אוּנ דִיא דַאנְקְעלֶע שַׁאטֶענְס וָואס אברהם׳ס פָאטֶער הָאט אִיהם בִּירוּשָׁה אִיבֶּער גֶעלָאזְט אוֹיף ר׳ יהודה הלוי, זֶענֶען וָואס אַטָאג מֶעהר פֶערְשְׁווּאוּנְדֶען גֶעוָוארֶען אוּנ עֶנְדְלִיך אִין גַאנְצֶען פוּן זַיינֶע גֶעדַאנְקֶען גֶעווִיעכֶען. עֶר הָאט אַרוֹיס־גֶעזֶעהֶען, אַז דֶער פָאטֶער זַיינֶער הָאט אוּנְרֶעכְט גֶעטְהוּן, וָואס עֶר הָאט גֶערֶעכֶענְט ר׳ יהודה׳ן פִיר זַיינֶעם אַשׂוֹנֵא, וָועלְכֶער אִיז אִין אֶמֶת אַיין גוּטֶער פְרַיינְד גֶעוֶוען.

דָאס זַיין בַּיי ר׳ יהודה׳ן אִין שְׁטוּב הָאט אִיהם אוֹיך דָאס גֶעלֶעגֶענְהַייט פֶערְשַׁאפְט שְׁטֶענְדִיג מִיט הולדען זִיך צוּ זֶעהֶען אוּנ מִיט אִיהר צוּ רֶעדֶען,

ענטציקט אונ בעצויבערט ; אונ הולדע האט אפ געטרעטען עטליכע טריט צוריק , וויא ערשראקען איבער זיין גרויסען נאמען .

— דוא ווייסט אברהם ! — האט ר׳ יהודה געזאגט — אז נאט האט מיך מיט קיין זוהן ניט מזכה געווען , נאר דער פאר האט ער מיר געגעבען אטאכטער , וואס באשטעהט פאר אזוהן . זיא איז קלאר אין דער גאנצער העבראישער ליטעראטור , אונ בעזאנדערס איז זיא פערליעבט אין דיינע ווערק , אונ קען זייא כמעט אויסווייניג .

— וויא צעהנפאך גליקליך בין איך יעטצט ! — האט אברהם מיט פערגניגען געזאגט — וואס זענען אלע מיינע איבער געשטאנענע צרות גענען דעם יעצטיגען פערגניגען , וואס איך געניעס יעצט בייא אייך ! איך בין כמעט ניט אין דיא קרעפטען עס איבער צו טראגען . א , הולדע , וויא גליקליך בין איך , אז איהר געפינט אויך פערגניגען אין מיינע ווערק ! דאס וועט מיר נאך מעהר חשק אונטער-געבען , צו ווירקען אונ צו פערפאסען גרעסערע ווערק , וויא ביז יעטצט . ביז יעטצט זענען מיינע ווערק נאך זעהר שוואך געוועזן .

—שוואכע ווערק ? האט הולדע זיך אנגערופען — איהר זענט בייא זיך זעהר איין ענו , אייער נאמען געהט פון איין עק וועלט צו דער אנדערער ; אויף אייערע ווערק , קען מען זיך ניט גענוג אנוואונדערען , אונ איהר זאגט אז זייא זענען שוואך . איך רעכען , אז קיין בעסערס דארף מען שוין גאר ניט , הלואי וואלט איהר קיין ערגערס ניט געמאכט . נאר , אברהם ! ווען איך בעטראכט מיך אליין , קען איך ניט פערשטעהען , וויא וואונדערליך גאט פיהרט מיט מיר ; מיין פאטער איז דער בעריהמטער ר׳ יהודה הלוי , מיין רעטער איז דער גרויסער אבן עזרא , אונ וואס בין איך זעלבסט ? — אמילב , אגאר ניט , אקעגען אזעלכע ריזען וויא איהר זענט ! יעטצט בעטראכט נאר , ר׳ אברהם , ווען אשטייגער , אייך זאל געוועזן קאסטען אייער לעבען , בעת איהר האט מיך געוואלט רעטען ···· גאט מיין גאט ! וויא וואלט מיין נאמען אויף שפעטיגערע דורות געבליעבען פיר איין פלוך ! יעדער וואלט מיך געשאלטען , וואס איך בין געוועזן דיא אורזאכע פון אייער פלעטצליכען טוידט , אונ איך וואלט קיין רוהע אויך אויף יענער וועלט ניט געפונען ! !

דאבייא איז הולדע ווייס וויא דער טוידט געווארען , ביידע גרויסע מענער האבען אויך געשוויגען אונבעוועגט אונ מיט וואונדער אויף איהר געקוקט , ענדליך האט זיך ר׳ יהודה אנגערופען :

— קינדער ! מיר זענען נאראנים — לאמיר בעסער זיך פרייען מיט דער געגענווארט , נאך וואס זענען מיר פלוצים צו ערנסט געווארען , מיר זענען יעטצט אלע צוזאמען , אונ וואס מעהר דארפען מיר ?

ר׳ יהודה האט הולדען פאר פרייד אין זיינע ארעם געשלאסען אונ

אָנגעהמען אונזער בעלאהנונג ; יעטצט וועלען מיר אזוי גיך פון אייך ניט אפלאזען ! ניט וואהר מיין געליעבטער פאטער !

הולדעס געזיכט איז מיט פורפער רויטה אנגעגאסען געווארען , זיא האט געשיינט וויא דער מארגען שטערען . אברהם האט געוואלט עטוואס רעדען , עטוואס ענטפערען , נאר דאס לשון האט איהם אפגענעהמען , ער האט נאר אויף איהר געקוקט אונ אין זיך געטראכט : „קעהר אפ פון מיר דיינע צוייא לעכטיגע אויגען , אלא ניט וועל איך פונ׳ם זינען אראפ“ ....

ר׳ יהודה איז בייא דער גאנצער סצענע העכסט גערידהרט געווארען , אונ האט זיך אנגרופען : מיין ליעבער אברהם ! זייט דוא ביסט צו מיר אין הויז אריינגעטראטען , ווייס איך ניט אויף וואס פיר א וועלט איך געה ארום ; איך טרוים , איך קען גאר צו זיך ניט קומען , איך זעה ניט מעהר , אז דוא שטעהסט צו הויך , העכער פון אשטערבליכען . אין איין קליינער ווײלע ביסט דוא אזוי איינגעבאקען בייא אונז אלע אין הארצען , אז איך קען מיר שוין גאר ניט פארשטעלען , וויא אזוי וועלען מיר קענען אהן דיר לעבען !

אברהם האט בייא דיא ווערטער זיין געזיכט צו דער ערד אנגעבויגען , אונ האט געשוויגען . ר׳ יהודה האט פערשטאנען דעם שטורם , וואס אין איהם קומט פאר אונ האט זיך צו הולדען אנגערופען :

— מיין טהייערע הולדע ! דוא ביסט זעהר גערעכט דאמיט , וואס דוא זאגסט אז מיר זאלען איהם ניט אפלאזען פון אונז . איך האף , הולדע , אז דוא וועסט מיר אויך מיט העלפען איהם צו האלטען אין פלען , ער זאל פון אונז ניט קענען אוועק . — הולדע איז רויטה געווארען — נאר ווייסט דוא ווער דער מאן איז , וואס שטעהט יעטצט פאר דיר אונ וויא אזוי מען רופט איהם ?

—וואס טויג מיר זיין נאמען , מיר גענוגט צו וויסען , אז דאס איז מיין רעטער , מיין מלאך !

— נאר ווען איך וויל דיר נאך זאגען , מיין טאכטער , אז דער נאמען פון דיזעם מענשען איז זעהר בעריהמט , אז זיין רוהם געהט פון איין עק וועלט צו דער אנדערער , אז ....

נאר אברהם האט איהם ניט געלאזט ענדיגען זיינע רייד אונ זיך צו איהם אנגערופען : „איך בעט אייך מיין הערר , פערשעמט מיך ניט !“ ....

— טא הער מיין טאכטער , איך וועל דיר לאנג ניט ברייען — דיזער מאן איז דער אבן עזרא ! ! !

— דער אבן עזרא ! ! ? האט הולדע מיט פרייד אויס געשריגען — דאס איז אונזער גרויסער פאעט , וועלכענס זיסע שירים , האבען מיך שטענדיג

הולדע דָעם פָּאטֶער מִיט גְרוֹיס לִיעבֶּע אַגֶעגֶען גֶעגַאנְגֶען: נָאר וִויא בַּאלְד זִיא הָאט אברהם׳ן דֶער זֶעהֶען אַרייַנְטְרֶעטֶען אִיז זִיא פַארְשְׁטֵיינֶערְט אוֹיף אִיהר אָרְט גֶעבְּלִיעבֶּען שְׁטֶעהֶען. ר׳ יהודה הָאט אוֹיף אִיהר אַקוּק גֶעגֶעבֶּען אוּנ מִיט שְׁרֶעק אוֹיסְגֶערוּפֶען: „וָואס אִיז דִיר מַיין טָאכְטֶער?“

— מַיין טְהַייעֶרֶער פָּאטֶער! — הָאט הולדע אוֹיסְגֶעשְׁרִיגֶען — אָט דָאס אִיז דָאךְ מַיין מַלְאָךְ, מַיין רֶעטֶער, וָואס הָאט מִיר מַיין לֶעבֶּען מַצִיל גֶעוֶועזֶען!

— אברהם! דוּא הָאסְט מַיין טָאכְטֶער גֶערֶעטֶעט? — הָאט ר׳ יהודה מִיט פַייעֶר גֶעזָאגְט.

— אִיךְ בִּין דֶער גְלִיקְלִיכֶער מֶענְשׁ! — הָאט אברהם בֶּעשֵׁיידֶען גֶעעֶנְטְפֶערְט — וָואס גָאט הָאט אוֹיסְגֶעקְלִיבֶּען אַייעֶר טָאכְטֶער הִילְף דוּרְךְ מִיר צוּ בְּרַיינְגֶען. נָאר, מַיין טְהַייעֶרֶער הֶערר! וֶוען גָאט הָאט אַייךְ אַ נֵס גֶעטְהוּן אוּנ הָאט מִיךְ נָאר פִיר אַיין שָׁלִיחַ דֶער צוּ אוֹיסְעֶרְוֶועהְלְט, וָואס פִיר אַ פֶערְדִיעֶנְסְט הָאבּ אִיךְ דָא? וֶוען נִיט אִיךְ, וָואלְט גָאט גֶעוִויס אַיין אַנְדֶערֶען רֶעטֶער אַייעֶר טָאכְטֶער גֶעוֶוען גֶעשִׁיקְט.

— גְלוֹיבּ אִיהם נִיט, גֶעלִיעבְּטֶער פָּאטֶער! הָאט הולדע גֶעזָאגְט — עֶר הָאט פִיעל, פִיעל פוּן מַיינֶעט-וֶועגֶען גֶעוַואגְט, עֶר הָאט זַיין אֵייגֶען לֶעבֶּען פוּן מַיינֶעט וֶועגֶען אַיינְגֶעשְׁטֶעלְט אוּנ מִיךְ פוּן אַיין גְרוֹיס גֶעפַאהר גֶערֶעטֶעט, נָאךְ עַד עַתָּה, וֶוען אִיךְ גֶעה צוּ צוּ דֶעם אָרְט וואוּ אִיךְ בִּין אַרייַנְגֶעפַאלֶען, בֶּעפַאלְט מִיךְ אַשׁוֹידֶער. אִיךְ זָאג דִיר נָאךְ אַמָאל לִיעבֶּער פָּאטֶער, אַז קֵיין אַנְדֶער מֶענְשׁ, וָואלְט זִיךְ נִיט גֶעוֶוען אַיינְגֶעשְׁטֶעלְט זִיךְ צוּ וַוארְפֶען וֶועגֶען מִיר אִין אַזַא זִיכֶערֶער גֶעפַאהר. יֶעטְצְט, אָ זִיסֶער פָּאטֶער! אִיז דִיא צַייט מִיר זָאלֶען אִיהם בֶּעלָאהְנֶען פִיר זַיין חֶסֶד, וָואס עֶר הָאט מִיט אוּנְז גֶעטְהוּן; נָאר מִיט וָואס קֶענֶען מִיר אִיהם בֶּעצָאהלֶען דִיא וֶוערְטְה זַיינֶע? ....

הולדע אִיז נָאהִינְטֶער צוּ אברהם׳ן צוּ גֶעגַאנְגֶען, אִין אִיהרֶע אוֹיגֶען הָאט גֶעבְּלִישְׁטְצֶעט אַיין זֶעלְטְזַאמֶעס פַייעֶר; זִיא הָאט אִיהר גֶעזִיכְט צוּ דֶער עֶרְד אַנְגֶעבּוֹיגֶען אוּנ זִיךְ צוּ אִיהם אָנְגֶערוּפֶען:

— וואוּנְדֶערְלִיכֶער מַאן! וִויא הָאט אִיהר זִיךְ, נָאךְ דֶעם אַלֶעמֶען, וָואס אִיהר הָאט אִין מִיר גֶעטְהוּן, נָאךְ גֶעקֶענְט פוּן מִיר פֶערְבָּארְגֶען, אוּנ נִיט גֶעוָואלְט אַז אִיךְ זָאל אַייךְ פַאר מַיין רֶעטוּנְג אָפְּ-דַאנְקֶען, וִויא עֶס פַּאסְט אַייךְ? הָאט אִיהר דֶען נִיט גֶעקֶענְט פֶערְשְׁטֶעהֶען, וִויא אוּנ-עֶנְדְלִיךְ מִיךְ הָאט גֶעשְׁמֶערְצְט, אַז אִיהר מַיין מַלְאָךְ אוּנ רֶעטֶער, ווִילְט נִיט אָנְנֶעהמֶען בַּייא מִיר קֵיין שׁוּם דַאנְק פִיר אַייעֶר גְרוֹיסֶער טְהַאט? נָאר וָואס קְלָאג אִיךְ זִיךְ יֶעטְצְט אוֹיף אַייךְ? יֶעטְצְט אִיז נִיט דִיא צַייט דֶער צוּ. יֶעטְצְט אִיז דִיא צַייט, אַז אִיהר וֶועט מִיט גֶעוַואלְד מוּזֶען

— אִיךְ בַּאשְׁטֶעה דַארוֹיף, אוּנ בִּין זִיכֶער אַז מַיין קְלוּגֶע הולדע וֶועט דִיךְ פַארְשְׁטֶעהֶען צוּ שֶׁעטְצֶען אוּנ וֶועט דִיךְ גֶעוִויס לִיעבּ קְרִיגֶען. קֵיין בֶּעסֶער גְלִיק בֶּעדַארְף זִיא זִיכֶער נִיט.

ר׳ יהודה הָאט אַקְלוּגְ גֶעטְהוּן מִיט אַזִילְבִּירֶען גְלֶעקִיל, אוֹיף דֶעם קְלוּנְג אִיז בַּאלְד עֶרְשַׁיינְט זַיין הויז בַּאדִיעגֶער, וֶועלְכֶען ר׳ יהודה הָאט גֶעהַייסֶען גֶעהֶען מֶעלְדֶעוֶוען זַיין טָאכְטֶער, אַז עֶר אוּנ זַיין חָבֵר דֶער אבן עזרא, וֶועלֶען בַּאלְד צוּ אִיהר קוּמֶען. דֶער נָאךְ הָאט עֶר זִיךְ גֶעקֶעהְרְט צוּ אברהם׳ן אוּנ אִיהם גֶעבֶּעטֶען עֶר זָאל אִיהם דֶערְצֶעהלֶען זַיין לֶעבֶּענְס־גֶעשִׁיכְטֶע פוּן אָנְהֵייבּ בִּיז הַיינְטִיגֶען טָאג.

אברהם הָאט אִיהם דִיא בִּיטֶע נִיט צוּרִיק־גֶעוִויזֶען אוּנ אִיהם דֶער צֶעהלְט זַיין קוּרְצֶע, נָאר זֶעהר טְרוֹיעֶרִיגֶע גֶעשִׁיכְטֶע; אַסַךְ עֶרְאַייגְנִיס הָאט עֶר פוּן אִיהם אוֹיךְ פֶערְבָּארְגֶען, לְמָשָׁל עֶר הָאט אִיהם גָאר נִיט דֶערְצֶעהלְט דֶער פוּן, וִויא אַזוֹי עֶר הָאט זִיךְ אַמָאל גֶעוֶוענְדֶעט צוּ אִיהם מִיט אַבַּקָשָׁה, אַז עֶר זָאל אִיהם בַּאהִילְפִיג זַיין מִיט עֶטְוָואס גֶעלְד אוֹיךְ מִיט נוּטְצִיגֶע בִּיכֶער, אוֹיךְ הָאט עֶר אִיהם פֶערְשְׁוִויגֶען פוּן דֶעם צוּפַאל, וָואס גָאט הָאט אִיהם גֶעהָאלְפֶען זַיין טָאכְטֶער פוּנ׳ם וַואסֶער אַרוֹיסְרֶעטֶען. ר׳ יהודה הָאט זַיין טְרוֹיעֶרִיגֶע גֶעשִׁיכְטֶע אוֹיפְמֶערְקְזַאם צוּגֶעהֶערְט אוּנ אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי שְׁטַארְק גֶערִיהרְט פוּן זַיין עֶרְצֶעהלוּנְג, אַז טְרֶערֶען זֶענֶען אִיהם אִין זַיינֶע אוֹיגֶען גֶעשְׁטַאנֶען. אברהם הָאט זַיין גֶעשִׁיכְטֶע גֶעעֶנְדִיגְט. ר׳ יהודה הלוי הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפֶען:

— מִיךְ וואוּנְדֶערְט זֶעהר, מַיין לִיעבֶּער אברהם, וֶועדְלִיג דוּא דֶער צֶעהלְסְט מִיר, הָאסְט דוּא נֶעבִּיךְ פִיעל גֶעלִיטֶען אוּנ אוּיס גֶעשְׁטַאנֶען. פַאר וָואס־זֶשֶׁע בִּיסְט דוּא אוֹיף זִיךְ זֶעלְבֶּער אַזַא אַכְזָר גֶעוֶוען, אוּנ הָאסְט זִיךְ קֵיין מָאל צוּ מִיר נָאךְ הִילְף נִיט גֶעוֶוענְדֶעט? אִיךְ וַוייס אַז דַיין שְׁטָאלְץ הָאט דִיךְ דַאצוּ נִיט דֶער לָאזְט, מַחֲמַת דוּא הָאסְט גֶעדֵיינְקְט, אַז אִיךְ וֶועל דִיר אֶפְשַׁר אָבְּשְׁלָאגֶען דַיין בַּקָשָׁה, אוּנ אוּם זָא מֶעהר שְׁמֶערְצְט עֶס מִיךְ, וָואס דוּא הָאסְט מִיךְ גֶעקֶענְט רֶעכֶענֶען פַאר אַזַא מֶענְשֶׁען, אברהם, דוּא הָאסְט אִין מִיר אַטָעוּת!

אברהם אִיז פוּן זַיינֶע רֵייד פֶערְשֶׁעמְט גֶעוָוארֶען, אוּנ הָאט תֵּיכֶף נִיט גֶעווּאוּסְט, וָואס אִיהם דַארוֹיף צוּ עֶנְטְפֶערֶען; נָאר אִין אַוַויילֶע אַרוּם הָאט עֶר זִיךְ עֶרְמוּנְטֶערְט אוּנ זִיךְ אָנְגֶערוּפֶען:

— אִיךְ בִּיטֶע פֶערְצַייהוּנְג, עֶדְלֶער הֶערר! אִיךְ הָאבּ אִין זִיךְ דֶעם מוּטה נִיט גֶעהַאט אַייךְ מִיט בַּקָשׁוֹת צוּ בֶּעלֶעסְטִיגֶען אַיידֶער מִיר הָאבֶּען זִיךְ נָאךְ גֶעקֶענְט.

בַּאלְד אִיז דֶער מְשָׁרֵת צוּרִיק גֶעקוּמֶען אוּנ זַייא אַנְגֶעמֶעלְדֶעט, אַז הולדע וַוארְט אוֹיף זַייא. ר׳ יהודה הָאט זִיךְ פוּן זַיין אָרְט עֶרְהוֹיבֶּען, אוּנ אברהם אִיז אִיהם נָאךְ גֶעפָאלְגְט. אָנְקוּמֶענְדִיג צוּ אִיהר אִין צִימֶער אִיז

מִיט אִיהם יֶעטְצְט אויךְ חֶסֶד טְהוּן , אַזוֹי וִויא עֶר הָאט שׁוֹין מִיט אִיהם אֵיינְמָאל גֶעטְהוּן אוּנ אִיהם גֶעהָאלְפֶען דִיא שֶׁענֶע הוּלדעַן , זַיין הֵייסְגֶעלִיבְּטֶע הוּלדעַן , פִינְ׳ם זִיכֶערִין טוֹידְט צוּ רֶעטֶען . עֶר הָאט דְרִינֶגען גֶעזֶעהֶען גָאטֶעס הַאנְד אוּנ הָאט גֶעהָאפְט , אַז השי״ת וֶועט עֶנְדִיגֶען דָאס , וָואס עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּ טְהוּן , אוּנ וֶועט אִיהם נִיט אִיבֶּער לָאזֶען אִין מִיט וֶועג .

בְּעֵת אברהם הָאט אוֹיסְגֶעזָאגְט זַיין פַאמִילְיֶע ר׳ יהודה הלוי׳ן , זֶענֶען אַלֶע אַיינְוֶועזֶענְדֶע תַלְמִידִים , וִויא פֶערְשְׁטֵיינֶערְט אויף זַייעֶרֶע עֶרְטֶער גֶעבְּלִיעבֶּען . רבי יהודה הָאט זִיךְ קַארְג וָואס דֶערְסְמָאלְט מִיט זֵייא אִינְטֶערִיסִירְט . מִיט פִיעל פְרֵייד הָאט עֶר אברהם׳ן בַּייא דֶער הַאנְד אַחַאפּ גֶעטְהוּן , אוּנ אִיהם מִיט זִיךְ אִין זַיין בִּיבְּלְיָאטְהֶעק-צִימֶער אַרֵיינְגֶעפִיהְרְט . אַרֵיינְקוּמֶענְדִיג אַהִין הָאבֶּען זַייא בֵּיידֶע פְּלַאץ גֶענֶעהְמֶען , אוּנ ר׳ יהודה הלוי הָאט זִיךְ צוּ אִיהם אָנְגֶערוּפֶען :

— מַיין לִיבֶּער אברהם , וֶוען דוּא זָאלְסְט וִויסֶען , וִויא אַזוֹי מַיין זֶעלֶע הָאט גֶעבֵּיינְקְט נָאךְ דִיר , וֶוען דוּא זָאלְסְט וִויסֶען וִויא אַזוֹי אִיךְ הָאבּ גֶעגְלוּסְט דִיךְ צוּ זֶעהֶען ! בִּין אִיךְ בָּטוּחַ , אַז דוּא וָואלְסְט יֶעטְצְט דָאס הַארְץ נִיט גֶעהַאט מִיךְ נָאךְ אַמָאל צוּ פֶערְלָאזֶען אוּנ פוּן מִיר אַוֶועק צוּ גֶעהָען . דוּא וֵוייסְט אברהם , אַז נִיט נָאר דַיין פְרַיינְדְשַׁאפְט פָאדֶער אִיךְ פוּן דִיר , אִיךְ פָאדֶער נָאךְ מֶעהר .... דוּא קֶענְסְט מַיין טָאכְטֶער , אברהם !

— צוּ אִיךְ קֶען אַייעֶר טָאכְטֶער , טְהַייעֶרֶער ר׳ יהודה ! אָ אִיךְ קֶען זִיא שׁוֹין גַאנְץ לַאנְג . אִיךְ קֶען אַייךְ יֶעטְצְט , וֶוען גָאט הָאט אוּנְז אַזוֹי זֶעלְטְזַאם צוּ נוֹיפְגֶעפִיהְרְט נִיט פַארְלֵייקֶענֶען , אַז אִיךְ לִיעבּ הוּלדעַן שׁוֹין גַאנְץ לַאנְג , אִיךְ לִיעבּ זִיא מִיט מַיינֶע אַלֶע קְרֶעפְטֶע , מִיט מַיין גַאנְצֶער זֶעלֶע , מֶעהר וִויא מַיין אֵייגֶען לֶעבֶּען !

אברהם הָאט מִיט צִיטֶערְנִישׁ גֶעוָוארְט , וָואס וֶועט ר׳ יהודה אויף זַיינֶע ווערְטֶער עֶנְטְפֶערֶען . ר׳ יהודה הָאט זִיךְ בַּאלְד רוּהִיג אָנְגֶערוּפֶען :

— אברהם ! יֶעטְצְט זֶעה אִיךְ , אַז דֶער טְהַייעֶרֶער חֵפֶץ וָואס גָאט הָאט דוּרְךְ דִיר מִיר פוּן ירושלים צוּ גֶעשִׁיקְט , דִיעֶנְט מִיר פַאר אַ גוּטֶען סִימָן . קוּם לָאמִיר נִיט אָפְּלֶעגֶען דִיא זַאךְ , אִיךְ וֶועל דִיךְ מַיין טָאכְטֶער פָארְשְׁטֶעלֶען .

מִיט פְרֵייד וֶועל אִיךְ אַייךְ פָאלְגֶען אוּנ גֶעהֶען צוּ אִיהר , נָאר אִיךְ בֶּעט אַייךְ נָאר אֵיין זַאךְ מִיר צוּ לִיעבּ צוּ טְהוּן אוּנ מִיר צוּ זָאגֶען , אַז אִיהר זָאלְט הוּלדעַן בַּאלְד נִיט מוֹדִיעַ זַיין , אַז אִיהר ווִילְט מִיךְ פַאר אַייעֶר אֵיידֶעם . אִיךְ הָאבּ מִיר מַיין אוּרְזַאכֶע דַארוֹיף , אִיהר מוּזְט עֶס מִיר צוּ לִיעבּ טְהוּן , בִּיז עֶס וֶועט קוּמֶען דִיא רֶעכְטֶע צֵייט דַארוֹיף . אִיהר מֶעגְט מִיר וַוייזֶען צֵייכֶען פוּן צוּ נֵייגוּנְג פוּן לִיעבֶּע , נָאר נִיט מֶעהר . אִיךְ ווִיל מִיךְ זֶעלְבְּסְט בַּאשְׁטְרֶעבֶּען צוּ קוֹיפֶען אִיהר נֵייגוּנְג צוּ מִיר , אוּנ נִיט אוֹיס קוּמֶען בַּייא אִיהר וִויא אַיין אָנְגֶעוָוארְפֶענֶער .

— אברהם, איך וועל דיר דיא פאטערשטעלע פערטרעטען! זייא מיר אגעליעבטער זוהן! איך האב קיין זכרים ניט.

## 3.

ר׳ יהודה הלוי האט דיזע לעצטע ווארטער מיט גרויס געפיהל אויסגעשריגען, דיזע ווארטער זענען ארויסגעגאנגען פונ׳ם טיעפען הארצען. ר׳ יהודה הלוי איז ניט געוועזן פון דיא מענשען, וואס רייכקייט זאל בייא זייא שטעהען העכער פון חכמה. דיא קלוגע רייד, וואס אברהם האט גערעדט, דיא פיעל טהייערע אונ נוטציגע ביכער וואס ער האט פערפאסט, וועלכער ר׳ יהודה האט זייא איבער געזעהען, האבען אויף איהם אטיעפען איינדריק געמאכט אונ ער האט באמת מיט דעם גאנצען הארצען גע־וואונשען, אז ער זאל זיין זוהן ווערען. חוץ אלע זאכען, איז ר׳ יהודה מחויב געוועזן דאס צו טהון אום דאמיט צו בעצאהלען איהם דעם אלטען חוב וואס ער איז דער פאמיליע שולדיג געוועזן. ר׳ יהודה הלוי האט ביז דיזער צייט פון קיין רוהע ניט געוואוסט, ער האט איהם געשיקט זוכען אין אלע ערטער, נאר צום בעדויערען, האט מען איהם ניט געקענט געפינען. אונ וויא דאפעלט ערפרייעט וואר ער יעטצט, אז גאט האט איהם אזוי וואונדערליך אזא טהייערען געשעטצטען אוצר, נאך וועלכען ער האט אזוי געגלוסט, גליך אין זיין הויז אריינגעשיקט.

אונזערע לעזער געדענקען אויך, וואס פיר איין טיעפען איינדרוק הולדע האט געמאכט אויף אברהם׳ן דאס ערשטע מאל בעת ער האט זיא אין איהר פאטערס הויז געזעהען אונ מיט איהר עטליכע ווערטער גערעדט, אונ דארום איז איהם יעטצט אונגעגדליך אנגענעהם געוועזן צו הערען פון ר׳ יהודה הלוי דיא עטליכע ליעבליכע ווערטער, וואס ער האט זייא הערצליך אויסגעשריגען. דיא הייסע ליעבע צו הולדע, וואס זיא איז ביז אהער געשלאפען טיעף בייא איהם אין הארצען, איז יעטצט פון דיא עטליכע ווערטער ערוואכט געווארען אונ האט זיך צו ברענט וויא פלאמ־פייער, נאר אין דער אייגענער מינוט האט זיך אין זיין הארצען דער ספק אריינגעגנבעט, אונ ער האט אנגעהויבען בייא זיך טראכטען: וואס קומט מיר ארויס דערפון, וואס ר׳ יהודה האט מיך גערן, אונ וויל מיך פאר זיין זוהן, מאמער וועט אבער הולדע מיך ניט וועלען, ווייל זיא דיא שענע אונ פיינע ר׳ יהודה הלוי׳ס טאכטער, איז ווערטה איין בעסערען מאן פון מיר? נאר פון דעסט וועגען האט זיך אברהם אויך ניט מיאש געוועזן פון איהר, ער האט פערקעהרט דאס געלעגענהייט בענוטצט, אז ער זאל קענען קומען צו דעם וואס זיין הארץ האט געגלוסט. ער האט געהאפט צו גאט אז ער וועט

נָאר פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען אִיז מִיר פִיעל מָאל גֶערָאטְהֶען נָאכְצוּטְהוּן וִויא אַנְדֶערֶע טְהוּן.

דֶעם רויטְהֶען הָאט עֶר וִויא מִיט שְׁפִּילְקֶעס גֶעשְׁטָאכֶען, עֶר הָאט אִיהם נִיט דֶער לָאזְט צוּא עֶנְדִיגֶען זַיינֶע וֶוערְטֶער אוּנ זִיךְ צוּ ר׳ יהודה גֶעוֶוענְדֶעט מִיט דִיזֶע וֶוארְטֶער: — אִיךְ וָואלְט אַבַּעֲלְן גֶעוֶוען, רבי, אַז אִיהר זָאלְט אִיהם עֶטְוָואס הֵייסֶען זִינְגֶען אוּמְגֶעטְרַאכְט, בִּכְדֵי עֶר זָאל אוּנְז גֶעבֶּען אַבֶּעוַוייז, אַז זַיינֶע רֵייד זֶענֶען אֱמֶת, אוּנ אַז עֶר בֶּעזִיטְצְט ווירְקְלִיךְ דִיא פֶאהִיגְקֵייט דֶער צוּ.

ר׳ אברהם! — הָאט זִיךְ ר׳ יהודה צוּ אִיהם אָנְגֶערוּפֶען — אוֹיבּ אִיהר פִיהלְט זִיךְ אִין קְרֶעפְטֶען דָאס אוֹיסְצוּפִיהרֶען, וָואלְט אִיהר מִיר אַפֶּערְגְנִיגֶען גֶעמַאכְט, אוּנ אוֹיבּ נִיט, זָא מָאגְט אִיהר טְהוּן וִויא אַייךְ בֶּעלִיעבְּט אִיז.

אברהם הָאט אַוַוייל‌ֶע גֶעשְׁוִויגֶען; דֶער נָאךְ הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶע־רוּפֶען: מִיט מַיין גַאנְצֶער זֶעעלֶע, רבי! בִּין אִיךְ בֶּערֵייט עֶס אַייךְ צוּ לִיעבּ טְהוּן אוּנ אִיךְ וֶועל מִיךְ פְּרוּבֶען. אִיךְ הָאף, אַז אִיהר וֶועט יֶעטְצְט קַיין גְרוֹיסֶע זַאךְ פוּן מִיר נִיט פָאדֶערֶען, אוּנ וָוען עֶס וֶועט מִיר גֶע־רָאטְהֶען, זָא וֶועט עֶס מַיינֶע חֲבֵרִים אוֹיךְ פְרֵייעֶן אוּנ זַייא וֶועלֶען זִיךְ בְּוַדַאי אוֹיךְ צוּ לֶערְנֶען מִיר נָאךְ צוּ טְהוּן.

ר׳ יהודה הלוי הָאט אִיהם גֶעגֶעבֶּען אַטֶעמַא אוּנ אִיהם צוּ זִיךְ צוּ גֶערוּפֶען, בִּכְדֵי עֶר זָאל קֶענֶען בֶּעסֶער הֶערֶען וָואס עֶר וֶועט זָאגֶען. אברהם הָאט עֶטְוָואס אַטְרַאכְט גֶעטְהוּן אוּנ הָאט אִיהם פָארְגֶעזוּנְגֶען אַגַאנְץ פַיינֶע לִיעד. דִיא אַלֶע אַיינְוֶועזֶענְדֶע הָאבֶּען אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט מוֹיל אוּנ אוֹיעֶרֶען; זַייא הָאבֶּען זִיךְ זֶעלְבְּסְט נִיט גֶעגְלוֹיבְּט, אַז אַשְׁטֶערְבְּלִיכֶער זָאל אִין שְׁטַאנְד זַיין אַזוֹי גִיךְ אוּנְגֶעטְרַאכְט צוּ מְחַבֵּר זַיין אַזַא זֶעלְטֶענֶעם שִׁיר. אברהם אִיז נִיט גֶעוֶוען שְׁטָאלְץ דַארוֹיף, עֶר הָאט נָאר אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּען אוּנ אַרָאפְּ־גֶעלָאזְט זַיין שְׁטִימֶע, וֶוען מֶען הָאט בֶּעדַארְפְט, וִויא דֶער גְרֶעסְטֶער קִינְסְטְלֶער. אַלֶע זֶענֶען פֶערְצוֹיבֶּערְט גֶעוָוארֶען.

— וֶוער זֶענְט אִיהר ר׳ אברהם! — הָאט ר׳ יהודה מִיט זַיין גַאנְצֶער קְרֶעפְט אוֹיס גֶעשְׁרִיגֶען — אִיךְ שְׁוֶוער בַּייא מַיין לֶעבֶּען, אַז אִיהר מוּזְט אָדֶער דֶער טַייפֶעל, אָדֶער זֶעלְבְּסְט דֶער אבן עזרא זַיין!

— אֱמֶת, מַיין לֶעהְרֶער! אִיךְ בִּין דֶער אבן עזרא פוּן טאלעדא — הָאט אברהם אִיהם גֶעעֶנְטְפֶערְט — דַאבַּיי הָאט עֶר דֶעם בְּלִיק זַיינֶעם צוּ דָער עֶרְד גֶעזֶענְקְט.

ר׳ יהודה הָאט זִיךְ שׁוֹין מֶעהר נִיט גֶעקֶענְט אַיינְהַאלְטֶען, זַיין הַארְץ הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען הֶעפְטִיג צוּ קְלַאפֶּען, עֶר הָאט אברהם׳ן אִין זַיין אַרֶעם בֶּעשְׁלָאסֶען אוּנ מִיט אַשְׁוַואכֶער שְׁטִימֶע פוּן פְרֵייד גֶעזָאגְט:

אַמָאל קענען פֶערְטְהַיידִיגֶען פַאר אוּנְזֶערֶע שׂוֹנְאִים, וֶוען זַייא פַאלֶען אויף אוּנְז אָן. מִיר מוּזֶען גְרִיבְּלֶען אוּנ קְלֶערֶען, מִיר מוּזֶען לֶערְנֶען אַלֶע טְהַייֶערֶע אוּנ גֶעשֶׁעטְצְטֶע חָכְמוֹת, אוּנ דֶענְסְמָאלְט וֶועט אוּנְזֶער בַּאשֶׁעפֶער דוּרְךְ אוּנְז עֶרְקֶענְט וֶוערֶען. דִיא פֶעלְקֶער וֶועלֶען אַרוֹיס זֶעהֶען, אַז דָאס וָואס שְׁטֶעהט אִין דֶער תּוֹרָה, אַז דָאס יוּדִישֶׁע פָאלְק אִיז אַפֶערְשְׁטֶאנְדִיגֶעס אוּנ אַקְלוּגֶס אִיז לוֹיטֶער אֱמֶת אוּנ זַייא וֶועלֶען אויף אוּנְז מֶעהר כָּבוֹד לֶעגֶען וִויא בִּיז יֶעצְט. אוֹיךְ אִיז אַייךְ נִיט אוּנְבֶּעקֶענְט מַיינֶע פְרַיינְד אוּנ שִׁילֶער, אַז זִינְט דִיא נְבִיאִים הָאבֶּען אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ עֶקְסֶעסְטִירֶען, אִיז אוּנְזֶער שְׁפְּרַאכֶע שְׁוַואךְ גֶעוָוארֶען אוּנ אוֹיבּ מִיר וֶועלֶען זִיא אוֹיךְ פֶערְלָאזֶען, דַאן קֶען גוּט זַיין, אַז זִיא זָאל אִין גַאנְצֶען אָפְּשְׁטַארְבִּין אוּנ פֶערְגֶעסֶען וֶוערֶען פוּן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, אוּנ דַארוּם אִיז אויף אוּנְז אַחוּב, אַז מִיר זָאלֶען זִיא אוֹיסְבֶּעסֶערֶען, אַרַיינְטְרָאגֶען אִין אִיהר אַלְס, וָואס שֵׁיין אוּנ פַיין אִיז, אוּנ עֶס מֶעג זִיךְ זַיין אֲפִילוּ פוּן אַנְדֶערֶע שְׁפְּרַאכֶע, אוּנ דֶענְסְמָאלְט וֶועלֶען אַלֶע אַרוֹיס זֶעהֶען וִויא שֵׁיין, וִויא קְלִינְגִינְדִיג אוּנְזֶער הֵיילִיגֶע שְׁפְּרַאכֶע אִיז אוּנ פַאר אִיהר וֶועלֶען אַיינְבּוֹיגֶען דֶעם קָאפּף אַלֶע אַנְדֶערֶע שְׁפְּרַאכֶע, וָואס שְׁטֶעהֶן אַסַךְ נִיעדְרִיגֶער אִין דֶער וֶוערְטָה פוּן אִיהר.

מִיט גְרוֹיס פְרֵייד הָאבֶּען דִיא תַּלְמִידִים צוּ גֶעהֶערְט דִיא רֵייד פוּן זֵייעֶר גֶעלִיעבְּטֶען רבי׳ן. נָאךְ אַוַוילֶע הָאט זִיךְ וִויעדֶער אברהם אָנְגֶערוּפֶען:

-- בְּעֵת אִיךְ בִּין דוּרְכְגֶערַייזְט דוּרְךְ רוּים בִּין אִיךְ פוּן אַיין זֶעלְטֶען נַייעֶס גֶעוָואר גֶעוָוארֶען. יֶעצְט זִינְגֶען שׁוֹין נִיט דִיא מְשׁוֹרְרִים, אַזוֹי וִויא אַמָאל, וָואס הָאבֶּען גֶעזוּנְגֶען, וֶוען דִיא מוּזֶע, וֶועדְלִיג נָאךְ זֵייעֶרֶע רֵייד, הָאט צוּ זַייא עֶרְשִׁינֶען, נָאר זַייא זִינְגֶען אָן שׁוּם צוּ גְרֵייטֶען זִיךְ דֶער צוּ. זַייא הָאבֶּען זִיךְ אַזוֹי גֶעאִיבְּט דְרִינֶען, אַז זַייא רֶעדֶען מִיט רִיפְמֶעס אוּנ דַארְפֶען קֵיין מָאל נִיט טְרַאכְטֶען, עֶס גֶעהט זַייא שׁוֹין אַלֵיין פוּנ׳ם מוֹיל. אִיךְ הָאף, אַז דָאס וֶועט דֶער מֶענְשְׁהַייט גְרוֹיסֶע נוּטְצֶען בְּרֵיינְגֶען, דֶער פְּרָאסְטֶער עוֹלָם וֶועט זִיךְ אוֹיךְ דוּרְךְ דֶעם אַיינְגֶעוֶועהְנֶען צוּא רֶעדֶען סְקְלַאדְנֶע אוּנ פַיין, אוּנ דִיא שְׁפְּרַאכֶען, וֶועלֶען פְלִיגֶעל בֶּעקוּמֶען.

— וואוּנְדֶערְלִיךְ! — הָאט אֵיינֶער פוּן דִיא תַּלְמִידִים זִיךְ אָנְגֶערוּפֶען — נָאר וֶוער וֶועט אוּנְז זָאגֶען, אַז אוּנְזֶער הֵיילִיגֶע שְׁפְּרַאכֶע הָאט אִין זִיךְ אוֹיךְ דִיא אֵייגֶענְשַׁאפְט, וָואס אַנְדֶערֶע שְׁפְּרַאכֶען הָאבֶּען. אוּנְזֶער שְׁפְּרַאכֶע, אִיז נָאךְ מֵיין מֵיינוּנְג צוּא קוּרְץ, אוּנ מֵהַאי טַעְמָא אִיז אוּנְמֶאגְלִיךְ, אַז מֶען זָאל אויף אִיהר אוֹיךְ קֶענֶען מְחַבֵּר זַיין שִׁירִים אוּמְגֶעטְרַאכְט.

— אִיךְ צְוֵייפֶעל אוֹיךְ אִין דֶעם — הָאט ר׳ יהודה הלוי גֶעזָאגְט.

— אוּנ אִיךְ רֶעכֶען פֶערְקֶעהְרְט, אַז אוּנְזֶער שְׁפְּרַאכֶע אִיז אוֹיךְ פֶאהִיג דֶער צוּ — הָאט אברהם גֶעזָאגְט. — אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אֲפִילוּ זִיךְ גֶעפְּרוּבְט נָאךְ צוּ טְהוּן, אוּנ אָבְּוָואהל אִיךְ הָאבּ נָאךְ נִיט עֶרְרֵייכְט קֵיין פָאלְקָאמֶענְהַייט,

אוֹיךְ אִיהר, גְרוֹיסֶער רבּי! וָואס אִיהר הָאט אַרוֹיס גֶעגֶעבֶּן דֶעם אוּנְ־שְׁטֶערְבְּלִיכֶען „כוזרי“ קֶענְט אוֹיךְ עֵדוּת זָאגֶען אוֹיף דֶעם גֶערֶעכְטִיגְקֵייט פוּן מַיינֶע וָוארְטֶער. אִיךְ הָאבּ, נָאךְ דָאס סְמִיֶעלַאסְט צוּ זָאגֶען, אַז דִיא דִינִים וּמִשְׁפָּטִים, וָואס אוּנְזֶערֶע אֶלְטֶערֶען הָאבֶּען אוּנְז אִיבֶּער גֶעלָאזְט פוּן דוֹר צוּ דוֹר זֶענֶען אוֹיךְ פִיר אוּנְז נִיט אַזוֹי פֶערְבִּינְדְלִיךְ, ווִיא אַנְדֶערֶע מַיינֶען. מִיר דַארְפֶען נִיט אַרוֹם גֶעהֶען אִין דֶער פִינְסְטֶער, דַארוֹיף הָאט אוּנְז גָאט אוֹיגֶען מִיט שֵׂכֶל גֶעגֶעבֶּען. אַז מַיינֶע רֵייד זֶענֶען אֱמֶת, זֶעהֶען מִיר אַרוֹיס דֶער פוּן, אַז אוּנְזֶערֶע תַּנָאִים אוּנ אֲמוֹרָאִים הָאבֶּען אַלֵיין אוֹיךְ גֶעדַרְשְׁט יֶעדֶען פָּסוּק, יֶעדֶען דִין ווִיא זֵייא אִיז גֶעפֶאלֶען אוּנ וֶועדְלִיג דִיא צַייט הָאט פוּן זֵייא גֶעפָאדֶערְט. לָאזֶען דִיא יוּדֶען, וָואס וואהנֶען יֶעטְצְט אִין פראנציע לֶעבֶּען אִין דֶער פִינְסְטֶער, אוּנ זִיךְ פֶעסְט הַאלְטֶען אִין אַלְטֶע פֶערְנַארִישְׁטֶע מִנְהָגִים, וָואס זֵייא הָאבֶּען פוּן זֵייעֶר אוּרְאֶלְטֶערֶען גֶעיִרַשְׁט; נָאר מִיר היספאניער הָאבֶּען אוֹיף זֵייא נִיט צוּ קוּקֶען, דִיא תּוֹרָה אִיז גֶעגֶעבֶּען גֶעוָוארֶען פוּן אוּנְזֶערְט וֶועגֶען צוּם לֶעבֶּען אוּנ נִיט צוּם שְׁטַארְבֶּען, דִיא הֵיילִיגֶע תּוֹרָה הָאט גָאט גֶעגֶעבֶּען צוּ מֶענְשֶׁען אוּנ נִיט צוּ קֵיין מַלְאָכִים.

— בְּרַאוָוא! — הָאבֶּען אוֹיסְגֶעשְׁרִיגֶען אַלֶע תַּלְמִידִים מִיט אֵיין קוֹל, אוּנ וֶוען ר׳ יהודה הלוי זָאל נִיט גֶעוֶוען זַיין צוּ גֶעגֶען, וָואלְט זֵייא גֶעוֶוען פִיר שִׂמְחָה אִין דִיא הֶאנְד גֶעקְלַאפְּט.

דִיא תַּלְמִידִים הָאבֶּען אָנְגֶעהוֹיבֶּען צְווִישֶׁען זִיךְ אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערֶען שְׁטִיל פְרֶעגֶען: וֶוער דִיזֶער זֶעלְטֶענֶער מַאן אִיז? שמואל הָאט זִיךְ שׁוֹין נִיט גֶעקֶענְט מֶעהר אַיינְהַאלְטֶען אוּנ הָאט זִיךְ אוּמְגֶעקֶעהרְט צוּם רוֹיטְהֶען אוּנ אִיהם גֶעפְרֶעגְט: „נוּ, וָואס זָאגְסְט דוּא עֶפְּוָואס יֶעטְצְט אוֹיף דֶעם מֶענְשֶׁען, דוּא הַאלְסְט זִיךְ אַלְס בַּייא דֶער מֵיינוּנְג, אַז עֶר אִיז אַיין פוּסְטֶער יוּנְג?“

— אִיהר זֶענְט אַלֶע פוּסְטֶע יוּנְגֶען! — הָאט דֶער רוֹיטְהֶער מִיט כַּעַס גֶעזָאגְט אוּנ אִי שְׁטִיל גֶעבְּלִיעבֶּען.

— יֶעטְצְט מַיינֶע קִינְדֶער — הָאט זִיךְ ר׳ יהודה אָנְגֶערוּפֶען — הֶערְט מִיךְ וָואס אִיךְ וֶועל אַייךְ זָאגֶען. דַארוֹיף וָואס מִיר הָאבֶּען גֶעשְׁטְרִיטֶען, ווֵייסְט אַז מַיין מֵיינוּנְג גְלַייכְט זִיךְ אִין גַאנְצֶען צוּ דֶער מֵיינוּנְג פוּן אוּנְזֶער גֶעעהרְטֶען ר׳ אברהם. אָבְּווָאהל עֶס אִיז יֶעטְצְט בַּיים עֶסֶען נִיט דִיא צַייט דַארִיבֶּער אַיין טִיעפֶען פִּלְפּוּל צוּ פִיהרֶען, נָאר אִיךְ מוּז אַייךְ אָבֶּער אַיין קְלֵיינֶע אַיינְמֶערְקוּנְג מַאכֶען, אוּנ דַארוּם הֶערְט מִיךְ גֶעדוּלְדִיג אוֹיס: מִיר לֶעבֶּען שׁוֹין יֶעטְצְט נִיט אוֹיף אוּנְזֶער הֵיילִיגֶער עֶרְד פוּן ארץ ישׂראל, מִיר וַואלְגֶערֶען זִיךְ אַרוּם אִין בִּיטֶערֶען גָלוּת, אוּנ דַארוּם, דִיא פָאלְקֶער זָאלֶען נִיט זָאגֶען, אַז מִיר זֶענֶען אַנַארִישׁ דוּמֶעס פָאלְק, אִיז נֶאטְהִיג, אַז מִיר זָאלֶען זִיךְ לֶערְנֶען אַלֶערְלֵיי חָכְמוֹת אוּנ שְׁפְּרַאכֶע, בִּכְדֵי מִיר זָאלֶען זִיךְ



אמאל

— ניין, מיין רבי! האט איהם דער תלמיד געזאגט — זינט ער האט דיא שטאדט טאלעדא פערלאסט ווייסט קיינער ניט וואו ער איז.

— אומזיסט האב איך נאך איהם נאכגעפרעגט — האט ר' יהודה הלוי מיט אזיפץ וויא צו זיך זעלבסט גערעדט — אומזיסט האב איך נאך איהם נאך געזוכט, בכדי צו קענען איהם בעצאהלען דעם אלטען חוב, וואס איך בין שולדיג זיין גאנצער משפחה שוין פון זייט לאנגע יאהרן — איך האב אים ניט געפונען, איך האב נאר צייטען ווייז זיינע חבורים דורכגעלעזן אונ האב שטענדיג בעוואונדערט זיין ריעזענגייסט מיט זיין טיעפען שכל. א! ווען נאט העלפט מיר איהם צו בעקומען!.... האט ר' יהודה זיינע רייד אויס געלאזט אונ איז אין זיינע געדאנקען פערטיעפט געווארען.

דעם רויטהען יצחק'ן איז דיא גאנצע רעדע געווען וויא זאלץ אין דיא אויגען, אונ וועגען ער זאל מאכען איין עק צו דעם אלעמען האט ער זיך ווידער אנגערופען:

— מיין גרויסער רבי! איך קען מיך ניט איינהאלטען אייך צו זאגען, אז נאך אלעמען געפעהלט מיר ניט, וואס מענשען פאזוואלען זיך אפ צו געבען דיא צייט מיט פרעמדע זאכען אונ פערלאזען דערווייל אונזער היילינע תורה. איך האב שוין וויפיעל מאל ארויס געזעהען, אז דיא מענשען, וואס געבען זיך דאמיט אפ זענען אין דער געטץ אריינגעפאלען, זייא האבען נאך דעם געשפיגען אין דער קרענעצע, פון וועלכער זייא האבען אליין געטרונקען אונ זייערע כוחות ערפרישט. איך גלויב אויך, אז דער אבן עזרא זעלבסט איז ניט פריי פון עטוואס אפיקורסיש.

דיא רייד פונ'ם רויטהען האבען אונטער גערייצט אלע תלמידים, זיין פאלש פרומקייט איז זייא צום הארצען ניט געווען, אונ דארום האבען אלע געקוקט אויף אברהם'ן, אז ער זאל איהם דאס מויל פערשטאפפען. אברהם, האט פערשטאנען, וואס זייא מיינען אונ האט טאקי באלד דארויף געענטפערט:

— עס איז מיר ניט אזוי נאטהיג צו פערענטפערען דעם אבן עזרא, אונ איהם צו בעשיטצען פון דעם אנפאל וואס פרעמדע פאלען אויף איהם אן, דער פאר, וואס ער האט געשעפפט קענטניס פון אנדערע קוואלען. ווען ער זאל דא זיין, וואלט ער געקענט זיין שטאדטיל אליין באשטעהען, ובפרט, אז מען פערטהיילט איהם אן שום בעוויז. נאר איך קען מיך ניט איינהאלטען ניט אנווייזען אויף אונזערע אמאליגע גרויסע לייט, אשטייגער אויף ר' סעדיה גאון, וואס איז אויך געווען קלאר אין אלערליי חכמות, אונ געוועהנליך, האט ער זייא געמוזט לערנען אין אנדערע שפראכע, ווייל זייא זענען אין לשון קודש ניט פערהאנען, אונ פון דעסט וועגען האט זיך קיינער ניט געקענט איינשטעלען צו זאגען, אז ער איז חס ושלום אפגעקיהלט געווארען צו זיין רעליגיע.

— איך בִּין נִיט בְּסָפֵק, אַז אוּנְזֶער הֵיילִיגֶע שְׁפְּרַאכֶע אִיז דִיא אֵיינְצִיגֶע אוּנ דִיא הֵיילִיגְסְטֶע; אויךְ אַז אוּנְזֶער רֶעלִיגְיֶע אִיז דִיא וַואהרְסְטֶע אויף דֶער וֶועלְט. נָאר פוּן דֶעסְטַ וֶועגֶען אִיז נָאךְ נִיט גֶעדְרוּנְגֶען, אַז מִיר טָהָארֶען קֵיין אַנְדֶער שְׁפְּרַאכֶע, קֵיין אַנְדֶער פָּאעֶזִיֶע נִיט אָנְקוּקֶען. דִיא תּוֹרָה הָאט אוּנְז אִין עֶרְגִיץ נִיט פֶערְבָּאטֶען, אַז מִיר זָאלֶען זִיךְ נִיט פֶערְנֶעהמֶען מִיט אַנְדֶערֶע חָכְמוֹת. מַיין מֵיינוּנְג אִיז פֶערְקֶעהרְט, אַז דֶער מֶענְשׁ מוּז וֶוען עֶר וַויל אַפָּאלְקָאמֶענֶער מֶענְשׁ זַיין, אוֹיס בִּילְדֶען זַיינֶע פֶעהִיגְקֵייט אִין אַלֶערְלֵיי חָכְמוֹת, וָואס זַיין לִיעבֶּער נָאמֶען הָאט בֶּעשַׁאפֶען אויף זַיין וֶועלְט, אויךְ קֶען עֶר גָאר נִיט דֵיינְקֶען אַז אוּנְזֶער רֶעלִיגְיֶע זָאל זַיין אַזוֹי דֶעסְפָּאטִישׁ אוּנ אוּנְז פֶערְוֶוערֶען צוּ זֶעהֶען גָאטֶעס לִיכְטִיגֶע וֶועלְט. אִיךְ רֶעכֶען אויךְ אַז אוּנְזֶער גֶעטְלִיכֶע לֶעהרֶע הָאט קֵיין שׁוּם מוֹרָא נִיט, אַז וֶוען מֶען וֶועט קוּקֶען אִין אַנְדֶערֶע זַאכֶען זָאל מֶען חָלִילָה פוּן אִיהר אָבְּפַאלֶען. זִיא דַארְף זִיךְ נִיט בָּעוָוארֶענֶען אוּנ קֵיין שְׁטִיצֶע זוּכֶען, זִיא אִיז אַלֵיין אִיהר שְׁטִיצֶע. דֶער מֶענְשׁ אִיז מְחוּיָב זִיךְ עֶנְטְווִיקְלֶען אוּנ קוֹיפֶען וִויסֶענְשַׁאפְטֶען, אוּנ עֶס מָעג זַיין אִין אַוָואסֶער אַשְׁפְּרַאכֶע. אויךְ מֶעגֶען מִיר, נָאךְ מַיין מֵיינוּנְג נָאךְ, אִיבֶּערְזֶעטְצֶען פְּרֶעמְדֶע חָכְמוֹת אויף אוּנְזֶער הֵיילִיגֶער שְׁפְּרַאכֶע. מִיר דַארְפֶען נָאר זֶעהֶען, אַז זֵייא זָאלֶען אִיבֶּער גֶעטְרָאגֶען וֶוערֶען פַיין, רֵיין אוּנ קִינְסְטְלִיךְ, וִויא עֶס פַּאסְט צוּ אוּנְזֶער שְׁפְּרַאכֶע, אוּנ דַארוּם וֶוען דֶער דָאזִיגֶער שִׁיר, פוּן וֶועלְכֶען דִיא רֵעדֶע גֶעהט אִיז קִינְסְטְלִיךְ בֶּעאַרְבֵּייט, זָא מָעג עֶר רֶעדֶען פוּן אַנְדֶערֶע חָכְמוֹת פַאלְט עֶר בַּייא מִיר נִיט אַרָאפּ, אוּנ שְׁטֶעהט נִיט נִיעדֶערִיגֶער פוּן אַנְדֶערֶע וִויכְטִיגֶע זַאכֶען.

אברהם הָאט גֶעעֶנְדִיגְט, אִין זַאל אִיז שְׁטַארְק שְׁטִיל גֶעוָוארֶען, אַלֶע תַּלְמִידִים הָאבֶּען מִיט וואוּנְדֶער אִיהם בֶּעטְרַאכְט, זֵייא הָאבֶּען זִיךְ גָאר נִיט גֶערֶעכֶענְט, אַז דֶער אָרֶעמֶער אָפְּגֶערִיסֶענֶער מֶענְשׁ זָאל אַזוֹי פַייֶערִיג קֶענֶען רֶעדֶען, בֶּעזָאנְדֶערְס אִיז אוּנְזֶער יצחק דֶער רוֹיטְהֶער דֶער שְׁלָאגֶען גֶעוָוארֶען פוּן זַיינֶע רֵייד.

נָאךְ אַקוּרְצֶער וַוייל הָאט וִויעדֶער אֵיינֶער פוּן דִיא תַּלְמִידִים דָאס שְׁוַוייגֶען אִיבֶּערְגֶערִיסֶען, אוּנ זִיךְ אָנְגֶערוּפֶען:

— דֶער וואוּנְדֶערְלִיכֶער שִׁיר, פוּן וֶועלְכֶען מִיר שְׁפְּרֶעכֶען דָא, אִיז אַיין אַרְבֵּייט פוּנ'ם וֶועלְטְבֶּערִיהמְטֶען גֶעלֶערֶענְטֶען אוּנ דִיכְטֶער אברהם אבן עזרא, אוּנ דַארוּם מֶעגֶען מִיר זִיךְ אויף אִיהם פֶערְלָאזֶען, אַז עֶר הָאט גֶעטְהוּן דָאס וָואס רֶעכְט אִיז.

— דֶעם אבן עזרא'ס! — הָאט ר' יהודה אוֹיסְגֶעשְׁרִיעֶען, זִיךְ אויפְ־הֵייבֶּענְדִיג פוּן זַיין אָרְט — דִיזֶער מֶענְשׁ אִיז שׁוֹין זַייט לַאנְג פֶערְשְׁווּאוּנְדֶען גֶעוָוארֶען אוּנ מֶען הָאט נִיט גֶעוואוּסְט, וואוּ זַיין גֶעבֵּיין אִיז אַהִין גֶעקוּמֶען. וַוייסְט מֶען שׁוֹין דֶען אֶפְשַׁר, וואוּ עֶר אִיז?

(ר"י הלוי ח"ב)

זִיךְ אָנְזֶעטָען. נָאר דֶער מֶענְשׁ וָואס פֶּערְגִינְט יֶענֶעם נִיט — **הָאט שמואל**
מִיט נַאכְדְרִיק גֶעזָאגְט — דֶער מֶענְשׁ רַאטְהֶעט יֶענֶעם אָפּ, אַז עֶר זָאל
אַהִין נִיט קוּקֶען, וָואהִין עֶר זֶעלְבְּסְט הָאט גֶעקוּקְט אוּנ פֶּערְגִינְגֶען גֶעהַאט.

— אוֹיף אַזֶעלְכֶע גֶעשְׁפֶּעט קוּק אִיךְ קַארְג וָואס — הָאט דֶער רוֹיטְהָעער
מִיט אִירָאנִיֶע גֶעעֶנְטְפֶערְט — יֶעדֶער מֶעג זִיךְ טְהוּן וָואס אִיהם גֶעפֶעלְט,
אוּנ זִיךְ פֶּערְנֶעהמֶען מִיט לוֹיטֶער נַארִישְׁקַייט אוּנ פּוּסְטֶע זַאכֶען, אוּנ אִיךְ
הַאלְט מִיךְ בַּייא מַיין מֵיינוּנְג, אַז חוּץ גָאט אוּנ זַיין הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, הָאבֶּען
מִיר קֵיין שׁוּם שֵׁיינְקַייטֶען אוּנ נוּטְצְלִיכֶע זַאכֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט.

דִיא בֵּיידֶע קְרִיגֶער זֶענֶען שְׁטִיל גֶעבְּלִיעבֶּען, וַוייל זַייא הָאבֶּען אַרוֹיס־
גֶעזֶעהֶען, אַז זַייא זֶענֶען שׁוֹין דִיא גְרֵיינִיץ אִיבֶּער־גֶעטְרָעטֶען; אוֹיךְ הָאבֶּען
זַייא אִין ר׳ יהודה הלוי׳ס גֶעזִיכְט פֶּערְשְׁטַאנֶען, אַז דִיא אַלֶע קְרִיעג זֶענֶען
אִיהם נִיט צוּם הַארְצֶען.

— אִיךְ הָאבּ מִיט מַיינֶע אוֹיגֶען גֶעזֶעהֶען דֶעם דָאזִיגֶען שִׁיר — הָאט
אֵיינֶער פוּן דִיא תַּלְמִידִים זִיךְ אָנְגֶערוּפֶען — פוּן וֶועלְכֶען מַיינֶע חֲבֵרִים
פִיהְרֶען שְׁטְרַייט, אוּנ אִיךְ זָאג אַייךְ פְּרַייא אַרוֹיס, אַז אִיךְ הָאבּ פוּן אִיהם
פִיעל תַּעֲנוּג גֶעהַאט. מֶע זֶעהט אַרוֹיס, אַז דֶער מְחַבֵּר אִיז אַגְרוֹיס גֶע־
לֶערֶענְטֶער אוּנ אַמֶערְקְוֶוערְדִיגֶער קִינְסְטְלֶער.

— זַיי מֶעגֶען זִיךְ זַיין קִינְסְטְלִיךְ גֶעמַאכְט — הָאט אִיהם אַיין דְרִיטֶער
גֶעעֶנְטְפֶערְט — נָאר פוּן דֶעסְט וֶועגֶען טְהָארֶען מִיר אַזֶעלְכֶע פּוּסְטֶע זַאכֶען
נִיט לֶעזֶען אוּנ מִיט זַייא זִיךְ נִיט אָפְּגֶעבֶּען. וֶוער וַוייסְט נִיט, אַז דִיא אַלֶע
זַייטִיגֶע שִׁירִים אוֹיף פְרֶעמְדֶע שְׁפְּרַאכֶען הַאנְדְלֶען פוּן לוֹיטֶער נַארִישְׁקַייטֶען,
אוֹיף אוּנְזֶער שְׁפְּרַאכֶע אָבֶּער אִיז אַיין חִלּוּל הַשֵּׁם צוּ שְׁרַייבֶּען אַזֶעלְכֶע
דוּמְהַייטֶען. אוּנְזֶער הֵיילִיגֶע שְׁפְּרַאכֶע, אִיז נָאר דֶער צוּא בֶּעשַׁאפֶען
גֶעוָוארֶען, אַז מֶען זָאל אוֹיף אִיהר זִינְגֶען אוּנ לוֹיבֶּען זַיין הֵיילִיגֶען נָאמֶען,
אוּנ נִיט זִיא פֶּערְשְׁוֶועכֶען, מִיט פְּרָאסְטֶע וֶועלְטְלִיכֶע זַאכֶען.

— אִיךְ בִּין זֵייעֶר נַייגִיעֶרִיג צוּ וִויסֶען, וִויא אַזוֹי אִיז אַייעֶר מֵיינוּנְג דֶער
פוּן ר׳ אברהם! — הָאט זִיךְ ר׳ יהודה צוּ אִיהם גֶעקֶעהרְט. דִיא זַאךְ אִיז זֶעהר
אַוִויכְטִיגֶע, אוּנ עֶס אִיז כְּדַאי אַבִּיסֶעל דֶער פוּן צוּ רֶעדֶען.

בְּעֵת אַלֶע תַּלְמִידִים הָאבֶּען צְווִישֶׁען זִיךְ גֶעשְׁטְרִיטֶען אִיבֶּער דֶעם
שִׁיר, אִיז אברהם גֶעזֶעסֶען אוּנ הָאט קֵיין וָוארְט נִיט אַרַיינְגֶעוָוארְפֶען,
גְלַייךְ וִויא עֶר פֶּערְשְׁטֶעהט גָאר נִיט פוּן וָואס דִיא רֶעדֶע גֶעהט. אוּנ
דַארוּם הָאבֶּען אַלֶע גֶערֶעכֶענְט, אַז עֶר אִיז אַפְּרָאסְטֶער גְרָאבֶּער בְּרוּדֶער,
וָואס הָאט קֵיין שׁוּם בֶּעגְרִיף פוּן אַזֶעלְכֶע הוֹיכֶע זַאכֶען, אוּנ וִויא פֶּערְ־
וואוּנְדֶערְט הָאבֶּען זִיךְ אַלֶע אוֹיף אִיהם אוּמְגֶעקוּקְט, וֶוען ר׳ יהודה הלוי
הָאט זִיךְ מִיט זַיין שְׁאֵלָה צוּ אִיהם גֶעוֶוענְדֶעט. זַייא הָאבֶּען אַלֶע מִיט אוּנְ־
גֶעדוּלְד גֶעוַוארְט צוּ הֶערֶען, וָואס וֶועט עֶר זָאגֶען. אברהם הָאט זִיךְ לַאנְג
נִיט גֶעלָאזְט בִּיטֶען אוּנ הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט:

ניט ליעב קיין שמייכעל רייד, איך רעכען אז דוא פערשטעהסט וואס איך מיין?

דער רויטהער יצחק איז פון ר׳ יהודה׳ס רייד ניט פערשעמט געוואָרען, אדרבה עס האט איהם זייער געשמייכעלט דיא לויב, וואס ר׳ יהודה האט איהם געזאגט, אז ער איז אשענער רעדנער, און דארום האט ער דעם קאפף נאך שטאלצער פערריסען און מיט זעלבסט פערגניגען זיך צו זיינע חברים אומגעקוקט.

אין אווייליע ארום האט זיך ר׳ יהודה וויעדער אנגערופען: אפשר ווייסט אימיצער צווישען אייך מיינע פריינד, עטוואס נייעס, וואס עס איז פארגעקומען אויף דעם געביעט פון חכמה, קונסט און ד. ג. איך בין נייגעריג צוא וויסען, אפשר איז נתחדש געוואָרען אזא זאך, וואס מיר וואלטען צו ליעב דעם געקענט זיך אונטער האלטען, און א דיספוט (פלפול) פיהרען?

אלע תלמידים האבען געשוויגען און קיין ווארט ניט געענטפערט; נאר דער רויטהער יצחק האט זיך פון זיין ארט ערהויבען און געזאגט:

— זינט אייער גאלדענע פעדער איז שטיל געבליעבען, געעהרטער רבי! איז אונזער היילינע שפראכע פערוואוסט און אדע געוואָרען. קיין שום וויכטיגע זאך איז אין איהר ניט פארגעקומען, נאר איין קליינקייט איז יא ערשיינען, וואס האט גרויס איינזעהען געמאכט, דאס איז איין שיר וועגען דער שאך-שפיעל. דיזער שיר שטעלט אונז פאר, וויא צוויא ארמעען שלאגען זיך איינס מיט דעם אנדערען, דיזע שפיעל האט איין שטארקען אנגאנג צווישען עולם בעקומען, אויך אין אונזער שטאדט. איך זאג אייך דעם אמת, רבי! אז איך האב דעם שיר אפילו רעכט ניט אנגעקוקט; איך דיינק אויך, אז חאט איך האב איהם ניט געזעהען, שטעהט ער אסך ניעדריגער פון אייער שיר, וואס איהר האט געמאכט לכבוד דעם יום טוב פורים. דער וואס האט דעם שיר געלעזען, דער וועט שוין קיין גרויס פערגניגען ניט פיהלען אין קיין שום שיר, און אויך אין דעם נייען שיר, און חוץ דעם האט דער מחבר פון דעם שיר מחלל געוועזן אונזער היילינע שפראכע, דער מיט וואס ער האט זיא בענוצט צו וואכינדיגע זאכען.

שמואל, וועלכער איז פארטיג געוועזן יעדער מינוט אנצופאלען אויף דעם רויטהען יצחק׳ן, האט זיך דא אויך ניט געקענט איינהאלטען און איז איהם אין דיא רייד אריינגעפאלען:

— נאר מיין שכל זאגט מיר אבער אז פערקעהרט, אז אפילו דער פרומסטער גאטעס פארכטיגער מאן, מעג זיך אמאל ערלויבען אריינצוקוקען אין אזעלכע שירים, וואס זענען ניט אזוי היילינ, נאר וואס זענען שייך צו עטוואס א חכמה און פון זייא פערגניגען שעפפען. אין גאטעס וועלט איז פערהאנען פיעל שענע זאכען, אין וועלכע דאס אויג אונזערס מעג

נאך, צו דער פרעמדער איז גאר אפילו אין שטאנד צו ריכטען. האב איך דען געקענט אפשווייגען דעם עזות פנים, וואס ער האט מיך בקול רם מביש געוועזן? איך האב עס איהם ניט געקענט אפשווייגען, און איך וועל ניט רוהען ביז איך וועל עס אונזער מייסטער ר׳ יהודה׳ן דערצעהלען.

ביא זיינע לעצטע ווערטער האט ערשיינט דער עקאנאם פון ר׳ יהודה און נאך איהם זענען נאך געגאנגען עטליכע משרתים, וואס האבען נאכגעטראגען שיסלען מיט עסענוואהרג. ער האט זייא אנגעצייכענט געגעבען אז זייא זאלען זייערע פלאץ ביים טיש פערנעהמען. אין איין רגע איז אלעס פערגעסען געווארען. דיא תלמידים וואס זענען געוועזן דארשטיג נאך גאטעס רייד, זענען אויך וויא עס שיינט, הונגעריג געוועזן נאך אשטיקעל ברויט. דער רויטהער יצחק האט דעם ערשטען פלאץ פערנעהמען, נאך איהם האבען זיך דיא איבריגע אויס געזעצט, יעדער וויא עס האט איהם געפאסט; נאר אונזער אברהם האט נאך קיין בעשטימט ארט ניט געהאט, און דארום האט ער זיך ביים עק טיש געזעצט, יעדער האט איין המוציא געמאכט און זיך גענעהמען עסען, פלוצים האט זיך דיא טהיר געעפינט און ר׳ יהודה הלוי איז אין זאל אריינגעגאנגען, אלע תלמידים האבען זיך פון זייערע ערטער אויפגעהויבען, נאר ר׳ יהודה האט זייא מיט דער האנד געווינקען, אז זייא זאלען זיך צוריק זעטצען אויף זייערע ערטער. ר׳ יהודה האט אזוך געטהון מיט דיא אויגען און האט אברהם׳ן דער זעהען, ער האט איהם מיט אשמייכעל געגריסט און זיך אויף זיין ארט אנידערגעזעצט. מען האט איהם באלד דערלאנגט צו עסען.

— מיינע ליעבע תלמידים! — האט זיך ר׳ יהודה אנגערופען. — מיינע געשעפטען האבען מיך געהינדערט מיט אייך זיך צו זעהען אזא לאנגע צייט, און דארום פערצייהט עס מיר. יעטצט האב איך זיך שוין ניט געקענט אפהאלטען מיט אייך זיך ניט צו זעהען און געוואהר ווערען וואס איהר מאכט. וויא געהט עס אייך קינדער?

דער רויטהער יצחק האט זיך פון זיין ארט אויפגעהויבען און האט איהם אין נאמען פון אלע תלמידים געענטפערט: אונזער הערר און רבי! אזוי וויא דיא שפראצונג דארשטען נאך דער זוננענשיין, אזוי האבען מיר אלע געדארשט נאך אייער ליכטיג געזיכט, דיא גאנצע צייט וואס איהר זענט אונטער אונז ניט ערשיינען; נאר אזוי וויא דיא זון בעלייכט און בעלעבט יעדער זאך, אבוואהל מיר זעהען זיא ניט, ווען זיא איז מיט וואלקען בעדעקט, אזוי בעלעבט איהר אונזערע הערצער און ערקוויקט זייא מיט דער שפייז פון אונזער היילינגער תורה, אויך מיט מענשליכער שפייז, אפילו אין דער צייט, וואס אייערע געשעפטען רייסען אייך אפ פון אונז.

— עס איז וואהר יצחק, אז דוא ביסט אשענער רעדנער — האט זיך ר׳ יהודה צו איהם אנגערופען — נאר דוא ווייסט דאך, אז איך האב



ניט

ברייננגען, אונ דארום איז מיין עצה אז פון אזעלכע אוננוטציגע חברים זיך צו האלטען פון דער ווייטענס.

ער האט ניט אוספייעט צו ענדיגען זיינע ווערטער, איז שמואל צו איהם צו געגאנגען אונ מיט פעראכטונג זיך אנגערופען: איך צווייפעל ניט, גראבער יונג, אז דוא האסט אלס געשליעפען דיין צונג אנגעגען מיר אונ האסט מיך אנגערופען פוסטער יונג אונ נאך אזעלכע שענע נעמען, אונ דארום האב איך אויך דאס רעכט דיר עטוואס צו ענטפערען, אויף דיינע בזיונות; ווייסט זשע ברודער, אז דוא אינטריגאן, וואס דוא עסט אונ טרינקסט ביים גרויסען ר' דוד נורבוני, נארסט אפ דעם דאזיגען גרויסען מאן צעהן מאל א טאג, אונ ווער עס גיט דיר שוחד, זעהסט דוא איהם פאר-צושטעלען פאר ר' דוד'ן, אונ אזוי לאנג זיך צו אונטערשמייכלען צו איהם ביז דוא פועלסט, אז ער זאל געבען זיין סמיכה אויף רב דעם פון זיינע תלמידים, בייא וועלכע דוא האסט האבאר גענומען.

דער רויטהעער יצחק איז נאך מעהר רויטהערער געווארען פאר גרויס כעס אונ האט אויף שמואל'ן זיין קולאק אויפגעהויבען; נאר ער האט זיך גיך בעטראכט אונ זיין אויפגעהויבענע האנד ווידער אראפגעלאזט; ער האט גוט פערשטאנען, אז שמואל וואס איז אסך געזינטער פון איהם, וועט איהם ניט אפשווייגען, אונ וועט איהם דאפעלט בעלוידיגען. ער האט פון כעס מיט דיא צאהן צו געפרעסט אונ זיך אנגערופען:

— איך קען דיך. איך קען דיך גיט, צדיק מיינער, אז דוא קענסט קיין עולות ניט צו קוקען, אונ וואלסט געוואלט דורך רכילות מיר שלעכטס טהון אונ זעהען מיין מפלה, נאר איך האף, אז דוא וועסט עס ניט דער לעבען.

אין דער צייט, בעת זייא האבען זיך געקריגט זענען דער ווייל צוגעגאנגען נאך עטליכע פון ר' יהודה'ס תלמידים וועלכע האבען אין זאל ארומגעשפאצירט, אונ האבען זיך צו געהערט צו זייערע רייד. איינער פון דיא עלטערע תלמידים האט עס ניט געקענט פערליידען אונ האט זייא געזאגט:

— וויא שעמט איהר אייך ניט צו קריגען, דא בייא ר' יהודה הלוי אין הויז? דאכט מיר, אז איידער צו פערברייננגען דיא צייט מיט פוסטע קריעג, איז גלייכער צו זעטצען זיך לערנען אונ בעסער זיך צו קריגען אין איין הלכה, אונ וואס קען דער פרעמדער מאן, וואס איז ערשט צו אונז געקומען פון אייך טראכטען, אז ער זעהט, וויא אזוי איהר פערגעהמט זיך מיט אזעלכע נארישקייטען?

— וואס געהט מיך דער פרעמדער אן אונ וויא סמייעט גאר א פרעמדער איינגעבעטענער גאסט, וואס ער קען אונז ניט אונ ווייסט אונז ניט פון אונז צו ריכטען (סודיען)? — האט זיך דער רויטהער אפגערופען, איך צווייפעל

נאכדעם אז יצחק איז אוועקגעגאנגען, איז שמואל צו געגאנגען צו אברהמ'ן און האט זיך צו איהם אנגערופען:

—פערצייהעט מיר אונבעקענטער, וואס איך שטעל מיך איין מיט מיין הילף אויף אייך זיך אנצוווארפען; פיללייכט זענט איהר היע פרעמד און איך בין היע אומעטום בעקענט, קען זיין, אז איך זאל אייך קענען מיט עטוואס מיט-העלפען.

— איך בין היע ניט קיין פרעמדער; איך בין נאר היע אלאנגע צייט ניט געוועזען, איך דאנק אייך זעהר פאר אייער גוטהערציגקייט, און ווען איך וועל בעדארפען אייער הילף, וועל איך בודאי זיך בענוטצען מיט איהר! — האט אברהם פריינדליך געענטפערט.

— אין דיזער זאל וועדליג עס ווייזט, זענט איהר דאס ערשטע מאל; און איך האף אז עס וועט אייך פרייען צו זעהען דאס וואהלטהעטיגקייט פון אונזער רבי'ן און מייסטער.

— עס איז ניט נעטהיג נאר מהאי טעמא אהער צו קומען. ר' יהודה הלוי'ס לויב איז פול דיא גאנצע וועלט.

בעת זייא האבען זיך ביידע אונטערגעהאלטען; ניט ווייט פון זייא, האט דער רוטהער יצחק צונויפגעקליבען עטליכע תלמידים, און האט אויף אקול בכדי אברהם מיט שמואל'ן זאלען קענען הערען, זיינע רייד געזאגט: אסף פון אונזערע ברידער, וואס זענען דא צו זאמען, ווען זייא בעקומען אפרעמדען מענשען ווערען זייא צו איהם באלד צוגעוואקסען און פרעגען גאר ניט ווער ער איז און וואס ער איז. עס קען מעגליך זיין, אז דער פרעמדער מענש, אין וועלכען זייא פערגלויבען זיך אזוי שטארק איז פשוט אגעמיינער ברודער און נאך פון אניעדריגען שטאנד דער צו, מיט וועלכען עס פאסט גאר אפילו ניט צו רעדען.

— וויא האט דיך גאט בעגאבט מיט אזא שענער שפראכע, יצחק? האט איינער פון דיא תלמידים זיך אנגערופען, און איהם אומיסטנע צו געשמייכעלט. דיינע רייד זענען צוקער זיס, איך וואונדער זיך זעהר אויף דיין טיעפען שכל און אויף דיין גרויסען פערשטאנד. מיר אלע זענען אגאר ניט אקעגען דיר!

דער רוטהער יצחק איז לעכטיג געווארען פון זיינע שמייכעל רייד; ער האט זיין קאפף מיט שטאלץ אויפגעהויבען און זיך אנגערופען:

— איהר ווייסט קינדער, אז אונז וועט ניט העלפען דיא אלע חכמות וואס מיר האבען געירשט פון אונזערע אמאליגע גרויסע לייט, אויך דאס גרויסע געלערנשאפט, וואס מיר געניסען בייא דיא היינטיגע גרויסע מענער, ווען מיר וועלען ניט פערביידען זיך ארומצושלעפען מיט אזעלכע פוסטע יונגען וויא צווישען אונז געפינען זיך יעטצט. און וואס איך וויל זייא ביים נאמען ניט אנרופען, זייער געזעלשאפט קען אונז פיעל שאדען



בריינגען

אוּנְטֶערְ׳ן נָאמֶען, יצחק דֶער רוֹיטְהֶער, וַוייל זַיינֶע הָאר אוֹיפְן קָאפְּף אוּנ אִין דֶער בָּארְד זֶענֶען גֶעוֶוען רוֹיטה וִויא פָּאמְס — וִויא קוּמְט עֶר אַהֶער? אִיךְ הָאבּ דָאךְ אִיהם בִּיז יֶעטְצְט אִין עֶרְגִיץ נִיט בֶּעמֶערְקְט. עֶר וֵוייסְט אַפָּנִים נִיט, אַז דָא וֶוערֶען נָאר אוֹיפְגֶענֶעהָמֶען גוּטֶע קֶעפּ אוּנ וואָל־לֶערְנֶער.

— מִסְתָּמָא הָאט עֶר דֶער צוּ בֶּעקוּמֶען דָאס עֶרְלוֹיבְּנִיס פוּן ר׳ יהודה הלוי — הָאט אִיהם אַיין אַנְדֶערֶער גֶעעֶנְטְפֶערְט.

— עֶס קֶען גְרַאדֶע זַיין אַז נֵיין — הָאט דֶער רוֹיטְהֶער ווידֶער גֶעזָאגְט — דוּא מֵיינְסְט, אַז דֶער שׁוֹמֵר וֶועט אִיהם פְרֶעגֶען צוּא הָאט עֶר אַיין עֶרְלוֹיבֶּענִיס צוּ גֵיין. אוּנ טַאקִי מֵהַאי טַעֲמָא קֶען זִיךְ צוּ אוּנְז אַרַיינְחַאפֶּען, וֶוער עֶס וִויל נָאר: אַפוּילֶער, וָואס וִויל נִיט אַרְבַּייטֶען אוּנ בֶּעגֶעהְרְט צוּ עֶסֶען אוּמְזִיסְטִיג בְּרוֹיט, אָדֶער אַזוֹי פָּשׁוּט אַטֶעלֶער־לֶעקֶער.

— נֵיין, דוּא הָאסְט אַ טָעוּת אִין דֶעם מֶענְשֶׁען — הָאט אִיהם דֶער אַנְדֶערֶער גֶעעֶנְטְפֶערְט — עֶר אִיז אֲפִילוּ נִיט רַייךְ גֶעקְלֵיידֶעט, נָאר זַיין אוֹיס זֶעהֶען אִיז פַיין, אוּנ זָאגְט עֵדוּת, אַז עֶר אִיז אַיין לַייטִישֶׁער מַאן.

— פוּן וֶוען אָן, בִּיסְט דוּא, אַיין פְהִיזִיָאמִיסְט גֶעוָוארֶען אוּנ גְלוֹיבְּסְט אַז דוּ קֶענְסְט אִיבֶּערְלֶעזֶען אוֹיף יֶעדֶעם מֶענְשֶׁען שְׁטֶערֶען זַיין עֶהְרְלִיכְקַייט, אָדֶער אוּנֶעהְרְלִיכְקַייט? עֶס קֶען אַוַדַאי זַיין אַז ראדריגא דֶער חָכָם, מִיט וֶועלְכֶען דוּא בִּיסְט דִיא לֶעצְטֶע צַייט שְׁטַארְק בֶּעפְרַיינְדֶעט אוּנ פִיהְרְסְט זִיךְ מִיט אִיהם אַרוּם טָאג מִיט נַאכְט, הָאט דִיר דִיא דָאזִיגֶע חָכְמָה עַל פִּי סוֹד אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען?

אַלֶע יוּנְגֶען, וֶועלְכֶע זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען נָאהִינְט נֶעבֶּען זַייא הָאבֶּען אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּ לַאכֶען.

— עֶס אִיז אֱמֶת יצחק, אַז אִיךְ בִּין אַגוּטֶער בְּרוּדֶער מִיט דֶעם רוֹפֵא ראדריגא; אִיךְ שֶׁעם מִיךְ גָאר דֶער מִיט נִיט; נָאר דֶער פַאר זָאלְסְט דוּא אָבֶּער וִויסֶען, וָואס פִיר נוּטְצִיגֶע זַאכֶען אִיךְ הָאבּ זִיךְ פוּן אִיהם אָפּ גֶעלֶערֶענְט? אַשְׁטֵייגֶער ראדריגא הָאט מִיךְ אוֹיסְגֶעלֶערֶענְט, וִויא אַזוֹי נֶעטְהִיג עֶס אִיז צוּ דֶער אָדֶער צוּ לָאזֶען דִיא דָאזִיגֶע מֶענְשֶׁען, וָואס זֶענֶען שְׁטַאלְץ אוֹיף זַייעֶר בִּיסֶעל קֶענְטְנִיס, אוּנ זַייא אַבִּיסֶעל בְּלוּט אָפּ צַאפֶּען, בִּכְדֵי דִיא פֶערְגֶענִיגֶען וָואס זַייא הָאבֶּען פוּן זִיךְ אַלֵיין, זָאל זַייא נִיט אַרַיינְ־טְרַייבֶּען דָאס בְּלוּט אִין קָאפּ אַרַיין אוּנ זַיי זָאלֶען חָלִילָה נִיט אַרָאפּ פוּן זִינֶען.

דִיא תַּלְמִידִים וָואס זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען אַרוּם זַייא, הָאבֶּען ווִיעדֶער אוֹיסְגֶעשָׁאסֶען אַגְרוֹיס גֶעלֶעכְטֶער; נָאר יֶעטְצְטִיגֶעס מָאל הָאבֶּען זַייא שׁוֹין גֶעלַאכְט אוֹיף דֶעם רוֹיטְהֶענְס מַפָּלָה, יצחק הָאט דִיא צֶאהְן פֶערְבִּיסֶען פִיר כַּעס אוּנ אַוֶועקְגֶעהֶענְדִיג הָאט עֶר צְווִישֶׁען דִיא צֶאהְן גֶעזָאגְט צוּ זִיךְ אַלֵיין:

— „וַוארְט נָאר וַוארְט מִיר אוֹיס אַבִּיסִיל, דוּא דוּמֶער יוּנְג. אִיךְ וֶועל זִיךְ מִיט דִיר אָפְּרֶעכֶענֶען וִויא עֶס דַארְף צוּ זַיין! אִיךְ וֶועל דִיר עֶס קֵיינְמָאל נִיט פֶערְגֶעסֶען!“

(ר״י הלוי ח״ב)

גענקענט אונטערין נאמען אברהם דער שריפט שטעלער, נאר יעטצט ווייסען זייא אויך ניט וואו איך בין אהין געקומען אונ קען זיין, אז זייא וועלען מיך שוין ניט דערקענען.

— גאנץ גוט! — האט ר׳ יהודה זיך אנגערופען — וועט אונז זיין גרינגער זיך אפט צו זעהען; איהר מוזט זיך פארשטעלען אונ זיך אריינמישען צווישען מיינע תלמידים וואס עסען בייא מיר אונ זיין גלייך מיט זייא. איך וויים גאנץ גוט, אז איהר דארפט זיך שוין בייא מיר ניט לערנען, נאר מיט אזא אופן וועט אונז זיין גרינגער זיך אפט צו זעהען, אונ בעטראכטען וויא הערויס אונזער ציעל צו עררייכען. יעטצט זעהט איהר, אז איך געטהיג זיך אסך מעהר אן אייך איידער איהר אן מיך; אונ דארום בים איך אייך איהר זאלט מיין בקשה אננעהמען. יעטצט מוזט איהר דער ווייל געהען קיין סארראגאזע, אונ דארום זוימט ניט מיין ליעבער אונבעקענטער, אונ אין דער פינסטער פון דער נאכט מאכט אייער וועג אהין, אונ בייא דער שיין פון דער זון קעהרט צוריק צוא מיר אום.

דיא לעטצטע ווארטער האט ר׳ יהודה מיט אזוי פיעל גיטע אויסגעשפראכען, אז אברהם האט ניט אכטענד אויף זיין שטאלץ אונווילקירליך זיך אנגעבויגען צו ר׳ יהודה הלוי אונ זיין האנד געקושט. ר׳ יהודה האט איהם מיט ליעבע זיין האנד קרעפטיג געדריקט.

## 2.

דעם אנדערען מיטטאג איז אברהם גלייך געגאנגען צו ר׳ יהודה הלוי׳ס הויז אונ האט זיך דעם שומר געמעלדעט, אז ער איז איינער פון ר׳ יהודה׳ס תלמידים; דער שומר האט איהם אריינגעפיהרט אין אגרויסער זאל אריין, וואו עס איז געשטאנען שענגעדעקטע שפייז=טישען, אונ אין זאל האבען ארומגעשפאצירט אמענגע תלמידים מיט ניט רייכע, נאר ריינע מלבושים אונ האבען צווישען זיך גערעדט. אברהם׳ס ערשיינען האט געמאכט אשטיקעל רעש צווישען זייא, אלע האבען זייערע אויגען געווענדעט צו איהם אונ איהם בעטראכט פון׳ם קאפף ביז אין דיא פיס. זייא איז אויס געקומען וואונדערליך, אז אזוי איין ערוואקסענער מענש, וואס פאסט איהם שוין גאר ניט קיין תלמיד צו זיין, איז פלוצים געקומען זיך ערשט לערנען, נאר נאכדעם, אז זייא האבען זיך שוין זאט אנגעקוקט אויף איהם, האבען זייא אנגעהויבען וויעדער צווישען זיך צו שפרעכען:

— ווער קען זיין דער פרעמדער מאן וואס שטעהט דארטען — האט איין יונגער מאן געפרעגט זיינעם אחבר. דער יונגער מאן איז געוועזען בעקענט

סארראגאזא ווילען אויספירען זייערע פלאנער, דורך דעם וואס זייא שרעקען אונז, אז אין געגענפאל וועלען זייא זיך נוקם זיין אין אונז. וויעדער טהון זייער ווילען איז אויך ניט פראקטיש: איינמאל פעלשט איהר אין אייער געטרייען קאניג, אונ דאס אנדערע ווען עס וועט אייך ניט געראטהען צו פערהוילען אונ פערדעקען דיא זאך, וועט דער קאניג שרעקליך אויפגעבראכט ווערען אויף אייך אונ דענסמאלט זענט איהר ניט נאר אליין אין אסכנה, נאר מיר אלע יודען מיט אייך צו זאמען, ווארום וויא האט מען דען זיך בעגניגט נאר דער מיט צו שטראפען איין יודען דער פאר וואס ער איז אפעדברעכער געווארען, אונ זיך ניט נוקם זיין אין גאנצען כלל? דיא הויפט זאך, מוז מען דא זוכען, אז מען זאל זעהען, אז דעם קאניג זאל פון דעם אלעמען אטובה ארויס קומען, אונ דעם שונא דיא פליגעל אפהאקען, ער זאל אונז ניט קענען שאטען.

— אייערע רייד זענען קלוג אונ קלאר וויא דער טאג — האט איהם ר׳ יהודה דארויף געענטפערט.

— אונ דארום — האט אברהם זיינע רייד געענדיגט — מוז מען גוט איבער וואגען צווישען ווילען פונ׳ם קאניג אונ דעם ווילען פון אונזערע שונאים, זעהען, אז ביידע זאלען בעפריעדיגט בלייבען, אונ צווישען זייא עטוואס איין פשרה געפינען.

— נאר פערגעסט אבער ניט, ר׳ אברהם, אז דער קאניג וויל ניט ליידען, אז איך זאל דעם טעמפעל־ארדען אפטרעטען אפילו אויף אהאר, אונ ווען איך וועל וועלען מאכען צווישען זייא אפערגלייך, מוז מען דאך זעהען, אז איינער זאל עטוואס פון זיין פאדערונג אראפלאזען. נאר איך קען נאך ניט בעשליסען, אז איהר זענט אונגערעכט, עס קען גראדע זיין, אז אייערע רייד זאלען מיר צו נוטץ קומען, איך וועל מיך צום קלערען נעהמען, אונ מיט דער הילף פונ׳ם אמת אונ גערעכטיגקייט, וועלכע האבען מיך געלייטעט פון זייט מיין געבוירען, קען זיין וועט מיר געראטהען אויך מיט מיין באשעפערס הילף זייערע אלע שלעכטע מחשבות צו פערניכטען אונ צו שטארען.

אברהם האט זיך פון זיין ארט אויפגעהויבען, אום אוועק צו געהען, נאר ר׳ יהודה האט איהם ניט געלאזט אונ האט ווייטער געזאגט:

— דער אומגליק, וועלכער האט אונז געטראפען, האט אונז איינס צום אנדערען נאהינטער געשטעלט, אונ דארום טהארען מיר זיך אזוי גיך ניט שיידען איינס פונ׳ם אנדערען, מיר מוזען יעטצט צו זאמען ארבייטען מיט אלע קרעפטען. אייך האט דיא געמיינדע אויסגעקליבען צו מיר פאר איין שליח, ווייל איהר זענט דארטען, וועדליג איהר האט מיר געזאגט, אונבעקענט, נאר זאגט מיר האט איהר היע פיעל בעקענטע?

— דיא גרויסע געלעהרטע אונ חכמים פון היע האבען מיך גוט

זייערע פאלשקייטען. דער קעניג האט מיר איבער געגעבען אין דיא האנד מיט זייא צו האנדלען וויא אזוי איך פערשטעה. דער עלצטער פונ׳ם טעמפעל־ארדען שרעקט אונז, אז ער וועט זיך נוקם זיין אין אונז ווען איך וועל איהם דא קיין טובה ניט טהון אונ וועל ניט פעלשען אין מיין קעניג .... נאר דאס איז נאך ניט אין גאנצען, דער צו האט זיך מיר נאך איין אומגליק געטראפען; פון איך ר׳ אברהם רעכען איך איז ניט פערהוילען דער ענין, וואס דער קעניג פיהרט מיט דיא איינוואהנער פון כאראגאזא, דיזע איינוואהנער באשטעהען צוא בלייבען מיין קעניגס אונטערטהאנער נאר מיט דעם אופן, אז דער קעניג זאל דארטען ניט האבען זיינע בעאמטע (טשינאווניקעס), ער זאל אהין זיין חיל ניט ארייג־שיקען, אונ דאס פאדערונג האבען זייא צום קעניג אריינגעשיקט, אונ תוך דעם, צו מיר אבריעף אז אין פאל ווען איך וועל זייא ניט מיט־העלפען זייער פלאן אויסצופיהרען ביים קעניג, וועלען זייא אלע יודען, וואס וואהנען דארטען, אויסהרגענען ביז אויף איינעם. דיא ריטטערען זענען דער פון אויך געוואהר געווארען אונ האבען פארגעלעגט דעם קעניג, אז זייא זענען איהם גרייט מיט צו העלפען איינצונעהמען דיא סאראגעזישע איינוואהנער, נאר דער קעניג זאל בעשטעהען אויף זייער פאדערונג אונ זיך אפזאגען פון אראגאניע. יעטצט זעהט איהר ר׳ אברהם, וויא אונזערע שונאים האבען אונז פערפוטעט אונ פערדרעהט אונ נעטהען אונז, אז מיר זאלען פעלשען אין אונזער גוטען קעניג, אינטער וועלכענס שוטץ מיר יודען וואהנען זיכער אונ גליקליך. יעטצט לאמיר אויך בע־טראכטען פאר וואס האט גראדע דער קעניג מיך אויס געקליבען, אז איך זאל פערהאנדלען מיט דיא ריטטער פונ׳ם היילינען טעמפעל־ארדען? האט דען דער קעניג ניט צווישען זיינע ראטה געבער קיין קלוגע אונ בעשיידטע מאנער גלייך מיט מיר? בין איך דען דער איינציגער מענש, וואס דער קעניג געטרויעט איהם? צו איז דאס איין פלאן פון מיינעם איין בלוט שונא, וואס וויל זיך אין מיר איין נקמה דערלעבען, אונ דארום האט ער אזוי געמאכט, אז דער קעניג זאל מיך דערצו אויס וואהלען? אדער עס קען אויך זיין, אז דאס האט באגעהרט דער עלצטער פונ׳ם טעמפעל־ארדען, בכדי עס זאל איהם גרינגער זיין אויסצופיהרען זיין פלאן, דער מיט וואס ער וועט מיך שרעקען, מיט דעם ארויסטרייבען פון מיינע ארעמע אונגליקליכע ברידער? זאגט ר׳ אברהם, וועלכעס איז אמתער צווישען דיא אלע מיינע מיינונגען?

— צו וואס טויג אונז, רבי! דיא אלע מיינונג, זייא וועלען סיי וויא סיי צו גאר ניט פיהרען; גענוג איז אונז צו וויסען, אז מיר זענען אין אונגליק אונ אז דער שונא איז פאר אונזערע אויגען. מיר זעהען ארויס בעשיינבארליך, אז דער היילינער ארדען, אויך דיא איינוואהנער פון

אברהם האט אטיעפען זיפץ געטהון — .אפנים מיר איז שוין בעשערט אויף מיין לעבען צו זיין שטענדיג אדער אשלעכטער מבשר אדער איין פערהיטער פון אונגליק, אונ נאט ווייסט דעם אמת, אז איך בין דרינגען קארג וואס שולדיג, ניט מיר דעם שטיין צוריק, ער האט זיין שליחות שוין געענדיגט, איך וועל איהם צוריק אין זיין ארט אריין ברייגען, בכדי ער זאל אייער רוהע שוין מעהר ניט שטערען. אבוואהל דיא גרויסע געלעהרטע שטערנקוקערס האבען אונז געלערענט, אז דעם מענשענס מזל איז פערצייכענט צווישען דיא הימילשע שטערן, נאר מיין הארץ זאגט מיר, אז זייא האבען אונז פאלש געלערענט, עס איז נאר פערהאנען איינער אויף דער וועלט, וואס קוקט אויף יעדער אונזערע טריט, אונ טהוט מיט אונז וואס איהם וואהלגעפעהלט; אונ דער איינער איז נאר אונזער בעשעפער!

— איך האלט אייך ח״ו ניט פיר שולדיג, ר׳ אברהם! דרינגען וואס דער שטיין איז גראדע דורך אייערע האנד צו מיר ווידער געקומען, יעטצט איז מיר אלצאיינס צו ער האט עטוואס אכח אין זיך צו ניין; נאר דאס פארזאגען איז מקוים געווארען, יעטצט איז אקוראט אציים וואס מיך האט ארומגערינגעלט דאס אונגליק פון אלע זייטען; יעטצט מוז איך ארויס־טרייטען אפענטליך געגען אלע מיינע שונאים, אונ דאריבער זאגט מיר מיין הארץ, אז אייך האט גאט צו געשיקט צו מיר איהר זאלט מיר ביישטעהען אין מיין שלעכטער לאגע. איך נאמהיג מיך יעטצט אין אזעלכע קלוגע אונ פערשטאנדיגע מענשען וויא איהר זענט .... נאר, מחשבות, איהר האט דאך מיר נאך אפילו ניט געזאגט וועך איהר זענט אליין אונ ווער אייערע עלטערען זענען געוועזען?

אברהם האט ביים זיינע לעטצטע ווארטער דיא האנד אופ׳ם הארצען ארויפגעלעגט, דיא אויגען צו דער ערד אראפגעלאזט אונ האט זיך אנגערופען:

— פרעגט מיך ניט אויף מיינע עלטערען, איך וויל אז זייער נאמען זאל פערבארגען בלייבען. אונ וואס נוטצט מיר זייער יחוס, אז דער עיקר יחוס איז דער מענש אליין!

— איהר קומט מיר אויס וויא ארעטהעניש, ר׳ אברהם — האט ר׳ יהודה זיך אנגערופען — איהר שיינט מיר שמאלץ צו זיין, אונ גאוה פאסט ניט צו אזא מענשען, וויא איהר זענט; אונ דארום דרינג איך, אז דער שמאלץ אייערער איז נאר אגעמאכטער, בכדי אנדערע ניט צו קרייגקען, מיט דעם וואס איהר וועט אויסזאגען ווער איהר זענט, נאר לאז זיין אזוי וויא איהר ווילט, מסתמא דארפט איהר, אז עס זאל אזוי זיין, נאר לאמיר בעסער רעדען דער פון וואס מיר האבען יעטצט צו טהון. אונזערע שונאים האבען אונז ארומגערינגעלט מיט

און איהם ניט איבער געשלאגען דיא רייד, און אפילו ווען ער האט שוין געענדיגט און שטיל געבליעבען האט ער אזוי באלד נאך ניט גיענטפערט.

— דיא רבנים פון ירושלים — האט אברהם ווידער אנגעהויבען צו ריידען — מחמת מורא, אז איהר זאלט מיר ניט וועלען גלויבען, האבען מיר איבער געגעבען אט דעם סימן .... (דאבייא האט ער ארויס גענומען דאס באפוצטונג פון אספר תורה, וואס ר׳ יהודה הלוי האט עס קיין ירושלים געשיקט) בכדי איהר זאלט מיר גלויבען, אז זייא האבען מיך צו אייך געשיקט.

ר׳ יהודה האט דאס חפץ נאר אין דיא האנד אריינגענומען, אזוי איז ער וויא אפערגיפטעטער פון זיין ארט אפגעשפרונגען און מיט גרויס ציטערניש אויסגעשריגען:

— גאט, מיין גאט! א דעם חפץ האט איהר מיר געבראכט?

אברהם איז שרעקליך פערוואונדערט געווארען פון זיין געשרייא און האט זיך צו איהם אנגערופען: „וואס איז אייך, מיין הערר? האט אייך אפשר חו אין אומגליק געטראפען?“

— ווער האט אייך דעם חפץ איבער געגעבען? האט איהם ר׳ יהודה מיט אזיפץ איבער געפרעגט.

— דער בלינדער ר׳ יוסף, ער האט עס מיר געגעבען און מיר געזאגט, אז איהר האט עס געשיקט קיין ירושלים צו באפוצען דער מיט אספר תורה, און פון וועגען עס זאל מיך רעקאמאנדירען פאר אייך אין דיא אויגען האט ער עס מיר יעטצט איבער געגעבען אייך עס צו ברייגגען.

— יא עס איז אזוי ר׳ אברהם! — האט ר׳ יהודה עטוואס רוהיגער געזאגט — יעטצט ווען דער חפץ איז צו מיר ווידער אין דיא האנד געקומען קען איך מיט אייך פריי רעדען און אייך אין גאנצען דיא וואונדערליכע זאך דערצעהלען. דיזער טהייערער חפץ געהט אין אונזער פאמיליע בירושה מדור דור. מיינע אלטערען האבען איהם ניט געוואלט פערבייטען אויף קיין שום זאך אויף דער וועלט, נאר איין קלוגער מאן, און שטערנזעהער האט מיר געראטהען פון דיזעם שטיין פטור צו ווערען, ער האט מיר אויך פארגעזאגט, אז דער דאזיגער שטיין וועט זיך צו מיר אומקעהרען ווען עס וועט קומען אויף מיין הויז אטאג וואס אונזער מזל וועט דארפען געריעשעט ווערען צו גוטען, אדער חלילה צו שלעכטען, מהאי טעמא האב איך זיך געטראכט, אז איך וועל איהם אוועק שענקען צו איין קדושה זאך, בכדי ער זאל אנווערען זיין מאגישע קרעפט. איך האב זיך געטראכט אז יעטצט בין איך שוין אויף עביג פון איהם פטור געווארען .... נאר גאטס וועגען זענען וואונדערליך און פערבארגען פונ׳ם מענשליכען אויג! דיזער שטיין איז צוריק דורך ימים, דורך ווייטע לאנדער צו מיר אומגעקעהרט און נאך דער צו דורך אייך, מיין ליעבער ר׳ אברהם!

(ר״י הלוי ח״ב

געבראכט, און פיר וואס האט איהר זיך געמוזט צו מיר אריינגעבנען אין דער מיט נאכט. פון אייער בריעף, וואס איהר האט מיר געשריעבען האב איך מיך יא עטוואס אנגעשטויסען, נאר ניט אין גאנצען .... —

— צוויי טאג נאך דעם, וואס איך האב אייך דענסמאלט מיין ארבייט אפגעבראכט — האט אברהם אים אנגעהויבען דערצעהלען — האב איך די שטאדט קארדאווא פערלאסט. און ווען איהר האט מיך געשיקט זוכען בין איך שוין לאנג געוועזען גאנץ וויט פון איהר. איך האב אין דער שטאט אלעס פערלוירען: מיינע טהייערע געליעבטע אלטערען, מיין גאנצע משפחה! מיינע אויגען האבען ניט געקענט צו זעהען, וויא דאס שלעכטס מיט דעם רשעות פון דיא אכזריים, וואס קוואלען זייערע ברידער, וואס זענען אזעלכע מענשען, וויא זייא זעלבסט. איך האב בייא זיך בעשלאסען זיין נע ונד אויף דער וועלט. מיינע פיס האבען מיך אוועק געטראגען, אויף דיא היילינע ארטער, וואו עס איז בעגראבען געווארען אונזער פאלקס גרויסקייט. איך האב געמיינט דארטען מיינע טאג רוהיג פערברייננען; נאר דאס שיקזאל האט מיך אויך דארטען ניט געלאזט זיטצען, און איך האב געמוזט מיט אשליחות צו אייך פון דארטען געהען, זיכער ניט פון מיינטוועגען ....

— און ווען איהר זאלט פון אייערט וועגען געוועזען אהער קומען, וואלט איך אייך דען ניט געוועזען געקענט בעלאהנען און עהרליך האלטען. מיין הויז איז אפען תמיד פיר אלע מענשען, וועלכע גאט האט זייא קיין רייכ־טהימער ניט געגעבען, נאר דער פאר האט ער זייא געשענקט חכמה, פאהיגקייטען און קענטנים.

— איך צווייפעל ניט דרינען, מיין הערר! נאר לאמיר אוועק ווארפען דיא רייד, און בעסער ריידען דער פון, צו ליעב וואס איך בין אהער געשיקט געווארען.

און אברהם האט זיך גענומען איהם דערצעהלען אין גאנצען דיא מעשה מהתחל ועד כלה. ער האט איהם דערצעהלט, אז דיא רבנים פון ארץ ישראל האבען קיין אנדער וועג ניט געזעהען פאר זיך, זייא זאלען אנדערש האנדלען. זייא האבען דיא בריעף צו איהם געמוזט שרייבען, אלא ניט, וואלטען זייא ח״ו אלע יודען אין אגרויס אומגליק אריינגע־בראכט. וויעדער האט זייא זעהר באנג געטהון, צו ברייננען ר׳ יהודה הלוי דער צו אז ער זאל דורך זייא מוזען פעלשען אין זיין קאניג, און דארום האבען זייא איהם אהער ארויסגעשיקט, אז ער זאל עס איהם אין גאנצען איבער געבען, בכדי ער זאל וויסען וואס צו טהון; אז עס זאל אויסקומען, אז ער טהוט קלוימערשט דעם ווילען פונ׳ם ראש פונ׳ם טעמפעל ארדען, און פון דעסטוועגען זיין קאניג בלייבען געטריי.

ר׳ יהודה הלוי האט דיא גאנצע צייט אויפמערקזאם איהם צו געהארט

אפענטליך, אז איך האב אזא פיינע ארבייט זעלטען בעגעגענט; מען זעהט דער פון ארויס, אז איהר האט דעם בוך ניט נאר איבערגעזעטצט, נאר אויך גוט פערשטאנען, וואס אין איהם איז, און איהם גוט דורך געגרינ־טעוועט. דיא איינמערקונגען, וועלכע איהר האט אויף זיינע גליונות אנ־געשריעבען, האבען מיך שרעקליך פערוואונדערט. איהר האט אלע גרייזען אין דעם בוך מיט אייער פעדער אויסגעבעסערט. וועניג ווארטער איז אייערע איינמערקונגען געוועזען, נאר זייא זענען געוועזען טיעף אהן אשיעור, מען זעהט אין זייא אויך קיין שפאלץ־קיין איבער געהמען זיך, נאר איינ־פאכקייט, טיעפקייט און אונענדליכע חכמה. איך געדיינק, אז עס האט זיך מיר זעהר געגלוסט אייך צו זעהען און מיט אייך זיך אונטער צוא האלטען; נאר, ליידער, האבען מיך מיינע פיעל געשעפטען ניט דער לאזט צו מהוון מיין הערצענס לוסט. איך האב אפילו קיין צייט ניט געהאט רעכט דעם בוך איבער צו לעזען; נאך דעם, אז איך האב דעם בוך גוט איבערגעלעזען, ווען איך בין שוין עטוואס רוהיגער געווארען, האב איך אייך געשיקט צו מיר רופען, נאר, צום בעדויערען, האט מען מיר גע־זאגט אז איהר זענט ערגיץ אוועק און מען ווייסט ניט וואוהין, יעטצט, אז גאט האט אייך וויעדער אזוי וואונדערליך צו מיר צו געשיקט בין איך העכסט צו פריעדען און איבער גליקליך. זייט מיר דאפעלט פריינדליך געגריסט, מיין ליעבער ר׳ אברהם!

ר׳ יהודה הלוי האט איהם בייא דיזע רייד בייא דער האנד אנגענומען און איהם אויף אשטוהל אנידער געזעטצט. שטארק ערפרייעט איז אברהם פון זיינע ליעבליכע רייד געווארען, אבוואהל אברהם האט גוט געוואוסט דיא ווערטה זיינע, אז ער איז ווערטה, אז מען זאל איהם כבוד אפגעבען; נאר אזוי וויא דאס אומגליק האט איהם פערפאלגט פון קינד וויי אן, האט ער זיך שוין מיאש געוועזען, אז מענשען זאלען איהם ערקענען און איהם מקרב זיין, יעטצט אבער, ווען דער בעריהמטער ר׳ יהודה הלוי האט איהם אזוי פריינדליך בעגעגענט, איז ער שטארק צו טראגען גע־ווארען; עס האט זיך איהם אויס געוויעזען אז ער זעהט אחלום, ער איז געווארען פרעהליך און טרויעריג צו זאמען; טויזענטער געפיהלען האבען ערפילט זיין הארץ: פון איין זייט איז ר׳ יהודה הלוי געוועזען זיין הייס־געליעבטער הולדעס פאטער; און פון דער אנדערער זייט האט ער איהם גערעכענט פיר זיין פאטערס שונא, און דארום איז שוין קיין וואונדער ניט וואס אברהם׳ס הארץ איז אנגעפילט געווארען מיט אזעלכען פערשידענע געפיהלען, ער איז געבליעבען וויא פערשטומט און האט איהם ניט געקענט ענטפערען אויף אלע זיינע פריינדליכקייטען.

ר׳ יהודה הלוי האט זיין שטיל שווייגען איבער געריסען און זיך צו איהם אנגערופען: — זאגט מיר, ר׳ אברהם, וואס האט אייך היינט צו מיר

האבען מיך צו אייך געשיקט וואהנען אויף דעם ארט, וואו דיא לעכטיגע זון האט זיך אמאל בעוויעזען צו אונזערע אלטערען, אונ נאך דעם אין טונקעלקייט פערגאנגען, אונ שוין זיט פיעל יאהרהונדערטען זיך ניט צוריק געוויעזען; אויף דעם ארט, וואו דער אלמעכטיגער גאט האט זיך צו זיין ליעב פאלק בעוויזען אונ איהם פיעל גוטס געטהון, נאר דער נאכדעם זייא פון זיך פערוואָרפען אונ זייער גאנצעס ערדענגליק צו שמעטערט אונ צו שטארט. דיזע מענשען וואס וואהנען אויף דיזע צו שטארטע, נאר טהייערע ארטער, האבען מיך צו אייך געשיקט אונ מיר ווארטער אין מיין מויל גע־לעגט, וועלכע איך מוז זייא אייך אליין מיט מיין אייגען מויל איבער געבען. א, גרויסער מאן, לאזט מיך פאר פאר אייער שטוהל אייך פון זייא איין הערצליכען גרוס צו בריינגען!

ר' יהודה הלוי'ן האבען דיא ווארטער שטארק גערידהרט, ער האט אויך ביסליך וויז אנגעהויבען צוא פערשטעהען, וואס זייא בעדייטען, ווארום ערשט נעכטען האט ער דעם בריעף ערהאלטען, וועלכען דיא שלוחים פונ'ם טעמפעל העררן האבען איהם איבער געגעבען, אונ דארום איז ער געוועזען שטארק נייגעריג גיך צו זעהען דעם שליח פון ארץ ישראל אונ צו הערען, וואס האט ער איהם פיר נייעס געבראכט. חוץ דעם איז איהם דער אונבעקענטער זעהר טייער געווארען דורך זיינע זיסע רייד. איין גרויסע זעלע דערקענט לייכט דיא אנדערע, אונ עס האט איהם וויא איין מאגנעט צו איהם געצויגען.

דיא טהיר האט זיך געעפינט אונ אברהם איז אין צימער אריינגעטראטען.

ר' יהודה הלוי האט ארגע בעטראכט מיט אשארף אויג דעם אונ־בעקענטען אונ האט געשוויעגען. אין אווייל ארום האט ר' יהודה איהם אפרעג געטהון ווער ער איז!

— איהר האט מיך גאר ניט דערקענט, העררי? — האט אברהם איהם געענטפערט — איך האב שוין אמאל געהאט דיא עהרע מיט אייך זיך צו קענען. געדיינקט איהר, אז איהר האט אויף מיינע האנד איבער געגעבען איין איבערזעטץ פון אפערסישען בוך, וואס מען האט אייך צו געשיקט פון ירושלים? עס ווייזט אויס אפנים, אז איך בין אפגעמעקט געווארען פון אייער הארץ?

— ניין, מיין פריינד, איהר זענט פון מיין הארץ ניט אויס געמעקט געווארען, איך האב אייך נאר אויף ארגע ניט דערקענט, ווייל איהר זענט פערהילט געוועזען, אונ וועדליג איך זעה בעהאלט איהר אייך פיר מענשען. אסימן האט איהר, אז איך געדיינק אייך גוט, אז איך האב אפילו נאך ניט פערגעסען, אז איהר הייסט ר' אברהם. איך געדענק נאך אויך, וויא אזוי אייער ארבייט איז מיר שטארק געפעהלען. איך זאג אייך


אפענטליך

נאז, זיינע דינע ליפען האבען אונז לייכט אנגעוויעזען, אז דער מענש איז אגרויסער דיינקער, איין פהילאזאף, וואס ליעבט אלעס צו ערקלערען, אונ אלעס צו וויסען. זיין אויסזעהען האט אונז אויך געוויעזען אז דער מענש האט פיעלעס אויף זיין לעבען געטהון, געליטען אויך געזיעגט; נאר פון דעסט וועגען איז ער דארויף ניט שטאלץ געוועזען. זיין טיעפער בליק האט געוויעזען, אז אין דיזעם קרענקליכען קערפער וואהנט איין געזונד, ווארם, מענשענפריינדליכעס הארץ.

אויף דעם טיש איז גילעגען בעשריבענע פארמעטען, אויף וועלכע ער האט אפילו קיין קוק ניט געגעבען. זיינע אויגען זענען געוועזען איינגע־גראבען אין איין בריעף, וועלכען ער האט ערהאלטען דורך זיין פלימעניק מאזעס. גאנץ שטיל איז געוועזען אין צימער; איין דונקעלע לאמפ האט דאס חדר בעלאכטען. דורך דעם אפענעם פענסטער, וואס איז געגאנגען אין סאד אריין האט זיך געהערט איין מורמלען פון דיא בומער, וואס האבען געגרוישט פון אלייכט ווינטעלע אונ האבען איבער געריסען אויף אוויילע דאס שטילקייט. מאזעס האט ביז פאר נאכט קיין געלעגענהייט געהאט דאס בריפכען, וואס אברהם האט איהם איבער געענטפערט, דעם פעטער עס איבער צו געבען, אויך ר׳ יהודה הלוי האט ביז אין דער מיט נאכט קיין צייט געהאט אקוק צו געבען, וואס דרינען איז געשטאנען, נאר וויא באלד ער האט עס איבער געלעזען, האט ער באלד בעפויהלען מאזעסן, אז ער זאל דעם אונבעקאנטען מאן צו איהם אין צימער ברייגען, קיינער זאל דער פון ניט וויסען אונ קיינער זאל איהם ניט זעהען. ר׳ יהודה הלוי איז דער ווייל געבליעבען אליין, אונ האט ניט געקענט פערשטעהען, ווער איז דאס פיר איין מאן, אונ וואס קען ער דארפען פון איהם? ער האט נאך אמאל דעם בריעף געלעזען, נאר ער האט פארט ניט געקענט פון איהם עטוואס זיך דערוויסען. ער האט מעהר ניט גנעזעהען, אז עס האט איהם אנגעשריעבען איין גרויס געלערענטער מאן. עס איז איהם אזוי וויא געוועזען בעקאנט דיא שעהנע האנד שריפט פון דער בריעף, נאר זיין זכרון איז שוין געוועזען שוואך אקוראט צו טרעפען וועמען דיא האנד שריפט האט געהערט, אונ דארום איז ער נאך מעהר אינטעריסירט געוועזען צו זעהען דעם וואונדערליכען מאן. אין דער בריעף איז פאלגענדע ווארטער געוועזען געצייכענט:

דאס פינסטירניש האט דיא שיין פון דער וועלט באדעקט, דיא גאנצע וועלט איז פול מיט רויב אונ גזילה, אונ דארום פערצייהעט מיר, געעהרטער הערר, ווען איך בעט בייא אייך איין נאכטליכען בעזוך, איהר מאגט מיר גלויבען, אז איך וואלט זיך ניט געוועזען איינגעשטעלט אייך צו שטארען אין אזא צייט ווען איהר בעדארפט געוואהנליך זיך אפרוהען פון אייער פיעל געשעפטען; נאר איך מוז עס טהון. דיא מענשען, וואס



האבען

# צווייטער טהייל.

## ב

פערטיעפט אין זיינע געדאנקען, אנגעשפארט מיט זיין רעכטער האנד אויף דעם טיש, איז ר׳ יהודה הלוי געזעסען אין זיין שטודיער צימער, דאס הויזראטה אין דיזעם צימער איז געוועזען איינפאך פראכט נאר זעהר בעקוועמליך. מיר זעהען דא ניט, וויא געוועהנליך ביי אזעלכע הויכע מאנער דער געברויך איז, קיין גאלד, דימאנטען אונ ברילליאנטען, גיט קיין זיילען, ניט קיין גרויסע טהייערע שפיגלען בעפוצטצען דאס חדר, נאר איין גרויסער טיש, וואס איז געשטאנען נעבען אגרויס שפיציכיג פענסטער אין מזרח זייט; אויף דעם טיש זעהען מיר אסך פאפירען איינגעטהיילט אין ארדענונג, צווישען דיא פאפירען זענען געלעגען אזעלכע, וואס ער האט שוין אויף זייא געענטפערט, אויך אזעלכע אויף וועלכע ער האט ערשט בעדארפט ענטפערען; חוץ דעם טיש האבען זיך נאך געפונען קליינע ניט טהייערע נאר זעהר נאטהיגע חפצים אונ שטוב זאכען, אהן וועלכע קיין מענש קען זיך ניט באגעהען, נאר פון קיין ראסקאש איז אפילו קיין צייכען ניט געוועזען. פון ביידע זייטען צימער האט מען גערעכענט באמערקען צוויי טהירען, וואס האבען געפיהרט אין צוויי חדרים אריין, וואס זענען כמעט געוועזען געגליכען איינס אויף דעם אנדערען, נאר ווייט פערשיעדען איז געוועזען זייער אינהאלט. איין חדר איז געוועזען אנגעפילט מיט גאלד אונ זילבער דימאנטען אונ טהייערע שטיינער, אויך פיעל האנדלביכער, אונ דאס אנדערע חדר איז געוועזען פול מיט טהייערע זעלטענע ביכער, וואס רעדען פון אלערליי חכמות, איין געבונדען אין טהייערע בינדען, אויך אלערליי טהייערע אינסטרומענטען, וואס מען בענוצט זייא צו דיא אלע חכמות; אפענע ביכער זענען געוועזען צו ווארפען אומעטום, אין וועלכע ר׳ יהודה האט געלערענט. דיא ביידע צימער האבען דייטליך איינגעצייגט אז דער בעל הבית זייערער פערנעהמט זיך ניט מיט איין זאך, זייא האבען געוויעזען, אז צייטען ווייז איז ער אסוחר אונ פערנעהמט זיך מיט האנדעל אונ וואנדעל, אונ צייטען ווייז פערנעהמט ער זיך מיט געלערענטשאפט אונ וויסענשאפט.

ר׳ יהודה איז אין דיזער צייט 50 יאהר אלט געוועזען, ער איז געוועזען איין הויכער שלאנקער מאן, מאגער אונ קראנקליכעס אויסזעהען. גראע לאנגע לאקען האבען זיין קאפף ארומגערינגעלט. פון פיעל איבער געשטאנענע אונ איבער געליטענע צרות איז זיין געזיכט פארקנייטשט אונ איינגעשרומפפען געווארען פאר דער צייט. מיט איינעם ווארט, זיין אדלער

נאר דאס שלעכטע שיקזאל האט איהם אויך ניט אויפגעהערט צו פער־
פאלגען אונ האט איהם דאס מעגליכקייט ניט געגעבען זיין וואונש אויס־
צופיהרען. פון דער צייט אן האט אברהם ליעב געקריגען דאס איינזאמקייט;
ער איז געפלויגען דעם רעש פון דער שטאדט אונ פפלעגט גאנצע טעג
ארומבלאנזען אויף דיא בערג ארום שטאדט אהן אפרוה, אונ האט
וואכענדיג געטרוימט פון דער שענער הולדען. ער פפלעגט איהר דיא טריט
צעהלען אונ שטענדיג זוכען געלעגענהייט זיא חאט פון דער ווייטען צו
זעהען; אונ דאס פפלעגט איהם צייטענווייז געראטהען. דיא ליעבע האט
טיעפע ווארצלען אין זיין הארץ געשלאגען אונ איז פון טאג צו טאג
גרעסער געווארען.

אין איין טאג איז אברהם אויפגעוואכט געווארען, זיינע אויגען זענען
איהם אויפגעעפינט געווארען, ער האט פערשטאנען, אז עס איז ניט נוט
פיר איהם זיך אין דער ליעבע צו פיעל אריינלאזען, אלא ניט איז ער איין
פערפאלענער אויף עביג אונ וועט עביג אונגליקליך זיין, אונ דארום האט
ער זיך בעשלאסען צוא פליהען פון דיזעס ארט. ער האט אלע זיינע
טהייערע ביכער פערקויפט אונ האט זיך געדונגען איין ארט אויף אשיף
וואס זיא איז קיין יפו געשוואומען אונ האט געמאכט דיא רייזע קיין
ארץ ישראל, צו דעם לאנד פון זיינע עלטערען, צו דעם לאנד, וואהין
יעדעס יודישע הארץ ציהעט זיך מיט גרויס לוסט אונ זעהנזוכט. דיא
איבריגע טרעפענישען זיינע, וועלכע עס האבען איהם דארטען געטראפען
ווייסען מיר שוין לאנג; מיר ווייסען שוין אויך וויא אזוי זיין שיקזאל האט
איהם נאך אמאל צוריק געשטויסען ניט ווילינדיג, צו דעם ארט, פון
וואנען ער איז געפלויגען, אין דער דעה זיך קיינמאל ניט אומקעהרען; מיר
ווייסען אויך, וויא אזוי עס האט איהם געראטהען זיין הייסגעליעבטע
הולדען פונ׳ם וואסער צו רעטען, יעטצט זעהען מיר איהם שטעהען ניט
ווייט פון ר׳ יהודה הלוי׳ס ה״ז אונ קוקט ארויס אויף מאזעסען, אז ער זאל
קומען אונ איהם צו ר׳ יהודה הלוי׳ן פיהרען.

עַנדע דאס ערשטע טהייל

דיא הימעלשע שטערן, פלאנעטען אונ קאמעטען, וויא אלע חכמים האבען דענסמאלט געמיינט, פון דעסט וועגען האט ער זיא ניט פערלאזט אונ האט זיא ניט אויפגעהערט צו לערנען אונ שטודירען. דאס איינציגע לערנען האט איהם פיעל פערגעניגען פערשאפט, ער האט זיך דורך דעם דער וואוסט, וויא מעכטיג זייער בעשעפער איז!

אברהם האט געמיינט, אז יעטצט דארף ער שוין ר' יהודה הלוי'ס לאסקע ניט האבען, אונ וועט זיך מיט איהם ניט בעגעגענען; נאר באלד האט זיך עס געוויזען, אז ניט וויא ער האט געטראכט, אזוי האט זיך אויסגעלאזט. אברהם איז אין איין צייט געוואהר געווארען, אז דיא יודישע געמיינדע פון ירושלים האבען יהודה הלוי'ן פאר זיין גוטס, וואס ער האט שטענדיג אן זיי געטהון, איין שענע מתנה געשיקט. דיא מתנה איז געוועזען אטהייערער זעלטזאמער בוך אויף פערסיש, פון איין בערימטען שטערנזעהר. אזא מין בוך איז נאך ביז אהער ניט ערשינען אונ האט זיך אין ערגיץ ניט געפונען. פון דעם בוך איז דער קעניג געוואהר געווארען, אונ ער האט איהם געבעטען, אז ער זאל דעם בוך איבערזעטצען, וועגען דער קעניגליכער ביבליאטהעקע וועגען, אונ דארום האט ר' יהודה הלוי געשיקט נאך אברהם'ן, אז ער זאל אויף זיך דיא ארבייט נעהמען; ווייל זיין נאמען האט צו איהם אויך געגרייכט. אברהם איז צו איהם געקומען אונ דיא ארבייט איבערגענומען. אין אקורצער צייט האט ער דיא איבערזעטצונג צוריק צו ר' יהודה'ן געבראכט, נאר בעת ער איז צו איהם אין הויז אריינגע־טראטען, האט ער ר' יהודה'ן ניט געטראפען, אונ איז אריינגעגאנגען אין צימער פון זיין טאכטער הולדע.

דאס שענע מעדכען האט דענסמאלט געבליהט וויא אפרעכטיגע גארטענרויז, וויא איין זייל איז אברהם געבליעבען שטעהען אונ האט זיך פונ'ם ארט ניט געקענט ריהרען, בעת ער האט זיא דער זעהען. איהר בליק האט וויא אבליץ זיין הארץ געטראפען; ער האט מורא געהאט איהר צוקוקען גלייך אין דיא אויגען אריין. הולדע האט אויך פליכטיג איהם בעטראכט אונ ביי איהם דיא איבערזעטצונג פון זיינע הענד גענומען, אונ זיא בעטראכט; בעת בעטראכטען דיא שענע בויקע האנד־שריפט זיינע, האט זיא פערגניגט צו געשאקעלט מיט איהר קאפ אונ געשמייכעלט. זיא האט איהם באלד פריינדליך זיין שכר בעצאהלט אונ אברהם איז אוועקגעגאנגען; נאר איהר קלינגענדע זיסע שטימע, איהר הימילשע אויגען האבען אויף איהם אזא טיעפען איינדרוק געמאכט, אז ער האט אן איהר ניט געקענט פערגעסען.

פון דעם טאג אן האט אברהם קיין רוהע ניט געפונען, זיין הארץ האט איהם שרעקליך געצויגען זיא נאך אמאל צו זעהען, מיט איהר נאך אמאל צו רעדען. צו הערען נאך אמאל איהר זיסע קלינגענדיגע שטימע;

בַּאטֶער, ווֶען איך מוז איהם פון דֶער גַאנְצֶער ווֶעלְט פֶערְהוילֶען אונ בֶּעהַאלְטֶען?

אונ אברהם האט זיך ניט געקענט איין האלטען; ער האט צו ר' יהודה הלוי פאלגענדע בקשה אנגעשריבען:

'איין יונגער מאן, וועלכער פיהלט אין זיך אשרעקליך נייגונג צום ערלערנונג פון אלערליי חכמות, בעט איך, גרויסער מאן, וועלכען גאט האט בעשענקט מיט חכמה אונ מיט רייכקייט, אז איהר זאלט איהם אפטהיילען אקליינע טהייל פון אייער געלד, אויך פון אייערע טהייערע ספרים, וועגען ער זאל קענען קומען צו זיין הייסגעווינשטער ציעל. איך בין פערזיכערט, אז איהר, געעהרטער מאן, וועט ניט אפ זאגען דיא בקשה פון איין יונג צווייגעלע, וואס וויל זיך ערשט צובליהען אונ צו וואקסען, אונ וועט ניט קענען צו זעהען, אז עס זאל אונצייטיג פערוועלקט ווערען!'

נאר וואונדערליכער זענען גאטס מעשים! מען קען ריכטיג ניט וויסען, צו דער מענש, וועלכען אברהם האט איבער געגעבען דעם בריעף האט געפעלשט אין זיין שליחות, צו ר' יהודה הלוי האט מחמת פיעל געשעפטען אן דעם בריעף פערגעסען, אדער עס קען גראדע זיין, אז דער בריעף איז צו איהם אנגעקומען ניט אין קיין אויפגעלעגטער צייט; נאר דער וויל איז אוועק געגאנגען אהיבשע צייט אונ אברהם האט אומזיסט ארויס געקוקט אויף אנטווארט. אברהם איז שטארק ברוגז געווארען אויף ר' יהודה הלוי, אונ ער האט שוין אנגעהויבען צו גלויבען, אז ר' יהודה איז ניט אזוי גוטהערציג, וויא אנדערע שילדערען איהם, אונ ווען ער טהוט יא פיעל גוטס איז דאס נאר איין מאסקע, כדי דיא וועלט זאל איהם לויבען; נאר דארטען וואו ער פיהלט אז קיינער וועט דער פון ניט וויסען, מאכט ער זיך אויך ניט וויסינדיג.

עס איז אוועק געגאנגען אשטיקעל צייט, האט אברהם זעלבסט אויך אן דעם אלעמען פערגעסען, ער האט זיך אנגעהויבען צו בעשעפטיגען מיט איבערזעטצונגען פון איין שפראכע אין דער אנדערער אלערליי ביכער, וועלכע האבען געשמועסט פון חכמת הכוכבים, אונ אזו וויא ער איז געווען דער צו איין זעלטענער בעל מלאכה אונ אקינסטלער, זענען באלד אלע געלערענטע מענער פון איהם געוואהר געווארען אונ זיין לויב האט זיך צו שפרייט איבער דער גאנצער שטאט. פון דער צייט אן האט ער אנגעהייבען פיעל געלד פערדינען, דער מיט וואס ער פלעגט דיא איבער זעטצונגען פערקויפען רייכע לייט. ביים איבערזעטצען, האט ער אויך געהאט דאס געלעגענהייט זיך רעכט צו בעקענען מיט דער חכמה, וועלכע האט איהם אזוי איינגעצויגען. אבוואהל (האט) אברהם האט זיך, וואס מעהר ער האט דיא חכמה געשטודירט, איבערצייגט, אז עס איז פאלש דיא מיינונג, אז גאט האט איבער געלאזט אין גאנצען זיין רעגירונג אין דיא הענט פון

גֶעבְּרַאכְט גֶעוֶועזֶען דַארוֹיף . דָאס פַייֶער הָאט זִיךְ פֶערְשְׁפְּרֵייט נִיט נָאר אוֹיף דֶעם פַאלְשֶׁען אברהם'ן אַלֵיין , נָאר אוֹיף זַיין גַאנְצֶער פַאמִילְיֶע . פְרִיהָער הָאט מֶען בַּייא זַייא דָאס גַאנְצֶע גוּטְס צוּ גֶענֶעהְמֶען אוּנ נָאךְ דֶעם פוּנֶ'ם לַאנְד אַלֶע פֶערְטְרִיבֶּען . בַּייא אוּנְזֶער אברהם'ן הָאט מֶען קֵיין רַייכְטְהוּמֶער נִיט גֶעפוּנֶען , נָאר בֶּעשְׁרִיבֶּענֶע אַלְטֶע פַּאפִּירֶען , וֶועלְכֶע הָאבֶּען דֶעם קֶענִיג קַארְג וָואס גֶעטוֹיגְט . אברהם הָאט צוּ נוֹיפְגֶענֶעהְמֶען זַיינֶע כְּתָבִים אוּנ אִיז פוּן זַיין גֶעבּוֹירֶענְאָרְט אַוֶועק , אוּנ גֶעוֶועהְנְלִיךְ , וִויא אַיין פֶערְטְרִיבֶּענֶער , הָאט עֶר זַיין פַאמִילְיֶענְ־נָאמֶען פוּן יֶעדֶען פֶערְבָּארְגֶען גֶעהַאלְטֶען . אברהם הָאט זִיךְ קֵיין קארדאווא אוּמְגֶעקֶעהְרְט , צוּ דֶער שְׁטָאדְט , וָואס זַיין הַארְץ הָאט אִיהם מִיט קִינְדְלִיכֶער לִיעבֶּע גֶעצוֹיגֶען . וֶוען דֶעם מֶענְשֶׁען גֶעהְט שְׁלֶעכְט אוֹיף דֶער וֶועלְט , וֶוענְדֶעט עֶר זַיינֶע אוֹיגֶען אָפּ פוּן דִיא הַבְלֵי עוֹלָם אוּנ פֶערְטְרָאגְט זִיךְ אִין אַיין אַנְדֶער וַוייטֶער וֶועלְט אַרַיין , דַארוּם אִיז קֵיין ווּאוּנְדֶער נִיט , וָואס אִין דֶער צַייט , וָואס אוּנְזֶער אברהם הָאט גֶעלֶעבְּט אִיז דִיא חָכְמַת הַכּוֹכָבִים גֶעוֶועזֶען דִיא עֶרְשְׁטֶע , מִיט וֶועלְכֶער דָאס פָאלְק הָאט זִיךְ פֶערְנוּמֶען , אוֹיךְ אוּנְזֶער אברהם , זַייט עֶר הָאט אָנְגֶעוָוארֶען דָאס עֶרְדִישֶׁע גְלִיק הָאט עֶר זִיךְ פְלַייסִיג אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען צוּ דֶער חָכְמָה , אוּנ גֶעזוּכְט דָארְטֶען וַוייט אוֹיפֶ'ם הִימֶעל אַיין טְרֶעסְט אוּנ בֶּעלָאהְנוּנְג פַאר זַיינֶע צָרוֹת , אוּנ דַארוּם טַאקִי הָאט עֶס אִיהם אַזוֹי שְׁטַארְק נָאךְ קארדאווא גֶעצוֹיגֶען , וַוייל דָארְטֶען הָאט גֶעבְּלִיהְט אוּנ זִיךְ צוּ וַואקְסֶען דִיא דָאזִיגֶע חָכְמָה אוּנ שְׁטַארְקֶע וָוארְצְלֶען צוּ שְׁפְּרֵייט .

נָאךְ זַיין אָנְקוּמֶען אַהִין הָאט זִיךְ אברהם אִיבֶּערְצַייגְט , אַז עֶס גֶעהְט אִיהם נָאךְ פִיעל אָפּ , עֶר זָאל קֶענֶען קוּמֶען דֶער צוּ , צוּ וָואס זַיין הַארְץ צִיהְט אִיהם אַזוֹי שְׁטַארְק . אִיהם אִיז אָפּ גֶעגַאנְגֶען , אוּם אוּיס צוּ שְׁטוּדִירֶען גַאנְצְלִיךְ דִיא דָאזִיגֶע חָכְמָה , נָאךְ פִיעל נוּטְצִיגֶע בִּיכֶער אוּנ כִּתְבֵי יַד וֶועלְכֶע בֶּעדַארְפֶען בֶּעטְרֶעפֶען פִיעל גֶעלְד , אוּנ וִויא זָאל עֶר עֶס נֶעהְמֶען ? אִין אִיהם הָאט זִיךְ יֶעצְט עֶרְוֶועקְט אַנַייע מִלְחָמָה ; עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁלָאגֶען אִין דִיא גֶעדַאנְקֶען צוּ זָאל עֶר זִיךְ קֶעהְרֶען מִיט אַבַּקָשָׁה צוּ ר׳ יהודה הלוי'ן , אַז עֶר זָאל אִיהם מִיט גֶעלְד אוּנְטֶער שְׁטִיצֶען אוֹיךְ מִיט נֶעטִהִיגֶע בִּיכֶער פוּן זַיין בִּיבְּלְיָאטְהֶעק , וֶועלְכֶע עֶר הָאט גוּט גֶעוואוּסְט , אַז נָאר בַּייא אִיהם קֶען עֶר זַייא קְרִיגֶען , צוּ זָאל עֶר עֶס נִיט טְהוּן ? זַיין הַארְץ הָאט גֶעבְּרֶענְט וִויא פַייֶער זִיךְ צוּ דֶער ווִיסֶען פוּן דֶער דָאזִיגֶער פֶערְהוּילֶענֶער חָכְמָה , אוּנ עֶר וָואלְט זִיךְ גֶעוֶועזֶען בַּאלְד בֶּעשְׁלָאסֶען צוּ טְהוּן דֶעם שְׁרִיט , וֶוען דָאס גֶעשְׁטַאלְט פוּן זַיין גֶעשְׁטָארְבֶּענֶעם פָאטֶער זָאל זִיךְ אִיהם אִין וֶועג נִיט גֶעוֶועזֶען שְׁטֶעלֶען , אוּנ אִיהם פֶערְבָּאטֶען זִיךְ צוּ קֶעהְרֶען מִיט בַּקָשׁוֹת צוּ זַיינֶע שׂוֹנְאִים ; נָאר דִיא גְרוֹיסֶע לוּסְט צוּם קֶענְטְנִיס הָאט דִיא אוֹיבֶּער־הַאנְד גֶענֶעהְמֶען . עֶר הָאט בַּייא זִיךְ גֶעטְרַאכְט : וָואס פִיר נוּטְצֶען קֶען מִיר יֶעצְט בְּרֵיינְגֶען דִיא פַאמִילְיֶע אוּנ דָאס אַיינְדֵיינְקֶען פוּן מַיין פֶערְשְׁטָארְבֶּענֶעם

פריינדליך אויפגענומען אונ איהם גרויס כבוד אפגעגעבען. נאר ער האט קיין סך אויראקען ניט אנגענומען, ווייל ער האט גוט געוואוסט, אז ער דארף נאך אליין פיעל לערנען אונ פיעל געוואהר ווערען. ער האט נאר אזוי פיעל אנגענומען, וויפיעל ער האט בעדארפט צו זיין דער נעהרונג.

נאר אין אקליינער צייט איז דער קעניג פון טאלעדא ארויסגעפאהרען, אונ האט קארדאווא פיר זיין רעזידענץ אויס געקליבען. געוועהנליך איז אויך ר׳ יהודה הלוי, וויא אקרוב למלכות, אויך אהין איבער געפאהרען. ר׳ יהודה האט פערגעסען אן דער שטאדט טאלעדא אונ האט זיך מיט איהר וועניג אינטערעסירט. אין דיזער צייט איז אונזער אברהם אלס גרעסער געווארען אונ זיין נאמען האט זיך אנגעהויבען צו רוהמען אין אלע שטעדט; זיינע דרשות וואס ער האט פיעל מאל געזאגט פארן עולם האבען זיין קאפף געקרענט מיט עהרע, ליבעניש אונ גרויס אנזעהען. באלד דארויף האט ער פיעל טהייערע ספרים אויף אראביש אנגעשריעבען, וועלכע אלע געלערנטע האבען זייא בעוואונדערט אונ זיך ניט געקענט אפ חידוש׳ן פון זיין שארפען שכל אונ פערשטאנד. זיין נאמען האט זיך אנגעהויבען גלייכען צו ר׳ יהודה הלוי׳ס נאמען. אויף דעם געביעט פון קענטנים אונ געלערענטשאפט האבען זיך דיא פיינדליכע משפחות נאך אמאל בעגעגענט, נאר וואס פיר איין אונטערשיעד! — ר׳ יהודה הלוי איז געוועזן איין רייכער, פיעל פערמעגליכער מאן, אונ אברהם איז נאר וואס פון דיא קינדערשוהכליך ארויס!

ר׳ יהודה הלוי איז געוועזן געגליכען צו איין אלטען איינגעווארצעלטען פרוכטיגען בוים, אונ אברהם׳ן האט מען געקענט ערשט גלייכען צו איין יונג-הויך-געוואקסענעם בוימעלע, וואס איז פול מיט יונגענדליכער זאפט אונ גיט גוטע האפפנונג אויף שפעטער, נאר נאך אלעמען איז זיין נאמען אין דער יודישער ליטעראטור שוין דענסמאלט געשטאנען גלייך מיט ר׳ יהודה הלוי׳ס נאמען אונ מיט איהם קאנקורירט.

נאר נייע צרות האבען אויף אברהם געהארט אונ איהם געטראפען. איין ווייטער קרוב פון זיין פאטער, וועלכער האט אויך געהייסען אברהם, האט זיין רעליגיע פערביטען, וועגען עטוואס אציעל, צו וועלכער ער האט געוואלט גרייכען, אונ האט געשפיעלט דיא ראלע פון איין עהרליכען קריסט, נאר אונטער ווייל׳עכם האט ער זיך מיט דיא מויערען (אזא פאלק וואס האט אין היספאניע געוואהנט) מיט דעם קעניגס בלוט שונאים צונויפגענעהמען, אונ דאס פאלק נעגען קעניג געהעצט אונ גערייצט. זייא האבען געדענקט דאס לאנד היספאניע אין דיא הענד פון דיא מוסעלמיינער (מחמדיש גלויבען) איבערצוגעבען. נאר דער קעניג איז באלד געוואהר געוואהרען, ווער עס איז דיא סבה פון דעם אונ האט זיי געוואלט חאפען, געוועהנליך זענען זייא פונ׳ם לאנד אוועק. דער קעניג איז זעהר אויפ-

אונטערטהעניג אונ זיך צו איהם ניט געוועזען אריינצהנפה'נען, וואלט ער נאך עד עתה געוועזען אחשוב בייא איהם, ווארום דער קעניג — האט ער בייא זיך געטראכט — וואלט זיך אהן מיר בשום אופן ניט געקענט בעגעהען.

אונטער אזעלכע אומשטענדען איז אונזער אברהם אויפגעוואקסען אין זיין פאטערס הויז. זיין שטענדיג פלייסיגעס לערנען, דער צו, זיין איינזאמקיים האבען איהם זיין שכל פריהצייטיג אויסגעשארפט. דער טוידט פון זיין געליעבטער מוטער, דאס פינסטירקייט פון זיין פאטער האבען אין איהם דער וועקט אונאויסשפרעכליכע געפיהלען. זיין הארץ האט איהם געצווינגען עטוואס גרויסעס אונ ערהאבענעס צוא טהון, אונ צוא פאלברייגען. וואס נעמליך איהם האט זיך געגלוסט האט ער נאך זעלבסט אליין ניט געוואוסט. דאס אלעס האט אויך אין איהם פריהצייטיג ערוועקט דעם טאלאנט שירים צו מאכען, אבוואהל ער האט נאך זיך ניט ריכטיג בעקאנט מיט דיא פארמען אונ מיט דיא ריכטיגער רעגלען דער צו. דער רוהם זיינער האט זיך באלד צו שפרייט אומעטום. יעדער האט בעוואונדערט דאס בעגייסטערטע פיעל-געלעהרטע קינד. באלד האט זיך נאך דער צו איין צופאל געטראפען. אברהם איז 13 יאהר געווארען, אונ נאך דעם געברויך פון יענער צייט האט ער געמוזט זאגען עפענטליך אין אשול איין דרשה. דיא דרשה האט איהם נאך מעהר רוהם פערשאפט. באלד דארויף האבען זיך גרויסע לומדים ניט געשעמט מיט איהם זיך איבער צו שרייבען וועגען וויכטיגע שאלות אין דער גמרא אדער אין אנדערע געגענשטענדע. דאס פערמעגען פון זיין פאטער איז פערשוואונדען געווארען, נאר דער פאר איז דאס פארמעגענס פון זיין זוהן אין אלערליי חכמות, אלע מאל גרעסער אונ גרעסער געווארען.

ניט לאנג דארויף איז דער פאטער זיינער אויך אויף זיינע הענד אויס געגאנגען. ער האט מיט זיך אין קבר נאר מיט גענעהמען דיא שרעקליכע שנאה, וואס ער האט געפיהלט צו ר' יהודה הלוי'ן, ער האט עס איהם ניט געקענט מוחל זיין, וואס ער איז געוועזען, וועדליג זיין מיינונג דיא סבה פון זיין פאלען. נאר דער גוטער אברהם איז ניט בעשטאנען אויף דער מיינונג פון זיין געצייטען פאטער; פערקעהרט, איהם האט געשיינט אז ר' יהודה הלוי איז גערעכט אונ זיין פאטער אונגערעכט. ער האט אויך געמוזט טראגען שנאה צו ר' יהודה הלוי, נאר מהאי טעמא, ווייל ער האט זיך גערעכענט, אז ער מוז עס טהון צו ליעב דעם געדעכניש פון זיין פאטער; אז ער איז מחויב פיינט איהם צו האבען ווייל זיין פאטער האט איהם געהייסען פיינט האבען. דער פאטער האט איהם קיין שום ירושה נאך זיך ניט איבער געלאזט, אונ דארום איז אברהם געצווונגען געוועזען זיך צו נעהמען צו דעם וויסטען מלמדות, אונ דער פון ציהען זיין ערנעהרונג. ער האט געגעבען אוראקען בייא גבירים אין שטוב, וועלכע האבען איהם זעהר

בעטרוג ?" איהר מוטער־הערץ , האט דיא אלע וועהטיגען ניט געקענט איבער טראגען אונ זיא איז גיך פון דער וועלט געגאנגען. ביא איהר שטערבענ־לאגער , ביים לעצטען הויך פון איהר אונגליקליך לעבען , איז אויף דיא קניעס געשטאנען איהר צעהנ־יאריגער אברהם , וועלכען זיא האט מיט איין שוואכער שטימע געבענשט אונ איהרע לעצטע ווערטער זענען געוועזן : ליעב, מיין טהייער קינד דיין גאט , אונ דיין פאטער מיט דיין גאנצען הארצען ! ביא דיזע ווערטער, האט זיך איהר נשמה מיט איהר גוף אויף עוויג געשיידט .

נאך זיין פרוי׳ס טוידט איז אברהם׳ס פאטער עטוואס רוהיגער געווארען , וועניג האט מען איהם פון דער צייט אן אויף דער גאסס געזעהן . שטענדיג איז ער צו הויז געזעסען אונ האט זיך פערנעהמען מיט זיין זוהן , וועלכען ער האט געלערענט פיעל קענטניסען אונ חכמות, ווייל ער איז זעלבסט געוועזן אגרויס געלעהרטער מאן . ער האט פון אברהם׳ן פיל געפאדערט אונ פון איהם ניט אפגעלאזט ביז ער זאל אלעס אויסלערנען , וואס ער האט איהם פערגעבען , אונ אפילו ווען דאס קינד האט געדארפט דארויף זיטצען גאנצע טעג מיט נעכט. אונ דארום האט אברהם געמאכט ריעזען־פארטשריטטע (אוספייחען) אין זיין לערנען . ער איז קלאר געוועזן אין אלערליי חכמות , וועלכע האבען געהאט אגאנג אין יענער צייט . ניט נאר גמרא , משניות, מדרשים אונ נאך אנדערע יודישע לעהרונגען האט אברהם גוט געוואוסט , נאר אויך דיא אראבישע שפראכע מיט אלעס וואס האט געהערט צו איהר . אויך האט ער געהאט א טיעפע ידיעה אין חכמת הכוכבים אונ אין אנדערע פערבארגענע אונ פערהוילענע חכמות .

נאר דיא אלע זיינע קענטניסען האבען זיין שטרענגען פאטער ניט געפרייעט ; ער איז געבליעבען קאלט וויא אייז ; קיין שום פרייד איז ניט אין שטאנד געוועזן צו בעוועגען אדער צו ריהרען זיין פערפרוירען הארץ , וואס איז פערגליווירט געווארען זייט פון דער צייט , וואס איהם האט דער אונגליק געטראפען . אונ ווען אברהם פפלעגט איהם אמאל פארלעגען דיא שאלה, פאר וואס האט גאט אויף זייא אזא שלעכטעס געבראכט ? פפלעגט זיין אנטווארט זיין : יהודה הלוי איז דרינען שולדיג, אונ ניט גאט ! ווייטער פפלעגט ער זיך היטען צוא רעדען מיט זיין זוהן וועגען ר׳ יהודה הלוי אין איהם אריינפליסען שנאה צו איהם ; דאס האט איהם זיין שטאלץ דער צו ניט דער לאזט אונ דארום איז זיין אנטווארט שטענדיג קורץ געוועזן . ער וואלט איהם אויף זיין פראגע אפילו מיט קיין האלב ווארט ניט געוועזן געענטפערט , נאר ער האט זיך ניט געקענט איינהאלטען אז האט איהם געמוזט אנווייזען אויף דער סבה פון זיין אונגליק. איהם איז אין קאפף ניט געקראכען , אז ר׳ יהודה איז ניט שולדיג דארינען . ער איז געוועזן בייא זיך זיכער , אז ווען ר׳ יהודה הלוי זאל דעם קעניג ניט געוועזן זיין אזוי

אריינגעפאלען. פון דעם טאג אן איז זיין רייכקייט ווייניגער און ווייניגער געווארען, דער צו נאך האט דער קאניג, וואס איז איהם ביז אהער גוט געוועזן, פון איהם זיין חסד אבגעווענדעט און האט אויף זיין ארט ר׳ יהודה הלוי אויפגענעהמען, וועלכער האט נאר וואס אנגעהויבען צוא שיינען און צו גלאנצען. דאס אלעס האט דעם שטאלצען מאן זעהר געקרענקט. ר׳ יהודה הלוי איז זעלבסט געקומען צו אברהם׳ס פאטער און איהם פארגעלעגט, אז ער זאל מיט איהם צו זאמען דיא שטעלע פיהרען. ער האט איהם געגעבען צו פערשטעהען, אז דורך דעם שפילען זייא ביידע פיעל אוים; ער האט איהם אפענהערציג אויסגעזאגט דעם אמת, אז ער נאטהיגט זיך אין זיין ערפאהרונג (אפעטנאסט). אברהם׳ס פאטער האט איהם שארף און גראב אויף דער טהיר געוויעזען און האט זיך זעלבסט געווענדעט צום קאניג און איהם געפרעגט, פיר וואס האט ער איהם פיינט געקריגען, דאביי האט ער דעם קאניג דערמאנט, אז ער האט איהם פיעל געדיענט אין אמאליגע יאהרען און פיעל נוטצען געבראכט, דאס דערמאהנונג האט דעם קאניג נאך מעהר אויף געבראכט און ער האט איהם פערבאטען, אז ער זאל קיינמאל אין קיסר הויף ניט אריינקומען.

דאס אלעס האט איהם זעהר איינגעבויגען און צו געטהיילט שרעקליכע יסורים. באלד איז דיא גאנצע שטאדט געוואהר געווארען פון זיין פאלען, און אלע מענשען, וואס זענען ערשט נעכטען געוועזן זיינע גוטע פריינד, זענען איהם פלוצים שונאים געווארען. דער קרעדיט זיינער איז אונטער געגאנגען. וויא איין פערצווייפעלטער מענש, וואס האט שוין ניט וואס אנצו־ווערען, האט אברהם׳ס פאטער נאך געוואלט מיט אלע זיינע מאגליכקייט זיין עהרע צו דערהאלטען זיא זאל פון איהם ניט ענטלויפען, און דארום האט ער פונ׳ם לעצטען פארמעגען זיינעם פערשוועדעט פיעל געלד, כדי ניט צו פערליערען דעם גלאנץ, און אין אקלייגער צייט איז ער ארעם און בלויז געווארען.

מען קען זיך פארשטעלען, וויא דאס אלעס האט אברהם׳ס פאטער אויפגעבראכט אויף ר׳ יהודה הלוי! עס האט אין איהם געקאטען וויא אין אקעסיל, אויף דעם אונשולדיגען ר׳ יהודה׳ן, וועלכען ער האט גערעכענט פאר דער אורזאכע פון זיין מפלה, אבוואהל (חאטש) ער איז דריגען קארג וואס שולדיג געוועזן, וואס דער קיסר האט זיין גנאדע פון איהם צו גענומען. אומזיסט האט זיך זיין פרויא בעמיהעט איהם צו טרעסטען, אומזיסט האט זיא איהם געוואלט אנווייזען אויף דעם ליעבען יונג זייערען, אז ער וועט זיי דיענען פאר אטרעסט אין זייער ארעמקייט, ער האט אלעס צוריק געוויעזען און איראניש זיא געפרעגט: „וואס קען אבעטלער־קינד זיין פיר איין טרעסט אין דער וועלט וואס זיא איז אנגעפילט מיט פאלשקייט און


בעטרוג

קומט דעם מענשען אויס דאס אלעם צו פיהלען ניט ביא דער שיין פון דער זון, נאר אין דער מיט נאכט, בעת קיינער זעהט איהם ניט אונ הערט איהם ניט, נאר דיא שטערן פונ׳ם הימעל קוקען אויף איהם מיט זייער גלאנצענדע פייערינע אויגען? וויא פיהלט ער זיך דענסמאלט שוואך אונ אונקרעפטיג, געגען נאטעס קראפט?

צו געשפארט צו איין בוים, פארהילט אין זיין דונקעלען מאנטעל איז אברהם געשטאנען, געקוקט אין דער טיעפער נאכט אריין.

זיינע געדאנקען האבען זיך ווייט, ווייט פערטראגען אין דער פער־גאנגענהייט; זיין קורצעס לעבען מיט אזוי פיעל איבער געשטאנענע אונ איבער געליטענע צרות אונ טרעפעניש זענען איינציג ווייס, וויא מחנות דורך געצויגען פאר זיינע אויגען, אונ זיין הארץ איז אנגעפילט געווארען מיט ביטערניש. מיר זענען אויך נייגעריג צו וויסען זיין לעבענס געשיכטע, בכדי דורך דעם ריכטיג צו פערשטעהען, פאר וואס אברהם׳ן איז אזוי שווער געווען זיך צו זעהען מיט דעם גרויסען מאן פון זיין צייט, וועלכער מיר ווייסען, איז געוועזען דער ערשטער יודענשטיצער אונ מענשען־פריינד, ביז דיא נויטה מיט דיא אומשטענדען האבען איהם דער צו געבראכט:

אברהם איז אין טאלעדא געבוירען געווארען, זיין פאמיליע איז געווען פון גרויסען יחוס, צווישען זיין פאמיליע האבען זיך געפונען גרויס־געלעהרטע אונ רייכע מענער. נאך ביא זיין וויעגעלע, איז שוין דיא האפנונג איהם צו דער זייט געשטאנען, אז פון דעם יונגעל וועט אמאל אויסוואקסען איין רייכער מאן, דער צו נאך געלערנט אונ אנזעהענד, וויא זיינע עלטערען; ווייל ער איז געוועזען אבן יחיד, אונ געוועהנליך האבען זיין פאטער אונ מוטער אויף איהם פיעל האפנונג געהאט, אז ער וועט זיין זייער טראסט אונ גליק אין זייער לעבען. זייא האבען גערעכענט אלעס וואס נאר מעגליך צו טהון, אונ איהם פיר איין גליקליכען אונ געלערנטען מאן צו מאכען. —

נאר ווען דאס גליק איז ביים מענשען אין דיא יונגע יאהרען צו פיעל, קענען מיר פאר אויס זאגען, אז גראדע דער מענש וועט פיעל אויף זיין לעבען האבען צו ליידען אונ וועט דער אומגליקליכער מענש אויף דער וועלט זיין.

אברהם׳ס פאטער איז געוועזען איין גרויסער כעסן, דער צו נאך זעהר שטאלץ אויף זיין יחוס, אונ דארום האט ער ניט געקענט ליידען אז אימיצער איז איהם געשטאנען אויפ׳ם וועג, אונ האט איהם אין עטוואס געמעשאיעט. נאר זיין שטערן איז געוועזען נאהינט אונטער צוא געהען: פלוצים האט איהם איין אונגליק געטראפען: ער האט מקבל געוועזען אשלעכטע בשורה, אז איין שיף, וועלכע האט איהם געטראגען אלערליי קאסטבארע סחורה, איז אין דיא הענט פון דיא אפריקאנישע זעערויבער

(ר״י הלוי)

שטאנען אויף זיינעם אונ זיא כמעט מיט טרעהרען געבעטען, אז זיא זאל איהם דיא גנאדע ניט ענטזאגען. אונ הולדע האט ניט געקענט געגען זיינע פיעל ביטען געגענשטעהען אונ האט געמוזט, ניט ווילענדיג, באשטעהען דארויף. שטארק צו פריעדען איז ארטהור פון איהר הויז ארויסגעגאנגען, גאר ניט אזוי צו פריעדען איז הולדע געוועזען דער פון; זיא האט באלד חרטה געקריגען, נאך וואס זיא האט עס איהם צו געזאגט; נאר עס איז שוין געוועזען צו שפאט. צוריק האט זיא שוין ניט געקענט חאפען. זיא האט זיך פארוואורף געמאכט, אז זיא איז געוועזען זעהר איבער געאיילט, וויא דער שטייגער פון ווייבער איז, אונ איז געוועזען אויף זיך זעלבער באז; נאר אין אווייל ארום איז איר איין אנדער געדאנק אויפ׳ם קאפף ארויף אונ זיא האט ביא זיך געטראכט: וואס קען מיר עס שאטען, אז איך וועל דעם טאג אויך זיין דארטען, אונ אז ער וועט מיך באלייטען? וואס קען דאס מיך הארען? דאביי האט זיא זיך דערמאנט אין דעם שטיקעל פאפיר, וואס זיא האט געטראפען אויף איהר טישעל אומקעהרענדיג זיך פון דעם באל, אונ אין דעם מענשען, וואס ער האט עס איהר געשיקט, אונ איז אויף איהם ברוגז געווארען. זיא האט איהם גערעכענט, פאר איין דאקוטשלעווע מענשען, וואס מישט זיך גאר אין אזעלכע געשעפטען, וואס געהערען זיך צו איהם כלל ניט אן.

## 9.

אין דער מיט פון דער נאכט, פון דיזען טאג, איז אברהם שוין געשטאנען גרייט אויף דעם ארט, וואס ער האט געבעטען אפגערעדט מיט מאזעסען. ארום אונ ארום איז געוועזען גאנץ שטיל, נאר ציימען וויז האט זיך געהערט איין קליין גערויש פון דער גאס אלמאדא; איין לייזער קיהלער נאכט ווינט האט גערוישט אונ געשאקעלט דיא שפיצען בוימער; אויף דעם דונקלען הימעל זענען העל אונ לעכטיג דיא שטערין ארויס געטרעטען, נאר דיא לבנה איז נאך צווישען זייא ניט ערשיינט.

אברהם האט ארויס געקוקט, אז מאזעס זאל אנקומען אונ איהם צוא ר׳ יהודה הלוי פיהרען. אז ר׳ יהודה הלוי וועט ערלויבען דעם דאזיגען נאכטליכען בעזוך, איז אברהם׳ן קיין שום ספק ניט געוועזען.

מען קען זיך לייכט פארשטעלען דיא געפיהלען, בעת דער מענש קומט אן דערצו, אז ער דארף האנדלען, אקוראט פונקט דער היפך, יעדליג זיין הארץ גלוסט, אונ דאצו נאך ווייסט ער ניט, וואס דער סוף קען דער פון זיין, דענסמאלט רוישען אין איהם וויא אשטורעמווינד אלערליי אונאויסשפרעכליכע געפיהלען. וויא אבער נאך דאפעלט שווערער

אז דאס איז אין גאנצען אחלום. דורך דעם פענסטער האבען שוין אריינ־
געשיינט דיא שטראהלען פון דער לויטערער זון.

אין דעם זעלבען טאג, ארום האלבען טאג, איז ארטהור צו איהר
געקומען אונ זיך געלאזט מעלדען. זיא האט איהם ניט געקענט זיין בע־
זוך אבשלאגען, דער איינדרוק פון דיא טרויעריגע געדאנקען, וועלכע
האבען זיא בענאכט אויף איהר גילעגער בעזוכט, איז נאך ניט אין גאנצען
אפגעמעקט געווארען פון איהר געזיכט, אונ זיא איז געוועזען זעהר אויפ־
גערעגט אונ טרויעריג; נאר דאס העפליכקייט פאדערט, אז אגאסט מוז
מען מיט אפראהליכער מינע בעגעגענען, אונ דארום האט הולדע מיט
אנגענייטהען שמייכעל איהם בעגעגענט. זיא וואלט עס זיך גערעכענט
פיר איין אונרעכט איהם קאלט צו בעגעגענען, ווייל ארטהור איז קארג
שולדיג געוועזען אין איהרע בייזע חלומות.

ארטהור איז אין צימער אריינגעטרעטען, אין זיין האנד האט ער
איין שענעם פרעכטיגען בוקעט פון טהייערע בלומען געטראגען, נאכדעם
ווען ער האט זיא פריינדליך געגריסט אונ זיא אויף איהר געזונד געפרעגט,
האט ער זיא געבעטען, אז זיא זאל דעם בוקעט ביי איהם אננעהמען,
דאביי האט ער איהר מיט אשמייכעל געזאגט, אז ער האפט, אז דער
ריח פון דיא בלומען, וועלען געוויס פערטרייבען דעם טרויעריגען גייסט,
וואס ליעגט ביי איהר אויפ'ם הארצען אונ זיא וועט פרעהליכער ווערען.
,צווישען בלומען האב איך אייך געפונען, שעהנע פריילען! אונ דאריבער
האב איך גערעכענט מיט בלומען אייך צו ערפרייען' – האט ער גיענדיגט
זיינע ווערטער מיט איין העפליכען נייג.

הולדע האט דאס הארץ ניט געהאט איהם אפצוזאגען זיין בקשה,
אונ איז בעשטאנען ביי איהם דעם בוקעט צונעהמען, דאס האט
ארטהורען געשטארקט איהר פארצולעגען נאך איין אנדער בקשה. בעת
געשפרעך מיט איהר האט ער איהר דערצעהלט פון זיין רייזע אונ וויפיעל
מערקווירדיגע זאכען ער האט געזעהען, אונ וויפיעל העלדענטהאטען ער
האט זעלבסט פאלבראכט; הולדע האט פיעל תענוג פערנעהמען פון זיין
ערצעהלונג, ווייל ארטהור איז גיוועזען איין שעהנער רעדנער, אונ זיין שטימע
איז געוועזען קלינגענדיג אונ זיס. ענדליך האט ער זיא געבעטען אז, אזוי
וויא נאך אין 14 טאג ארום דארף זיין איין יום טוב אין וועלכען, אלע
ריטטערן אונ גבורים וועלען זיך שלאגען מיט ווילדע אקסען, אזוי וויא
דער מנהג איז אלע יאהר, אונ ער וועט דאך אויך צווישען זייא זיין,
זאל זיא איהם ערלויבען אין דיזעם טאג צו קומען זיא אהין צו באלייטען
אונ צו טראגען אויף זיך דיא פארב פון איהרע מלבושים. אומזיסט האט
הולדע זיך בעמיהט דיא דאזיגע בקשה איהם מיט העפליכקייט אב צו
זאגען – ארטהור האט עס אפילו ניט געוואלט הערען, אונ איז אלס גע־

האט ביא זיך בעשלאסען צו זיין שטארק געהיט אויף שפעטער. איהר הייס געליעבטער פאטער, האט זיך איהר שטענדיג פארגעשטעלט, ווען זיא האט זיך נאר געלעגט אויף איהר געלעגער צו שלאפען, פאר איהרע אויגען אונ זיין בליק איז געווען אזוי ערנסט אונ טרויעריג, אז עס פלעגט זיא אשוידער אנהאפען ביא דיזען איינבליק, דער צו נאך פלעגט זיך צונויפאייניגען דיא סצענע אין וואלד נאך איהר ערערטונג, אונ דיא וועניגע, פיעלע געמיינטע ווערטער פונ'ם אונבעקענטען מאן. דענסמאלט איז איהר אויף דיא געדאנקען ארויף, וויא פיעל זיא איז שולדיג דיזען מאן, וואס ער האט איהר דאס לעבען גערעטעט. דאס אלעס האט זיא אזוי גערירט, אז זיא האט שטענדיג איהר האנד אויף איהר הארץ געלעגט אונ צו זיך גערעדט: „דיינע רייד וועלען ניט אומזיסט געשפראכען זיין. איך שווער עס דיר, חאט דוא הערסט יעטצט מיין שבועה ניט. נאך דעם האט זיא איין קליינע תפלה געבעטען צוא גאט אונ איז איינשלאפען געווארען.

יעטצט איז זיא אויך איינגעשלאפען נאר איהר שלאף איז געוועזן אונרוהיג, איהר פאנטאזיע האט איהר פארגעשטעלט אלערליי שרעקליכע חלומות. איהר האט זיך אויסגעוויזען אז ארטהור אונ אברהם האבען זיך בעגעגענט אונ קוקען איינס אויף דעם אנדערען מיט גרויס שנאה אונ פעראכטונג, פלוצים איז ארטהור שטארק אין כעס געווארען אויף זיין געגנער אונ האט זיין שווערד ארויס געחאפט פון דער שייד, דעם וואונדערליכען אונבעקאנטען מאן צו שטעכען. הולדע האט זיך שטארק דערשראקען אונ האט זיך צווישען זייא אווארף געטאהן צו ראטעווען איהר רעטער נאר ארטהור האט זיין שארפע שווערד אין איהר הארץ אריינגעשטויסען; דאס בלוט האט אנגעהויבען ארויס זעטצען וויא אטייך צו דער ערד; זיא איז אין אונמאכט צו דער ערד געפאלען; זיא האט געפרובט צו שרייען נאר איהר שטימע האט איהר פערזאגט; זיא האט קיין ווארט פונ'ם מויל ניט געקענט ארויס לאזען. זיא האט געפיהלט וויא איהרע קרעפטען ווערען אלע מאל וועניגער אונ וועניגער; איהרע געדאנקען האבען אנגעהייבין אויסצולעשען; זיא האט זיך געגרייט צום שטארבען — פלוצים, האט איהר רעטער זיין האנד איבער איהר אויס געשפרייט אונ באלזאם אין איהר וואונד געגאסען. דיא וואונד איז אין ארגע געהיילט געווארען, אונ זיא האט אויף דיא פיס זיך געשטעלט, ארטהור איז פערשוואונדען געווארען, ארום זיך האט זיא נאר בעמערקט איהר געליעבטען פאטער, וועלכער האט זיא געהאלזט אונ געקושט אונ צו זיין הארץ געפרעסט, אונ דעם אונבעקענטען וואונדערליכען מאן, וועלכער האט אויף איהר ליעבליך אונד פריינדליך געקוקט, נאר דיא גאנצע סצענע איז וויא איין פליהענדיגער וואלקען אוועק; זיא האט זיך אויפגעחאפט אונ איז געוואהר געווארען,

1

— יא, איך וויל אלעס טהון וויא אזוי איהר בעפעהלט מיר! נאר זאגט מיר וויא אזוי רופט מען אייך ביים נאמען?

— איך היים „אברהם“, עס וועט קומען אצייט, אין וועלכער איהר וועט מיך אדער אין גאנצען דערקענען ווער איך בין, אדער איך וועל מוזען פון אייך שיידען, אזוי אונבעקענט, וויא איך בין צו אייך געקומען, אונ איהר וועט אין מיר לייכט פערגעסען. יעטצט בלייבט אייך ניט מעהר איבריג, נאר מקיים זיין אייער תקיעת כף, וואס איהר האט מיר ערשט געגעבען.

8

צו האט אונזער העלד קלוג געהאנדעלט דער מיט וואס ער האט יעטצט הולדען נאך אמאל דערמאנט אין דיא ווערטער וועלכע ער האט איהר איבער געלאזט בזכרון, בעת ער האט זיך מיט איהר געזעגענט, נאך איהר ארויסרעטונג, פונ׳ם טייך, צו ניין? — דאס איז אונז ניט בעוואוסט. אמאל מוז מען זיין זעהר געהיט אין אזעלכע אופנים: מיט קיין פייער טאהר מען זיך ניט שפיעלען. אמאל ערוואַרעמט עס אונז אונ טהיילט אונז צו פערגניגען, נאר אמאל קען דאס פייער מאכען אתל אונ פערדארבען אלעס, וואס מיר פערמאגען. אונ ווער האט געקענט וויסען, וואסער איינדרוק דיזע ווערטער האבען יעטצט געקענט מאכען אויף הולדעס הארץ? עס קען גראדע זיין, אז זייא האבען זיא נאך מעהר אויפגערייצט אונ באז געמאכט? אונ עס קאן דאך גוט זיין, אז אונזער העלד האט דורך דעם אלעס פערשפילט אונ פערלוירען, נאר נאך אלעמען האט אברהם גערעכענט, אז עס איז גלייכער מיט איין שונא צו האנדלען עפענטליך אונ ניט בעהאלטען, עהדער ער שטארקט זיך נאך אונ בעקומט אזוי פיעל קראפט, אז נאך דעם איז איהם שוין שווער איינצובארען אונ בייצוקומען.

ווען אברהם האט איהר אין דיא ווערטער דערמאנט נאך איידער ער האט געוואוסט, אז עס וועט זיך מיט הולדען טרעפען, וויא פיעל מעהר רעכט האט ער יעטצט געהאט זיא אין דיזע ווערטער צו ערמאנען, ווען דער שונא, ווען דער שעהנער אונ בליהענדער ארטהור האט שוין ווייט געהאלטען מיט זיין הייסגעליעבטער הולדען?

אברהם האט זיך ניט גענארט, דיא טיעפזיניגע ווערטער האבען אויף איהר אטיעפען איינדרוק געמאכט. זיא האט באלד פערשטאנען וואס ער מיינט מיט זייא. דער שלאף איז פון איהרע אויגען געפלויגען, איהר הארץ האט איהר געזאגט, אז ער ווארינט זיא ניט אומזיסט אונ

זאמען געהמען אונ הולדען ארויס ראטעוועז פון דעם אומגליק, וואס ווארט אויף איהר; מיר וועלען דער מיט פיעל יסורים פערשפארען דעם אלטען עהרליכען פאטער איהרען. ווען אפילו מיר וועלען רעכענען, אז ר׳ יהודה הלוי וועט דער צו ניט דערלאזען; נאר דערנסמאלט, וועט אבער שוין דער פריעדען אויף עביג פון זיין הויז פערשווינדען ווערען. גיט מיר אייער האנד, פערגלויבט זיך אויף מיר איך וועל אייך ניט נארען! צווייפעלט ניט אין מיין ארענטליכקייט; לאמיר ביידע צו זאמענשטעהען אונ גאט וועט אונז העלפען!

אין דיזער צייט, אלס ר׳ אברהם האט זיינע רייד מיט פיעל פייער געשפראכען, האט זיך מאזעס פון זיין שטוהל אויפגעהויבען, אונוויל־קירליך האט זיך זיין קערפער צוגעבויגען צו דער זייט, וואו דער אונ־בעקענטער איז געזעסען אונ אונווילקירליך איז זיין האנד אין דער האנד פון דעם מאן אריינגעפאלען אונ זיך מיט איהר צונויפגעשלאסען.

— אזוי איז גוט! — האט ר׳ אברהם צו איהם געזאגט — יעטצט קענען מיר זיך ביידע איינס דאס אנדערע גוט, נאר אונזער קענטשאפט דארף נאך זיין פערבארגען פון יעדען. ווען מיר וועלען זיך בעגעגענען אויף דער גאס זא דארפען מיר זיך מאכען גלייך, וויא מיר קענען זיך גאר ניט. איך וועל שטענדיג ווען איך וועל זיך נעטהיגען אין אייך, געלע־גענהייט געפינען אייך אהער צו ברייינגען, יעטצט דארפט איהר מיר שוין אנהויבען מיט צו העלפען אונ עטוואס צו טהון. צווייא זאכען פאדערע איך פון אייך: ערשטענס, ווען הולדע וועט היינט אבענד, נאך דעם באל, וואס דיא קעניגין האט געמאכט, צוריק קעהרען אהיים, מוז זיא דאס שטיקעל באשריבענע פאפיר וואס איך גיב אייך יעטצט, אויף איהרען טיש געפינען, אונ זיא זאל ניט קענען טרעפען, ווער עס האט עס אהין געבראכט. איך רעכען, אז זיא וועט דיא ווערטער וואס שטעהט דא אנגעצייכענט גוט פערשטעהען: צווייטענס, מוז איך מיט ר׳ יהודה הלוי אליין, ניט געזוימט, רעדען אונ עס מוז געשעהען בײנאכט אונ ניט בייא טאג.... אונ דארום מוזט איהר אויך אויף זיך געהמען צו שטעלען דעם בריעף, וואס איך גיב אייך איבער, איהם גלייך צו זיינע הענד. דרינען שטעהט אלעס בעשטימט אויפגעשריעבען. מארגען, אין דער מיט נאכט, וועט איהר מיך געפינען פאר דעם הויז, וואס שטעהט נאהינט נעבען דעם פעטערס הויז, דערנסמאלט זאלט איהר קומען אונ מיך שטילערהייט אריינפיהרען אין זיין שטודירצימער. קיינער טאהר מיך ניט זעהען קומען אויך ניט אוועקגעהען. מאזעס! איהר זענט קיין נאר ניט; איך מעג מיך אויף אייך פערלאזען, איך גיב אייך פיעל צו טהון — ווילט איהר עס טהון? זענט איהר דער צו מסכים?

ניט געזעהען. אונ וואס דאס שלימסטע איז, דאס, וואס ארטהור האט אטיעפע נייגונג צו הולדען, אונ איך האב מורא, אז דיא נייגונג זאל אין ליעבע ניט איבער געהען, ווייל דיא יאהרען זייערע, דאס פיינקייט פון זייא ביידע פאסען זעהר איינס צום אנדערען, אונ דאריבער, מאזעס, האב איך שטארק מורא, אז זיא זאל ניט קענען ווידערשטעהען דער לוסט פון איהר הארצען. איך שטעל מיר פאר ווען ארטהור וועט איהר זיין האנט רייכען, ווען ער וועט זיא וועגען דעם ביטען, וועט זיא דען קענען זיין ביטע איהם צוריק ווייזען? וואס זאגט איהר דער צו, מאזעס! חאטש איהר זענט נאך גאר אקינד, נאר איך מוז מיט אייך דער פון רעדען. זאגט מיר, יונגער מאן, וואס וועט דענסמאלט זיין? מיר וועלען דאך דיא שעהנע הולדע אויף עביג פערליערען! דאביי איז זיין שטימע געווארען העכער, קלינגענדיגער אונ עטוואס הארטער.

מאזעס האט נאך אלס געשוויעגען אונ געהערט. פלוצים האט ער זיך מיט דער האנט אן שטירן אזעטץ געגעבען, אונ זיך צו איהם אנגע־רופען: „וואס בעוועגט אייך, אונבעקאנטער, מיך דיא שאלה צו פרעגען? וואס נויטה אייך זיך אריינצומישען אין אונזער פאמיליענגעלעגענהייטען? פאר וואס רעדט איהר פון מיין קוזינע אזוי ניט רוהיג; איך בעמערק אויף אייער געזיכט, אז מיין קוזינע איז אייך ניט גלייכגילטיג?״

ר׳ אברהם האט בעטראפען פון זיינע רייד, איהם שטארק בעטראכט.

— „גוט, מאזעס! — האט ער זיך אנגערופען — עפיס זענט איהר מיר בעטראכטער געווארען, איהר זענט מיר עפיס צו שנעל פון קינדערשער לייכטזיניגקייט צו דיא געשטעלטע געדאנקען פון איין אלטען מאן איבער־געגאנגען, נאר דיזען פונקט ברויך איך אייך אויך ניט אויפצודעקען; דאס איז שוין מיין זאך, איהר קענט זעלבסט פערשטעהען, — ווארום קען דען איין עהרליכער מאן קאלטבלוטיג צוא קוקען אונ פארמאכען זיינע אויגען אונ ניט ווארינען ר׳ יהודה הלוי, דעם עלצטען אונ טרעסט פון אונזער געמיינדע, פון דעם אונגליק וואס איהם ווארט? שפרעכט דען ניט אין אונז איין אינוועניגסטע שטימע, אז מיר זענען מחויב זעהען מיט אלע אונזערע מעגליכקייט דיא זאך צו פערהיטען?

— נאר גענוג צו רעדען פוסטע רייד, לאמיר בעסער רעדען דער פון וואס איז שייך צו אונזער זאך. אויב איך נאר מיך ניט, ווייזט זיך מיר אויס, אז איך האב אייך ערקענט, טהייערער יונגער מאן! איך וויים יעטצט, וואס איהר דיינקט אונ פיהלט. אונטער אייערען ריינעם שטירן, אונטער אייערע גלאנצינדיגע אויגען, זעה איך קיין שום פאלשקייט ניט ארויס. איך פיהל, אז איהר זענט פעהיג דער צו צו אפפערען מיט אייער הערצענס בלוט פאר דעם וואהל פון אייערע קרובים אונ חברים; אונ דארום שלאגט מיר ניט אפ מיין ביטע. איך וויל מיך מיט אייך צו

זיין גאנצען רוהם אונ עהרע זיך ענטזאגט, איידער ער זאל זיין רעליגיאן, זיין טרעסט פון זיין גרויסער זעלע אבזאגען. דיא אייגענע איבערצייגונג זיינע האט ער אויך אונז, זיינע קינדער, געלערענט אונ טיעף אין אונזערע זעלעס איינגעגראבען. אונ דארום, מיין הערר! קענט איהר פון זעלבסט פערשטעהען, וואס פיר איין מיינונג איך בין! דיא ווערטער פון מיין געריהמטען פעטער וועל איך עביג עביג ניט פערגעסען, סיידען מיט דעם טויט צו זאמען.

— וואוהל איז אייך, מאזעס! — האט אברהם איהם דארויף געענטפערט — וואס אייער הארץ איז פול מיט דעם געטליכען פייער, פון דער אמונה. מיין מיינונג וועגען דעם איז אויך אלס איינס, ווייל איהר קענט מיך בלויז ניט; נאר נאך איין זאך ערלויבט מיר אייך צו פרעגען. מיך וועט עס שטארק פרייען צו הערען פון אייער מויל, אז אלע אייע'ע הויז לייט זענען אזוי שטארק פעסט אין דער אמונה, וויא ר׳ יהודה הלוי זעלבסט. דאס איז אין גאנצען דיא ציעל, וואס איך האב אייך אהער גערופען. זאגט מיר, נאר דעם ריינעם אמת: איז הולדע אויך דיא אייגענע מיינונג? קענען מיר אין דיזען פונקט אויף איהר זיך פערזיכערען? ענטפערט מיר דיא פראגע ניט הייסבלוטיג, וויא איין יונגען מאן פאסט, נאר קאלט געלאסען, אונ גוט בעטראכט.

דער יונגער מאן איז פון דער פראגע אזוי וויא פון אדונער געטראפען געווארען; ער האט נאר מיט ביידע אויגען געקוקט אויף דעם פרעגענדען אונ קייןווארט ניט גערעדט. מען האט לייכט געזעהען, אז דיא פראגע האט אין איהם ערוועקט אגאנצע קייט נייע געדאנקען, וואס האבען זיך געקייטעלט איינס אינ'ם אנדערען, אהן איין ענדע. נייע געפיהלען האבען אנגעהויבען אין זיין הארץ אויפצוטרעטען, וועלכע האבען אין איהם געשטורמט, גערוישט אונ ער האט זייא ניט געקענט איינשטילען.

— זאגט מיר, וואונדערליכער מענש! — האט ער קוים ענדליך ארויסגערעדט — ערקלערט מיר, נאך וואס האט איהר מיר דיזע פראגע פארגעלעגט?

— גוט, איך וועל עס אייך ערקלערען: דיא שעהנע הולדע, דיא בעוואונדערטע הולדע, ערשיינט, אזוי וויא איהר ווייסט, שטענדיג אין קייזער הויף, דארטען בעוואונדערט מען זיא איבער איהר חן אונ אנמוטה, איבער איהרע פיינער זעלע; זיא רינגלען ארום פיעל יונגע לייט, פיינע, אויסגעצייכענטע, אונ דאס מענשען הארץ איז שוואך, ובפרט דאס הארץ פון אצוואנציג יאהריגעם מעדכען....

— איז דאס אלעס, ניט מעהר?

— ניין, איך האב נאך עטוואס צו זאגען, מאזעס! איהר קענט דעם יונגען ריטטער ארטהור פאן בעאומאנט? איך רעכען, אז איך האב נאך אזא שעהנעם, אזא פיינעם, אזא ארענטליכען יונגען מאן נאך

טרויען אויף אייך פיעל גרעסער אונ געפעהרליכער, וויא איהר אויף מיר, אונ דארום מוז איך אייך אויף אייער יושר פרעגען: ווילט איהר דיא דאזיגע שאלה מיר ענטפערען?

— אז איך וועל וויסען דעם אינהאלט פון דער שאלה, וועל איך וויסען וואס צו ענטפערען — האט מאזעס איהם קורץ געזאגט.

— מאזעס! וויא איז אייער מיינונג פון רעליגיאנס פערבייטונג? האט איהם דער אונבעקענטער פלוצים אפרעג געטוהן.

דער יונגער מאן איז פון וואונדער פון זיין ארט אויפגעשפרונגען אונ מיט האסט געזאגט: וויא אזוי זאל איך אייערע פראגע פערשטעהן? גיט מיר צו פערשטעהען, וואס מיינט איהר דאמיט?

— גאנץ איינפאך, ניט קיין סודות. אייך איז ניט אונבעקענט דיא שטעלע פון דער יודישער יוגענד, אין דיזען לאנד, בעזאנדערס דיא שטעלע פון דער יוגענד, וואס געהער צו דער רייכער קלאסע. דא שטעהט עס מיט דיא יודען פיעל בעסער וויא אין אנדערע לענדער, היע קען דער יוד צוא עהרע אונ אנזעהען גרייכען. היע קען דער יוד האבען אומגאנג מיט אלע גרויסע לייט; ער קען זיך צו אלערליי חכמות איבער געבען אונ דורך דעם רוהם אונ כבוד ערווערבען. נאר דער וואפען־גלאנץ איז איהם פערזאגט: דער יוד דארף זיך לאזען בעשיטצען אונ פערטהיידיגען דורך יענעם, נאר ער אליין האט דאס רעכט ניט זיך זעלבסט צו בעשיטצען אונ צו פערטהיידיגען. אונ איבער דעם, יונגער מאן! ווען דעם מענשען געהט גוט, פערגעסט ער ביסליך ווייז זיין גאט. וואו דאס לעבען רוישט מיט פולער קראפט אויף דיא גרויסע וועגען אונ שטעגען, דארט ווערט דיא איינזאמע שמאלע שטעשקילע פון דעם רעליגיאן פערגעססען. אין דעם לאנד וואו מען מאכט קיין אונטער שיעד צווישען רעליגיאנס בעזאנדער־הייטען, דארטען מוז דיא רעליגיאן ליידען, דאס זעהען מיר ניט דאס ערשטע מאל; שטענדיג, ווען מען לאזט אונז עטוואס נאך אונ מען בעהאנדעלט אונז וויא מענשען, דענסמאלט שטופען מיר זיך צו ערווערבען אויך דעם איינענעם כבוד אונ עהרע, וואס אנדערע געניסען, אונ דורך דעם פערלאסען מיר אונזערען היילגען דת, דורך וועלכען, מיר גלויבען זעלבסט, אז מיר זענען דורך איהם פעראכטעט אונ פערמיאוסט, אונ מיר בעמיהען זיך איהם צו פערטיליגען .... מאזעס! וויא מיינט איהר דארויף?

— מיין העהר! — האט מאזעס דארויף געענטפערט, אונ דאביי זיין האנט אויף זיין הארץ ארויפגעלעגט, נאך וואס האט אייך געטויגט אזוי פיעל ווערטער אויסשיטען? איז אייך דען ניט בעקענט דער נאמען פון מיין פאמיליע? ווייסט איהר דען ניט ווער עס האט מיך אויפגעצויגען? אונ איהר קענט נאך אין צווייפעל זיין? גיכער וואלט יהודה הלוי זיין גאנץ פערמעגען, זיין לעצט ביסעל בלוט פון זיין הארץ געאפפערט, פון

פֶערְהִילְטֶע פִיגוּרֶע ווִיל אִיהם עֶרְגִיץ פַארְנַארֶען אוּנ הָאט זִיא אַפְרֶעג גֶע-
טְהוּן, קֶענְט אִיהר מִיר נִיט זָאגֶען, וָוער זֶענְט אִיהר אַלֵיין, אוּנ ווִיא
אַזוֹי רוּפְט מֶען אַייךְ ?

וָוען אִיךְ וָועל אַייךְ אֲפִילוּ מַיין נָאמֶען אָנְרוּפֶען, וֶועט אִיהר נָאךְ
אַלְס נִיט ווִיסֶען וָוער אִיךְ בִּין — הָאט אִיהם דִיא פִיגוּרֶע גֶעעֶנְטְפֶערְט —
נִיט מַיין נָאמֶען נִיט מַיין פֶּערְזָאן אִיז הִיעַ בֶּעקַאנְט; נָאר דֶער נָאמֶען אִיז
נִיט דָער עִיקָר, אַמָאל אִיז גֶעפֶעהרְלִיכֶער זִיךְ פֶערְטְרוֹיֶען אוֹיף דִיא מֶענְשֶׁען,
מִיט וָועלְכֶע אִיהר מַיינְט, אַז אִיהר זֶענְט שׁוֹין רֶעכְט בֶּעקַאנְט. קוּמְט! מֶען
קֶען דִיא זַאךְ נִיט אָפְּלֶעגֶען; עֶס הַאנְדֶעלְט זִיךְ וֶועגֶען דֶעם גְלִיק פוּן אַייֶער
קוּזִינֶע, אוּנ אוֹיבּ אִיהר זֶענְט אַיין מוּטְהִיגֶער מַאן, דַארְפְט אִיהר אוֹיף
קֵיין מִינוּט זִיךְ נִיט פֶערְטְרַאכְטֶען מִיר צוּ פָאלְגֶען.

מאזעס׳ן אִיז גֶעבְּלִיעבֶּען דִיא גֶעשְׁטַאלְט אוּנְבֶּעקַאנְט ווִיא פְרִיהֶר, נָאר
דֶער קְלַאנְג פוּן אִיהר שְׁטִימֶע, דֶער אוֹיסְדְרִיק פוּן אִיהרֶע וָוערְטֶער, זָענֶען
גֶעוֶועזֶען אוֹיכְגֶעשְׁפְּרָאכֶען אַזוֹי טְרַייא אוּנ אָפֶענְהֶערְצִיג אַז מאזעס הָאט שׁוֹין
אִין אִיהר מֶעהר נִיט גֶעצְוַויפֶעלְט אוּנ מִיט פֶערְטְרוֹיֶען אִיהר נָאכְגֶעגַאנְגֶען.

אִיבֶּער פִיעל לַאנְגֶע גַאסֶען הָאט אִיהם דֶער אוּנְבֶּעקֶענְטֶער מִיט זִיךְ
מִיט גֶעפִיהְרְט, בִּיז עֶר הָאט אִיהם צוּ גֶעפִיהְרְט צוּ אַיין קְלֵיין שְׁטִיבֶּעל,
דֶעם שְׁלָאס פוּן דֶער טְהִיר גֶעעֶפִינְט, אִין אַיין דוּנְקֶעלֶעס צִימֶער אַרַיינְ-
גֶעפִיהְרְט אוּנ בַּאלְד אַיין לֶעמְפֶּעל אָנְגֶעצוּנְדֶען. יֶעטְצְט הָאט דֶער אוּנְ-
בֶּעקֶענְטֶער מַאן זַיין מַאנְטֶעל פוּן זִיךְ אַרָאפּ גֶעוָוארְפֶען, — אוּנ מִיר דֶערְ-
קֶענֶען אִין אִיהם דֶעם קְרֶעפְטִיגֶען מוּטְהִיגֶען ר׳ אברהם׳ן פון טאלעדא!
נָאר מאזעס הָאט אִיהם יֶעטְצְט אוֹיךְ נִיט דֶערְקֶענְט, נָאר זַיין אוֹיסְזֶעהֶען
הָאט אִיהם פֶערְטְרוֹיֶען צוּ זִיךְ אַיינְגֶעפְלֹיסְט.

— וָואס ווִילְט אִיהר עֶטְוָואס פוּן מִיר ? — הָאט מאזעס אִיהם גֶעפְרֶעגְט,
נָאכְדֶעם אַז עֶר הָאט אוֹיף דֶעם אוּנְבֶּעקֶענְטֶענְס ווִינְק נֶעבֶּען אִיהם פְּלַאץ
גֶענוּמֶען, אוֹיף אַיין אַרֶעמֶער שְׁטוּהל.

— אֵיידֶער אִיךְ ווִיל אַייךְ דַארוֹיף עֶנְטְפֶערֶען, מאזעס! מוּז אִיךְ פְרִיהֶר
אֵיינֶע פְרַאגֶע אַן אַייךְ שְׁטֶעלֶען: אִיהר קֶענְט מִיךְ מִיט רַעכְט פְרֶעגֶען;
ווִיא הָאבּ אִיךְ דָאס רֶעכְט אַייךְ אַזַא שַׁאֲלָה גָאר צוּ פְרֶעגֶען; נָאר מִיר
זֶענֶען אָבֶּער יֶעטְצְט אִין אַזַא לַאגֶע, אַז דָאס פֶערְטְרוֹיֶען אֵיינְס אוֹיף דֶעם
אַנְדֶערֶען אִיז נָאטְהוֶוענְדִיג. הָאט אִיהר הָאט מִיר שׁוֹין אַייֶער פֶערְטְרוֹיֶען
אוֹיף מִיר גֶעצַייגְט דֶער מִיט, וָואס אִיהר זֶענְט מִיר, אַיין אוּנְבֶּעקֶענְטֶען,
אוֹיף מַיין רוּף, גֶעפָאלְגְט. נָאר דָאס אִיז נָאךְ נִיט דֶער תּוֹךְ. יֶעטְצְט
הָאבּ אִיךְ אַייךְ אַוִויכְטִיגֶע זֶעהר ווִיכְטִיגֶע זַאךְ אַיינְצוּפֶערְטְרוֹיֶען, וָועלְכֶע
לִיעגְט טִיעף בֶּעגְרָאבֶּען אִין מַיינֶער זֶעלֶע, אוּנ וֶוענְן אִיהר וֶועט זִיךְ
פוּן אִיהר דֶערְווִיסֶען קֶענְט אִיהר זִיא בֶּענוּטְצֶען ווִיא אַזוֹי אִיהר וֶועט
אַלֵיין וָועלֶען: צוּ נוּטְצֶען אָדֶער צוּ שְׁלֶעכְטֶען. אוּנ דַארוּם אִיז מַיין פֶערְ-

מאזעס דײַטלִיך גֶעזָעהֶען דִיא הֶערְלִיכֶע שֶׁעהנֶע גְלַאנְצִינְדִיגֶע אויגֶען פוּן דֶער פֶּערְהִילְטֶער פִיגוּרֶע, אַז עֶר הָאט בְּשׁוּם אוֹפֶן זִיךְ נִיט גֶעקֶענְט פוּן אִיהר אויסְרַײסֶען, אוּנ אִיז אִיהר נָאכְגֶעגַאנְגֶען וואוּהִין זִיא הָאט אִיהם גֶעפִיהרְט.

וִויא בַּאלְד זַײא זֶענֶען אַרוֹיס פוּן דֶעם גֶעדְרֶענְג פוּן מֶענְשֶׁען, הָאט זִיךְ דִיא פִיגוּרֶע צוּ אִיהם אוּמְגֶעקֶעהרְט אוּנ מִיט אִיהם אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּא רֶעדֶען.

— מאזעס! קֶענְט אִיהר דִיא שֶׁעהנֶע הולדע, דִיא טָאכְטֶער פוּן ר׳ יהודה הלוי.

— אַשֶׁעהנֶע פְרַאגֶע צוּ אִיךְ קֶען זִיא?

— הָאט אִיהר זִיא לִיעבּ?

— וָואס הֵײסְט? זִיא אִיז דָאךְ מַײן גֶעשְׁוִועסְטֶער קִינְד!

— אִיךְ מֵײן צוּ אִיהר לִיעבְּט זִיא אויף אַזוֹי פִיעל, אַז אִיהר וֶועט זִיךְ קֶענֶען בֶּעשְׁלִיסֶען אִיהר אַײן קָרְבָּן צוּ בְּרֵײנְגֶען.

— אִיךְ וָואלְט צוּ פְרִיעדֶען גֶעוֶוען, וֶוען עֶס זָאל זִיךְ אַזוֹינְס קֶענֶען טְרֶעפֶען. אָ! זִיא וָואלְט דֶענְסְמָאלְט אַרוֹיס גֶעזָעהֶען, אַז דֶער אֵײגֶענֶער מאזעס, וֶועלְכֶען זִיא פֶערְשְׁטוֹיסְט אַזוֹי לַײכְט פוּן זִיךְ אִיז גְרֵײט פִיר אִיהר דָאס לֶעבֶּען זַײן צוּ אָפְּפֶערֶען....

— דָאס וֶועט נִיט נֶעטְהִיג זַײן — אִיז אִיהם דֶער פְרֶעמְדֶער אִין דִיא רֵײד אַרַײנְגֶעפַאלֶען. —

מאזעס אִיז פוּן זַײנֶע רֵײד דֶערְשְׁרָאקֶען גֶעוָוארֶען; אִיהם הָאט זִיךְ אויסְגֶעוִויעזֶען, אַז דֶער פְרֶעמְדֶער הָאט אַלַאךְ גֶעגֶעבֶּען בַּײא זַײנֶע וֶוערְטֶער. עֶר אִיז אויף זִיךְ זֶעלְבְּסְט אִין כַּעס גֶעוָוארֶען, וָואס עֶר הָאט פֶערְטְרוֹיעט זַײנֶע אִינְוֵוײנִיגְסְטֶע גֶעפִיהלֶען אַוִוילְד פְרֶעמְדֶען מֶענְשֶׁען. דֶער פְרֶעמְדֶער הָאט גֶעטְרָאפֶען זַײנֶע גֶעדַאנְקֶען אוּנ הָאט זִיךְ צוּ אִיהם אָנְגֶערוּפֶען:

— יוּנְגֶער מַאן! נִיט דָאס לֶעבֶּען צוּ אָפְּפֶערֶען פִיר אוּנְזֶערֶע לִיעבֶּע, אִיז דִיא גַאנְצֶע זַאךְ, נָאר צוּ בֶּעהִיטֶען דִיא וָואס מִיר לִיעבֶען, אַז זַײא זָאלֶען אִין קֵײן אוּנְגְלִיק נִיט אַרַײנְפַאלֶען, דָאס שְׁטֶעהְט נָאךְ פִיעל הֶעכֶער אֵײדֶער זִיךְ מַקְרִיב זַײן פִיר זַײא אוּנ זֵײא דַאמִיט קֵײן טוֹבָה נִיט בְּרֵײנְגֶען. הֶערְט זְשֶׁע מִיךְ אויס יֶעטְצְט, וָואס אִיךְ וֶועל אַײךְ זָאגֶען: הולדע אִיז אִין אַסַכָּנָה, ווִילְט אִיהר זַײן פִיר אִיהר אַײן גֶעטְרַײעֶר שִׁיטְצֶער אוּנ רֶעטֶער?

— מִיט לַײבּ אוּנ זֶעעלֶע! אִיהר שַׁײנְט מִיר אַמַלְאָךְ צוּ זַײן, וֶוען אִיהר גֶעטְרוֹיעט מִיר אַזַא זַאךְ, אִיךְ זָאל קֶענֶען אִיהר מַײן גֶעטְרַײשַׁאפְט בֶּעוַוײזֶען.

— זָא קוּמְט מִיט מִיר; דָא אִיז קֵײן אָרְט נִיט, אִיךְ זָאל אַײךְ קֶענֶען אַלֶעס פָּאדְרָאבְּנֶע אִיבֶּערְגֶעבֶּען.

מאזעס הָאט אויף אַרֶגַע אַטְרַאכְט גֶעטְהוּן, אַז עֶס קֶען זַײן, אַז דִיא

ווערען: נאר גראדע דער צופאל האט איהם נאך מעהר פון איהם פערשטויסען. איהם איז ניט אנגעשטאנען, אז ר׳ יהודה הלוי זאל ווערין זיין וואהלטהאטער אויף אזו איין אופן, זיין שטאלץ האט איהם דער צו ניט דערלאזט; ער האט בעסער געוואלט צו ווארטען נאך אקליינע צייט, ביז עס וועט אין גאנצען דיא זאך פערגעסען ווערען.

נאר ניט אזוי וויא דער מענש בארעכענט אזוי בלייבט עס. דוא ווילסט נאך אקליינע צייט אבווארטען, אונ פלוצים טרעפט זיך דיר אצופאל, וואס צו ברעכט אלע דיינע פלאנען. דיא שלוחים פונ׳ם גראס־מייסטער זענען קיין קארדאווע אנגעקומען אונ פונ׳ם קיסר צוריק געוויעזען, אונ זענען צוריק אוועק געפאהרען; נאר הארספארד אונ ארטהור פון בעאומאנט זענען צוריק געבליבען. דער קעניג זעלבסט האט זיי אנגעוויזען אויף ר׳ יהודה הלוי, אז ער וועט זיי אויסגלייכען. עס איז קיין שום ספק ניט געבליבען, אז יעטצט וועלען זיי בענוטצען זיך מיט דעם בקשה־בריעף, וואס זייא האבען מיט זיך געפיהרט פון ירושלים, אונ דארום איז איהם שוין מעהר קיין צייט געבליעבען צוא שווייגען, ער האט געמוזט זיין שליחות ערפילען.

אין איין טאג האט זיך געטראפען, אז דער פלימעניק פון ר׳ יהודה הלוי, דער בעקאנטער מאזעס, האט זיך דורכגעשפאצירט אויף דער גאס אלא מעדא, עס איז שוין געוועזען שטאק נאכט. דיא היטץ פונ׳ם ברענענ־דיגען טאג האט אנגעהויבען קיהלער צו ווערען. דעם מענשענס הארץ פיהלט זיך אין אזא שענער צייט, ווען געשמאקע גערוכען טראגען זיך אין דער לופט, אונ אלייכט ווינטעלע בלאזט, מיט פיעל זיסע האפנונגען אונ ווינשען אנגעפילט. דאס מענשליכע אויג ווענדעט זיך צום בלויען הימעל, וואס איז בעזייעט מיט טויזענטער פינקלינדיגע שטערען, וועלכע ווערען אלע מאל לעכטיגער אונ גלאנצינדיגער, אונ נאך דעם קוקט עס באלד צוריק צו דער ערד אונ זוכט עטוואס אגעגענשטאנד, אין וועלכען עס זאל זיך קענען זאט אנקוקען אונ בעפריעדיגט ווערען.

פלוצים, צווישען געדרענג פונ׳ם נאראד, וואס האט דארטען גע־שפאצירט האט זיך איין האנד אויסגעשטרעקט אונ מאזעס׳ן ביי דער ארעם אנגענומען אונ איהם לייכט נאך זיך נאך געצויגען, אונ מאזעס האט זיך ניט געפיהלט אין דיא קרעפטען זיך פון דער האנד אויסצורייסען. איין איינגעהילטע פיגורע האט זיך איבער זיין אויהער אנגעבויגען אונ איהם שטילערהייד אין אויהער איינגערוימט, דיזע ווערטער: „הערר מאזעס! איהר מוזט מיר נאך געהן, איך בעשווער אייך ביא אלעם וואס אייך איז ליעב!“

מאזעס האט זיך זעהר דערשראקען, נאר דיא שטארקע האנט האט פון איהם ניט אפגעלאזט אונ מיט זיך געצויגען. אין דער פינסטער האט

## 7.

אונזער לעבען איז אזוי וואונדערליך געמאכט געווארען, אז דוקא פון דיא מענשען, פון וועלכע מיר בעמיהען זיך מיט אלע אונזערע כחות צו ענטלויפען, צו דיא איינענע מענשען פיהרט אונז דאס מזל אקוראט צוריק, אונ גראדע דענסמאלט, ווען מיר האבען ביא זיך שטארק בעשלאסען מיט זייא זיך קיין מאל ניט אין לעבען צו בעגעגענען. מיר זעהען וויא אשפיעל ביא גאט אין דיא הענד, אונ שטענדיג זעהען מיר, אז דאס ווארט: „דער מענש דיינקט אונ גאט לענקט", ווערט אקוראט מקוים.

אונזער ר' אברהם איז צוריק קיין היספאניע אוועק. נאר ניט אזוי גיך טהוט זיך וויא עס רעדט זיך. פון ניין ביז צעהען גאנצע חדשים האט דיא רייזע פערנעהמען, ווייל צייטען ווייז האט זיך דיא שיף ביא דיא גאווענעס אפ געשטעלט, אום עטוואס דרינגען, צו אויסבעססערען אונ פערריכטען; אויך האבען עס פערהאלטען שטורמווינטען אונ שלעכטע פאגאדע; אונ אפילו נאך זיין אנקומען קיין קארדאווא האט ער זיך ניט אזוי גיך געאיילט פאר ר' יהודה הלוי צו ערשיינען. מיר ווייסען פון זיינע רייד, אז ער איז מיט ר' יהודה הלוי ניט געוועזען אין פריינדליכער האלטונג, אונ דארום האט ער פריהר געזוכט איין צופאל, אז ער זאל זיך מיט איהם צו נויפקומען, אויך האט ער געוואלט זיך פריהר דערוויסען, וואס וויל דער טעמפעלארדען פונ'ם קעניג, אונ וויא איז ער איבערראשט געווארען, אז ער האט זיך דערוואוסט, אז דער ארדען פאדערט ביים קעניג דאס גאנצע לאנד פון ארראגאניען, וועלכעס דעם קעניגס פאטער האט עס מיט מלחמה איינגענומען, אונ פאר זיין טוידט אין זיין צוואה דעם טעמפעלארדען געשענקט, אונ דארום האט ער פריהר זיך בעשלאסען אכטונג צו געבען אויף יעדער טריט פון דיא שלוחים פונ'ם טעמפעלארדען וועלכע האבען זיך, וויא מיר ווייסען, אין קעניגס-פאלאץ געפונען אונ געוואהר צו ווערען, וואס וועט זיך דער פון אויסלאזען. אויך האט ער געהאט דער צו צייט, ווייל דער שליח פונ'ם גראסמייסטער, וועלכער איז מיט איהם צוזאמען געפאהרען, האט זיך אין קארדאווא ניט אפגעשטעלט, ווארום ער האט אויפגעזוכט דעם קאמטהור פון בעאומאנט, וועלכער איז אין דער צייט אין קארדאווא ניט געוועזען. דיא דאזיגע צווישען-צייט האט אברהם זיך פערנעהמען מיט איינינע וויכטיגע זאכען, פון וועלכע מיר וועללען שפעטער דערצעהלען. אין דער דאזיגער צווישענצייט האט זיך אויך געטראפען דיא רעטטונג פון הולדען ר' יהודה הלוי-ס טאכטער וואס ער האט זיא פון דיא שטארקע חוילים פונ'ם גוואדאלקוויווער ערעטעט, אזוי וויא מיר ווייסען שוין. נו. דאכט זיך, אז ער האט קיין בעסערען צופאל ניט בעדארפט, אז ער זאל איצטער מיט ר' יהודה הלוי נעהענטער

נִיט טְהוֹן. אָלָא נִיט בִּין אִיךְ אַיין אַלְטֶער נַארר, אַיין מְשׁוּגָעֶנֶער, וָועלְכֶעס דִיא וָועלְט הָאט נָאךְ גָאר נִיט גֶעזֶעהֶען! ....

דָער גְרֵייז הָאט זַיינֶע וָוערְטֶער גֶעעֶנְדִיגְט אוּנ זַיין קָאפְּף טִיעף צוּ גֶעבּוֹיגֶען צוּ דֶער זַייט, וואוּ ר׳ אברהם אִיז גֶעזֶעסֶען; עֶר הָאט גוּט אָנְגֶעשְׁפִּיצְט זַיינֶע אוֹיעֶרֶען צוּ חַאפֶּען דֶעם עֶרְשְׁטֶען טָאן פוּן זַיין שְׁטִימְמֶע.

ר׳ אברהם אִיז לַאנְג גֶעזֶעסֶען אוּנ קֵיין וָוארְט נִיט גֶערֶעדְט.

ר׳ יוסף — הָאט עֶר עֶנְדְלִיךְ זִיךְ אָנְגֶערוּפֶען — אִיהר וַוייסְט נִיט וָואס אִיהר פָאדֶערְט פוּן מִיר, וָוען אַייךְ זָאל זַיין בֶּעקַאנְט מַיין פֶערְגַאנְגֶען לֶעבֶּען, בִּין אִיךְ שְׁטַארְק בְּסָפֵק צוּ אִיהר וָואלְט זִיךְ אַיינְגֶעשְׁטֶעלְט פוּן מִיר אַזַא זַאךְ צוּ פָאדֶערֶען. אֱמֶת, היספאניע אִיז מַיין פַאטֶער־לַאנְד; אִין דֶער שְׁטָאדְט טאלעדא אִיז מַיין ווִיעגֶעל גֶעשְׁטַאנֶען; נָאר דָארְטֶען אָבֶּער הָאבּ אִיךְ אוֹיךְ אַזֶעלְכֶע יְסוּרִים אוּנ וָועהטִיגֶען גֶעלִיטֶען, אַז אִיךְ הָאבּ מִיר פֶּעסְט פָארְגֶענוּמֶען, אַז אִיךְ זָאל אַהִין נִיע אִין מַיין לֶעבֶּען צוּרִיק קֶעהרֶען. יֶעדֶער טְרִיט אַהִין, רֵייסְט אוֹיף אִין מִיר אַיין נַייעֶ פְרִישֶׁע וואוּנְד; יֶעדֶער חְווִילֶע, וָואס וֶועט מִיךְ טְרָאגֶען צוּרִיק אִין דֶעם ווִיסְטֶען לַאנְד, בְּרֵיינְגְט מִיךְ אַלֶע מָאל נֶעהֶנְטֶער צוּ אַיין נַייעֶר סַכָּנָה. דִיא סַכָּנָה אִיז נִיט קֵיין לֶעבֶּענְס סַכָּנָה; נָאר אִיךְ זֶעטְץ מִיךְ אוֹיס דֶער גֶעפַאהר, אַז מַיין רוּהֶע אוּנ זִיכֶערְהַייט זָאל נִיט גֶעשְׁטֵיידְט אוּנ פוּן מִיר פֶערְשְׁוואוּנְדֶען וֶוערֶען. אִיךְ שְׁטֶעל אוֹיף דֶער שְׁפִּיעל מַיין קוּנְפְטִיגֶעס גְלִיקזֶעלִיגְקֵייט. נָאר אִיהר יֶענְט אָבֶּער אוֹיךְ גֶערֶעכְט, ר׳ יוסף. אִיךְ מוּז, אִיךְ הָאבּ קֵיין אַנְדֶער בְּרֵירָה נִיט, יֶעטְצְט זָאגְט אִיהר מוּז אִיךְ צוּ ר׳ יהודה הלוי גֶעהֶען? .... הִימְלֶען! ווִיא וואוּנְדֶערְלִיךְ זֶענֶען גָאטְס וֶועגֶען! גְרַאדֶע צוּ אִיהם מוּז אִיךְ מַיינֶע טְרִיט רִיכְטֶען! זַיין שְׁוֶועלֶע דַארְף אִיךְ יֶעטְצְט אִיבֶּערְטְרֶעטֶען! עֶס וֶועט מִיךְ גֶענוּג כחות קָאסְטֶען! נָאר אִיךְ הָאף אַלֶעס אִיבֶּער צוּ שְׁטֶעהֶען. רבי! אִיךְ גֶעה אוּנ אוּנְגֶעזַאמְט!

ר׳ יוסף הָאט דַארוֹיף קֵיין וָוארְט נִיט גֶעעֶנְטְפֶערְט; עֶר הָאט גוּט פְרִיהר גֶעוואוּסְט, אַז דִיא עֶדְלֶע זֶעלֶע פוּן ר׳ אברהם׳ן וֶועט אִיהם נִיט קֶענֶען אָפּ שְׁלָאגֶען אַזַא ווִיכְטִיגֶע בַּקָשָׁה.

מִיט דֶעם פֶּעקֶעל אוֹיף דִיא אַקְסְלֶען בֶּעגֶעגֶענֶען מִיר, שׁוֹין נָאךְ דֶעם זֶעלְבֶען טָאג, אוּנְזֶער ר׳ אברהם׳ן, וַוייט, גַאנְץ וַוייט פוּן דֶער הֵיילִיגֶער שְׁטָאדְט ירושלים. עֶר הָאט זִיךְ מִיט דֶער שְׁטָאדְט נִיט גֶעזֶעגֶענְט, וַוייל עֶר הָאט גֶעפִיהלְט, אַז עֶר וֶועט זִיךְ בַּאלְד צוּ אִיהר אוּמְקֶעהרֶען. קֵיין רֵייכְטְהוּמֶער הָאט עֶר אוֹיךְ מִיט זִיךְ נִיט מִיט־גֶעפִיהרְט, נָאר אַיין קְלֵיינֶע גָאלְדֶענֶע בֶּעפּוּטְצוּנְג פוּן אַיין סֵפֶר תּוֹרָה, וָועלְכֶעס ר׳ יהודה הלוי הָאט אַמָאל קֵיין צִיּוֹן גֶעשִׁיקְט, אוּנ וָועלְכֶעס עֶס הָאט גֶעדַארְפְט יֶעטְצְט בַּייא אִיהם דִיעֶנֶען פַאר אַיין רֶעקָאמֶענְדַאצְיֶע, אַז ר׳ יהודה הלוי זָאל אִיהם אַלֶעס גְלוֹיבֶּען. —

(ר׳ הלוי)

-- דאס איז צו פיעל, רבי! איך וואלט זיך ניט איין געשטעלט אזא זאך צו טהון, מיט איין אנדערען ....

— איך וואלט זיך אויך ניט איין געשטעלט צו טהון אזא זאך מיט איין אנדערען, אונ איהם ניט פרעגען זיין הסכמה, אויסער מיט אייך ....

— איך דאנק אייך פיר דער עהרע! נאר עס פרעגט זיך אבער, צו וועל איך עס קענען אויספיהרען, צו איז דאס מיר ערלויבט, אויב ...

— איך רעכען, אז איהר, ר׳ אברהם, האט נאך דארויף גענוג שכל צו פערשטעהן, אז עס איז פארהאנען אזעלכע פאלל, וואס מען פרעגט דענסמאלט ניט צוא איז דאס ערלויבט, צוא מען קען? א. ד. ג. נאר מען מוז ....

— ניין, ר׳ יוסף! דער מענש מוז קיינמאל ניט; דענסמאלט הייסט ער קיין מענש ניט; אונ אפילו דארטען וואו עס חייזט אויס אז ער מוז, קען עס נאך גוט זיין, אז מען זאל עס גוט בעטראכטען מוז ער גאר ניט.

— נו, דאריבער איז איטצט קיין צייט ניטא צום פהילאסאפירען. איך בין איבערצייגט, אז ווען איך וועל מיט אייך אפילו וועללען שטרייטען אויף דעם פונקט וועט איהר מיך בודאי מנצח זיין, אזוי וויא איהר האט דאס שוין ניט איינמאל בעוויעזען .... נאר לאמיר בעססער רעדען פון וויכטיגערעס, וואס עס קען אפילו אויף קיין מינוט ניט אפגעלעגט ווערען.

אונ דער גרייז האט איהם דערצעהלט דיא גאנצע מעשה מהחל ועד כלה; אויך דערצעהלט וויא אזוי עס איז צווישען זייא געבליבען, אז זייא זאללען דאס שליחות אויף איהם ארויף לעגען.

יעטצט זעהט איהר שוין, מיין ליעבער ר׳ אברהם! — האט ר׳ יוסף געענדיגט זיינע רייד — אז איהר מוזט עס טהון. איהר זעהט אליין, אז מיר זענען דער צו גענאטהיגט געווען, ווארום ווען ניט וועללען מיר, יודען, אפשר נאך אויף גאנצע הונדערטער יאהרען ניט האבען נאך אמאל דיא זכיה צו וואהנען אין אונזער טהייער היילינ לאנד, וועלכעס דיענט פיר אונז, אין ביטטערען גלות, פיר אטרייסט פיר אונזער פרייד, אונ פיר אונזער ערדישעס גליק! זאללען מיר יודען, צו וועלכען דאס לאנד האט אמאל געהערט, אונ עס וועט אויך נאך אמאל צו אונז געהערען, זיין דער פון אויסגעשלאססען, אין דער צייט, ווען אנדערע פעלקער בע-וואהנען עס, עהרען עס אונ האלטען עס טהייער? פון דער אנדערער זייט, קענען מיר דען צו לאזען, אז אונזער לעצטע האפנונג, ר׳ יהודה הלוי, דיא קרוין פון דיא יודען, זאל צו בראכען ווערען דורך דיא מיט בלוט פערשמוצטע הענד פון אונזערע שרעקליכע שונאים? ענטפערט מיר, ר׳ אברהם, ווילט איהר אונז פערלאזען אין דער גרויסער נויטה אונזערער? קענט איהר פון זיך אראפ ווארפען דאס שליחות אונ אונז אין אומגליק ברייגגען? ניין, דאס קענט איהר ניט, אונ איהר וועט עס זיכער אויך

שוין מיט איהם גענוג בעקאנט נאך פון דער מינוט אהן, ווען ער האט זיך אין דיא שרעקליכע חווילעס פונ'ם גוואדאלקוויוויר אריינגעווארפען ארויסצורעטען דיא שענע הולדע'ן. אברהם איז אין צימער אריינגעגאנגען איינגעהילט אין זיין מאנטעל פערטיעפט אין געדאנקען. ווער האט געקענט טרעפען, וואס פאר געפיהלען עס האבען זיך אין זיין ברוסט יעטצט גע־ראעט? ווער האט געקענט וויסען, וואס זיין טיעפער גייסט האט יעטצט געטראכט אונ געדענקט? דא, אויף דעם טהייערען היילינגען ארט, האט יעדער מענש געפיהלט, אז דער הימעל איז פיר איהם אפען אונ אז דיא הימעלשע שטראהלען בעלייכטען אונ ערווארעמען איהם.

ער איז נאר קוים אין צימער אריין, האט איהם דער אלטער רבי באלד פריינדליך געגריסט, צו זיך צו גערופען אונ איינגעלאדען נעבען איהם זיך צו זעטצען: „יונגער מאן! האט ר' יוסף זיין רעדע אנגעהויבען — האט איהר שוין אמאל בעמערקט אין אייער לעבען, אז מיר טרעפען אמאל אן אויף אזעלכע מענשען, מיט וועלכע מיר האבען נאך קיינמאל קיין שום מגע ומשא געהאט, אונ פון דעסטוועגען ווייזט זיך אונז אויס, אז זייא זענען אונז שוין לאנג בעקענט, אזוי בעקענט, אז מיר פערטרויען זייא אלע אונזערע סודות?

— אונזערע חכמים רעדען דערפון, רבי! — האט אברהם איהם אויף זיינע רייד געענטפערט. — איהר ווייסט מסתמא דער פון. איך האב אויך אין דיזער אינזיכט מערקווירדיגע זאכען געלעזען, איך האב געלעזען אין אבוך, וואס האט געמאכט אחכם פון דיא אומות העולם. ער שרייבט דארט, אז עס קען זיין, אז אזעלכע מענשען האבען שוין, נאך פאר זייער געבוירען, געלעבט אויף דער וועלט אונ צווישען זיך גוט בעקענט געוועןי אונ יעטצט, אז זייא בעגעגנען זיך ווידער ציהעט זייא איינס צום אנדערען, אונ זייא ווייסען אליין ניט פאר וואס.

— איז דאס אפשר ניט אריסטו?

— ניין, רבי! דער חכם הייסט פלאטא, אריסטו'ס איין לעהרער.

— גוט, לאז זיין אזוי. מיין הארץ זאגט מיר, אז אייך, רבי אברהם, האב איך אויף אזא אופן שוין געקענט אונ געזעהען.

— מיך! — האט אברהם מיט וואונדער געפרעגט — וואו האט איהר דען מיך געזעהען?

— דאס וועל איך אייך באלד ערקלערען, אונ אט האט איהר אסימן, אז איך זאג אייך אמת. איך בין אויף אייך אזוי פערזיכערט געוועזן, אז איך האב מיך אויף קיין מינוט ניט פערטראכט אונ אייך פארגעלעגט אונזער געמיינדע, אז זייא זאלען אויף אייך ארויפלעגען איין זעהר, זעהר שווערע ארבייט. איך האב זייא מיין ווארט, דאס ווארט פון אצוויי אונ ניינציג יאהריגען גרייז געגעבען, אז איהר וועט זיכער מסכים זיין דער צו.

בקשה בריעף איז באלד אנגעשריעבען געווארען, אונטער געחתמת גע-
ווארען, אונ אין דיא הענד פונ'ם גראסמייסטער איבער גיגעבען געווארען.

## 6.

דער בלינדער ר' יוסף האט זיך פונ'ם פערזאמלונג אין זיין וואהנונג אומגעקעהרט, דאס איז געווען איין קליין שטיבעלע אין צפון זייט פונ'ם הר הזיתים (עעלבורט בארג). דער רבי האט אומיסטען דאס ארט אויס-געוועהלט צו זיין וואהנונג, ווייל ניט ווייט פון דעם ארט איז געווען איין אלט בית עולם, אויך דיא חורבות פונ'ם בית המקדש, וואהין דיא גאנצע געמיינדע פלעגט זיך אלע פרייטאג צונויפקלייבען צו פערברייגען אקליינע צייט אויף דיא טהייערע ערטער, וועלכע האבען זייא דערמאנט אן זייער אמאליגער גרויסקייט אונ זעלבסטשטענדיגקייט, אויך וועלכע האבען אין זייערע פערוואונדעטע הערצער איינגיפלאסען האפנונג אויף בעסערע יאהרין. צווייא ניט ברייטע חדרים — דאס איז געווען דיא גאנצע וואהנונג פונ'ם ארעמען ר' יוסף, אין איין צימער האבען געוואהנט אפאר פאלק, דעם אלטענס זוהן מיט זיין פרויא, אונ אין דעם אנדערען צימער האט דער רבי זעלבסט, נאך מיט איין פרעמדען אורח, ר' אברהם פון טאלעדא צו זאמען געוואהנט.

דער יונגער מאן איז ניט צו הויז געוועזען, בשעת דער רבי איז אהיים צוריק געקעהרט. ער איז אין דער צייט ארומגעגאנגען אין דער געגענד פון ירושלים צו בעטראכטען אונ בעקוקען דיא אלע הייליגע ערטער, פון וועלכע אונזערע נביאים האבען בעשטענדיג גערעדט. ער האט מיט זיינע אייגענע אויגען געוואלט בעטראכטען דיא טהייערע ערטער וועלכע האבען איינגעצייגט פון דעם פערגאנגענעם יודענשטאלץ אונ דורך דעם בעסער צו פערשטעהען דיא אלע שטעלעס פון דעם תנ"ך, וואס זייא ווערען דארטען דערמאנט. אנצוקוקען דיא ערטער, וואו דיא פיס פון אונזערע גרויסע גבורים, נביאים אונ מלכים האבען דארטען געוואנדעלט.

דער רבי האט מיט אנגסט געווארט אויף זיין צוריק קעהרען, מחמת ער האט מורא געהאט, אז ווען ער וועט זיך ניט גיך פארטיג מאכען צום אבררייזען, וועט דיא שיף אוועק פונ'ם גאוואן, אונ ער וועט עס שוין מעהר ניט געפינען. ענדליך האט ער דערהערט טריט פון אמענשען. דער רבי האט פערשטאנען, אז דאס געהט דער, אויף וועמען ער האט מיט אזוי פיעל אונגעדולט געווארט.

אברהם איז אריינגעגאנגען אין צימער אריין. מיר רעכענען פיר איבעריג איהם יעצט נאך אמאל צו שילדערען, אונזערע לעזער זענען


שוין

איז מיין גייסט זעהענדיגער געווארען. מיינע געפיהלען וועלען מיך ניט נארען, איך דער פיהל יעדער מענשען, וואס ער איז, אן זיין שטימע. אין דיא 30 יאהר, פון מיין בלינדקייט, האב איך מיך צו געלערענט דעם מענשען דערקענען אן זיין שפראכע, און דעם טאן פון זיינע רייד. איהר חדוש'ט זיך בודאי דאריבער? חדושט זיך ניט! דאס איז דער ריינער אמת, וואס איך זאג אייך. גאט מיט איין האנט שלאגט ער און מיט דער אנדערער היילט ער. און דארום איז מיין עצה אויס צוא וועהלען דעם יונגען מאן, וועלכען איך האב געהאט גענוג צייט און געלעגענהייט איהם גוט צו ערקענען, און איך, רבי יוסף בן אלכסנדר, איך דער צוויי און ניינציג יאהריגער גרייז, זאג עס אייך, אז זינט גאט האט מיר איין אויער געשענקט, האב איך נאך אזא טאן, וויא דעם יונגען מאנס, ניט געהערט, זיין שטימע איז מעכטיג וויא דאס קול פון אמלאך אלקים. און דער זיסקייט פון זיין קול קען מען לייכט ערראטהען, אז דער מאן טראגט אין זיין בוזען איין געפיהל פאלעס און ליעבענדעס הארץ. וואס האב איך אין זיין שטימע ניט פערנוהמען? ווען איך הער איהם רעדען, ערראטה איך, אז דער מענש האט פיעלעס, פיעלעס אויף זיין לעבען אויסגע־שטאנען, געקעמפפט און מנצח געוועזען. נאר וואס טויג מיר איהם נאך מעהר אייך צוא שילדערען? דעם מענשען מוזען מיר צוא ר' יהודה הלוי'ן שיקען! —

— וויא אזוי הייסט ער? קענען מיר איהם אפשר?

— הייסען הייסט ער רבי אברהם, זיין פאמיליע פערבארגט ער פון יעדען, מען זעהט ארויס, אז ער טוהט עס אונגערען, נאר מחמת נויט. דעם טיטול „רבי" פערדינט ער מיט רעכט, ווארום זיין געלערענטקייט איז אזוי גרויס, אז איך ווייס ניט צו וועמען איך זאל איהם גלייכען.

— ר' אברהם פון טאלעדא! — האבען אלע מיט איין מאל אויסגע־שריען — דער, וועלכער האט אין בית המדרש ערשט פערגאנגענעם שבת געדרשעט?

— דער זעלבע — האט דער גרייז געענטפערט.

— וועט ער דען דאס שליחות אננעהמען?

— דאס לאזט איבער אויף מיר.

— דאס איז זעהר גוט — האט ר' משה געזאגט, וואס מיר שיקען איהם, ווייל ער איז היע נאך אונבעקאנט, און דארום וועט זיין פלעטצליך פערשוואונדען ווערען קיינעם פון אונזערע שונאים ניט אויפפאליג זיין. ער מוז אויך מאכען דיא רייזע אויף דער אייגענער שיף, פון וועלכער דער גראסמייסטער האט מיר געזאגט, אז זיא שטעהט ביי דעם גאוואן פון עכו.

דיא עצה איז אנגענומען געווארען ביי אלע איינוועזענדע; דיא

מעגליכקייט עטוואס צו טאהן, וועלכעס עס זאל אונז קענען שיטצען פון אשלעכטען אויסגאנג; אונ דארום מוזען מיר עס טאהן: מיר מוזען שיקען איין ארענטליכען מענשען, אויף וועלכען מיר זאלען זיך קענען פערלאזען, צו ר׳ יהודה הלוי, ער זאל איהם דיא זאך אין גאנצען פאדראבנע איבער געבען אונ איהם דערצעהלען, וויא אזוי עס איז געקומען דער צו, אז מיר האבען דעם בריעף געמוזט שרייבען, חאט מיר האבען עס ניט גע־וואלט, אונ איהם אויך זאגען, אז ער מוז קליימערשט, צום שיין, טאהן אלעס, וואס דער ארדען פאדערט פון איהם אונ אונז דורך דעם דערוויל בעווארענען פון אומגליק; נאר קוים קען איהם אבער דורך דעם שאטען, איז פיעל גלייכער פיר אונז אלערליי אונגליקען צו טראגען איידער איהם אין פערדערבען צו שטירצען, דענסמאלט וועלען מיר פון אונזער זייט יוצא זיין לכל הדעות, אונ ר׳ יהודה הלוי וועט טאהן וואס זיין קלוגהייט אונ גאטספארכטיגקייט וועט איהם הייסען. דענסמאלט מעג גאט ברוך הוא, אונז מיט זיין חסד פיהרען אויף דעם גלייכען וועג; אויף יעדער פאל, וועלען מיר צייט געווינען, אונ ווער עס געווינט צייט, דער קען אויך האבען דיא האפנונג אויף זיין ליעבען נאמען, אז ער וועט איהם העלפען אונ בייששטעהען. — וואס מיינט איהר מיינע ליעבע ברידער, רעד איך ביים וועג צו ניין? ........

דיא גאנצע געמיינדע האבען אנגעהויבען זיך שטילערהייט איבער צו שמועסען איינס מיט דעם אנדערען. מען האט לייכט אנגעזעהען אויף זייערע געזיכטער, אז זייא זיינען אלע מסכים צום אלטענס עצה. ענדליך האט דער רבי משה זיך אנגערופען: „געעהרטער ר׳ יוסף! איך גלויב, אז איהר האט אונז אייער עצה פונ׳ם גאנצען הארצען געגעבען, אונ דיא עצה איז אזוי קלאר, אזוי וויא דער טאג; נאר וועמען זאלען מיר אבער פון צווישען אונז צו ר׳ יהודה הלוי׳ן שיקען?

ר׳ יוסף האט דארויף געענטפערט — „אז קיינער פון אונז קען אהין ניט געהען, דאס ווייס איך אויך גאנץ גוט, ווארום ווען ח״ו אימיצער פון דיא רשעים, פון דיא שפיאנען פונ׳ם גראסמייסטער וועט געוואהר ווערען, אז איינער פון אונז געהט אפ, וועט ער באלד טרעפען, וואס מיר האבען געטאהן, אונ דענסמאלט ווייסען מיר אלע, וואס דער סוף קען דער פון זיין. —

— דאס איז אודאי ריכטיג — האבען אלע דארויף געענטפערט.

— „דאריבער, ליעבע ברידער! האט ר׳ יוסף, וועלכער איז היינט, וויא עס שיינט, וויא אמלאך פון גאט צו זייא געשיקט געווארען, צוא זייא געזאגט, — „דאריבער זארגט ניט, צו דעם האב איך אויך איין עצה. ערשט זייט אחודש צוריק, איז אהער איין יונגער מאן פון היספאניע געקומען, מיינע אותען זיינען מיר פון אצייט לאנג בלינד, נאר דערפאר

און עֶס קֶען דָאךְ זַיין, אַז מִיט זַייעֶר בִּיטֶע, קֶענֶען זַייא אִיהם אִין אַגְרוֹיסֶער סַכָּנָה אַרַיינְבְּרֵיינְגֶען. זַייא הָאבֶּען זִיךְ לֶעבֶּעדִיג פָארְגֶעשְׁטֶעלְט זַיין שְׁלֶעכְטֶע לַאגֶע, וֶוען עֶס וֶועט אִיהם אוֹיסְקוּמֶען אוֹיס צוּ וֶועהלֶען, אָדֶער פֶעלְשֶׁען אִין זַיין קֶענִיג אוּנ וָואהלְמְהֶעטֶער אוּנ רֶעטֶען זַיינֶע אוּמְגְלִיקְלִיכֶע בְּרִידֶער, וָואס זַיינֶען אִין אַיין נוֹיט, אָדֶער בְּלַייבֶּען טְרַייע זַיין קֶענִיג, אוּנ זַיינֶע הֵיים גֶעלִיעבְּטֶע בְּרִידֶער אִין עֶלֶענְד אוּנ אִין אַבְּגְרוּנְד שְׁטִירְצֶען? אוּנ חוּץ דֶעם אַלֶעמֶען, הָאבֶּען זַייא שְׁטַארְק מוֹרָא גֶעהַאט, אַז עֶס זָאל אוֹיךְ, דִיא לֶעצְטֶע זַייל, וָואס דֶער גַאנְצֶער יוּדֶענְטְהוּם אִיז אָנְגֶעשְׁפַּארְט אוֹיף אִיהר, נִיט אוּמְוַוארְפֶען אוּנ פֶערְנִיכְטֶען. אֵיינֶער אוּנְטֶער דֶער גֶעמֵיינְדֶע, וֶועלְכֶער אִיז גֶעוֶועזְ אִין הִיספַּאנְיֶע, הָאט זַייא גֶעשִׁילְדֶערְט דָאס גְלִיק, דֶעם כָּבוֹד וָואס דִיא יוּדֶען גֶענִיסֶען אִין הִיספַּאנְיֶע צוּ לִיעבּ ר׳ יהודה הלוי, מִיט אַזֶעלְכֶע לֶעבֶּעדִיגֶע פַארְבֶּען אַז דָאס הַארְץ הָאט אִין זַייא וִויא אַבְּלַאט גֶעצִיטֶערְט, אַז זַייא זָאלֶען חַס וְשָׁלוֹם נִיט זַיין דִיא סִבָּה צוּ צוּשְׁטֶערֶען דָאס גְלִיק אוּנ זֶעלִיגְקַייט פוּן אַזוֹי פִיעל טוֹיזֶענְטֶער מֶענְשֶׁען. וָוארוּם וֶוען ר׳ יהודה הלוי פַאלְט, פַאלֶען מִיט אִיהם צוּזַאמֶען אַלֶע יוּדֶען, וָואס וואהנֶען אוּנְטֶער זַיינֶע שׁוּטְצְפְלִיעגֶעל אוּנ עֶס וֶוערְט פוּן זַייא אַתֵּל.

נָאר דִיא אַלֶע רֶעדֶעס אוּנ מֵיינוּנְגֶען הָאבֶּען צוּ גָאר נִיט גֶעבְּרַאכְט, פֶערְקֶעהִרְט עֶס הָאט נָאךְ מֶעהר גֶעהָאלְפֶען צוּ פֶערְדְרֶעהֶען אוּנ פֶערְפּוּטֶען דִיא זַאךְ; דִיא גַאנְצֶע גֶעמֵיינְדֶע אִיז אוֹיף אַרַגֶע שְׁטִיל גֶעבְּלִיבֶּען אוּנ נִיט גֶעוואוּסְט קֵיין רַאטְה אוּנ קֵיין עֵצָה זִיךְ צוּ גֶעבֶּען.

פְּלוּצִים הָאט זִיךְ אַגְרַייז גְרוֹיעֶר בְּלִינְדֶער מַאן, וֶועלְכֶער הָאט זֶעלְטֶען גֶערֶעדְט, נָאר עֶר אִיז גֶעוֶועזֶן אַיין גֶעלֶעהְרְטֶער אוּנ אַיין גֶעאַכְטֶעטֶער פוּן דֶער גַאנְצֶער גֶעמֵיינְדֶע, צוּ זַייא אָנְגֶערוּפֶען: „לִיעבֶּע בְּרִידֶער! וֶוען עֵשָׂו וִויל, חוּץ דֶעם, וָואס עֶר בְּרוֹיכְט דֶערְצוּ גֶעוַואלְט, אוֹיךְ דוּרְךְ לוּסְט אוּנ עָרְמָה זִיךְ יעקב׳ן צוּם קְנֶעכְט מַאכֶען, וָואס זָאל דֶענְסְמָאלְט יעקב טָאהְן? נָאךְ מַיין מֵיינוּנְג נָאךְ, מוּז יעקב נָאךְ מֶעהר לוּסְטִיגֶער זַיין פוּן אִיהם, אוֹיבּ עֶר וִויל זִיךְ פוּן זַיינֶע הֶענְד אוֹיס דְרֶעהֶען. מַיין רַבִּי, הרב צבי, זכרונו לברכה, פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגֶען, אַז וֶוען מִיר הָאבֶּען עֶטְוָואס צוּ טָאהְן, דַארְפֶען מִיר נִיט זַיין אִיבֶּער גֶעאַיילְט אוּנ גוּט אַכְטוּנְג גֶעבֶּען, וָואס מִיר דַארְפֶען צוּ טָאהְן. מִיר דַארְפֶען אוֹיךְ קְלֶערֶען צוּ קֶענֶען מִיר עֶס טָאהְן?

דֶעם דָאזִיגֶען שְׁפְּרוּךְ מוּזֶען מִיר יֶעטְצְט פָאלְגֶען; עֶרְשְׁטֶענְס: דֶער גְרָאסְמַייסְטֶער, פָאדֶערְט פוּן אוּנְז, אַז מִיר זָאלֶען אָן ר׳ יהודה הלוי אַיין בַּקָשָׁה-בְּרִיעף שִׁיקֶען, דֶעם אִינְהַאלְט פוּן וֶועלְכֶען אַייךְ אִיז גוּט בֶּעקַאנְט. שְׁטֶעהט עֶס דֶען אִין אוּנְזֶער קְרַאפְט דִיא בַּקָשָׁה אִיהם אָבְּצוּשְׁלָאגֶען? נֵיין! וַוייל אִין דֶעם פַאל זַיינֶען מִיר אַלֶע מִיט וַוייבּ אוּנ קִינְדֶער שׁוֹין מָארְגֶען דֶער גֶעפַאהר אוֹיס גֶעזֶעטְצְט; אוּנ דַארוּם מוּזֶען מִיר אִיהם דֶעם בַּקָשָׁה-בְּרִיעף אִין דִיא הֶענְד אִיבֶּער גֶעבֶּען; נָאר מִיר הָאבֶּען אָבֶּער נָאךְ דָאס

 מעגליכקייט

ארויפגעקלעטערט. פון אויבען, דארטען איז געוועזען אגרויסע זאל פון פראסטע ברעטער געמאכט, אין וועלכער עס האבען געברענט לאמפען, ניט קוקענדיג דארויף, וואס דאס איז געוועזען אין מיטען העלען טאג. דאס ארט איז זעהר ניט געוועזען קיין אנגענעהמעס; נאר מיט וויפיל שטאלץ האט דאס ארט אנגעפילט דיא הערצער, וועלכע האבען זיך דארטען געפונען!

דאס איז געוועזען אארט, וואס איז געשטאנען נאהענט צוא דעם היילינגען ארט, אויף וועלכען גאט'ס נאמען איז אמאל אנגערופען געווארען! דא ניט ווייט איז אמאל געשטאנען דער בית המקדש פון גאט, אויף וועלכען יודען זיינען שטאלץ נאך ביז אין דיזער צייט אריין. יעדעס פאלק, וואס ווערט אן זיין פערגאנגענהייט, האלט טהייער יעדער געגענשטאנד וואס דערמאהנט אן זיין אמאליגער גרויסהייט אונ מאכט. ער לאכט זיך אויס אויף דיא וואס שפאטען זיינער, אונ וואס מעהר מעלאכט איהם אויס, מעהר הייגנט ער מיט ליעבשאפט אונ געטריישאפט אין זיינע אלטע חורבות, וואס דערמאנען איהם, אז ער איז אויך אמאל געוועזען אמענש, אלייט מיט לייטען גלייך, אונ יעטצט איז ער נאר איין אבגעקומענער ארעמער פרינץ, וואס דער פאטער האט איהם פון זיך אויף אווייל פערשטויסען, אום איהם צו שטראפען; אונ ווען עס וועט איבער געהען דיא שלעכטע צייט, וועט ער איהם צוריק מקרב זיין אונ איהם מיט דאפעלטער עהרע בעלויהנען.

דיא הויפטער פון דער געמיינדע האבען זיך אלע צונויפגעקליבען. דער רבי משה האט אנגעהויבען צו ריידען, אונ זייא אלס דער צעהלט, וואס דער גראסמייסטער פונ'ם טעמפעל ארדען פאדערט פון זייא אונ האט איהם בעפוילען ער זאל זייא עס איבער געבען. דאס הארץ פון דער געמיינדע איז אנגעפילט געווארען מיט ביטערניש געגען זייערע הארטע שונאים אונ פערפאלגער; ווארום דער ארדען פון דיא היילינגע האט, זייט דער צייט, וואס האט געוועלטיגט אין ירושלים, גענוג ארויס געוויעזען זיין אכזריות געגען דיא אומגליקליכע יודען, אונ זייא געפלאגט אונ גע־מוטשעט, ווען ער האט נאר געקענט; אונ דארום זיינען אלע הויפטער כמעט געוועזען בעשלאסען ניט אויס צו פאלגען, וואס דער גראסמייסטער האט זייא בעפוילען, אונ עס מעג זייא קאסטען וואס עס וויל זיך. נאר באלד האבען זייא זיך בעטראכט, אז זייא האבען דארויף דאס רעכט ניט צו שאפען אויף אלע זייערע אונגליקליכע ברידער מיט זייערע ווייבער אונ קינדער וועלכע וועלען זיכער ליידען אונענדליכע יסורים פון דעם טיראן, וואס ער וועט זיין ווארט אן שום אפלעגען אויספיהרען. פון דער אנדערער זייט, איז זייא געוועזען זעהר שמערצליך צו קריינקען דעם גראסגעלעהרטען ר' יהודה הלוי, וועלכער האט זייא פיעל ליעבע אונ פריינדשאפט בעוויזען,

איין מאן, וואס האלט ווארט, אונ דערלאזט ניט, אז אימיצער זאל מיך נארען, אדער זיך שפילען מיט מיר! ....

דער רבי האט זיך טיעף גענייגט אונ איז גאנץ שטיל פון דעם צימער ארויס געטראטען. נאר ניט אזוי שטיל איז זיין זיפץ געווען, בעת ער איז ארויס אויף דער פריי. —

ער האט גוט געוואוסט, אז ר' יהודה הלוי'ן דראהט דא אגרויסע געפאהר, אונ ווען חז ר' יהודה הלוי פאלט, פאלען מיט איהם צוזאמען אלע יודען פון היספאניע.

## 5.

דיא זאל, אין וועלכער דיא יודישע געמיינדע האט זיך צו נויפ־געזאמעלט צוא האלטען איין עצה, וואס זייא זאלען טאהן, אין זייער אומגליק, איז געוועזען ניט קיין שעהן בעפוצטע זאל מיט שעהנע זיילען אדער געשניצטע סטופען, אזוי וויא אין שלמה המלך'ס צייטען, אדער וויא אין דיא צייטען פון דיא סנהדרין. ווארום זינט דער בית המקדש איז חרוב געווארען, איז אויך דער ראסקאש פון יודען פערשוואונדען געווארען. דער יודישער מוטה איז ניעדערשלאגען געווארען. קיין שום יוד האט אין זיך קיין פערלאנגען נאך ראסקאש אונ בעפוטצונגען. דיא נאכט פונ'ם וויסטען גלות האט אויס געשפרייט איהרע שווארצע פליעגעל איבער זייערע איינגעבויגענע קעפף אונ אין דער פינסטערער וויסטער נאכט, לייכט זיי נאר איין שטערען, וועלכען מיר רופען אן: תורה, וואס שאפט זייא גענוג ליכטיקייט, אז זייא זאלען קענען פיהרען זייער צובראכען שיפעל אויף דעם אונגעהייערען ים, וואס רוישט מיט זיינע שטארקע חווילים אונ דראהט זייא יעדער מינוט איין צושלינגען. קען מען אין אזא צושטאנד אין זינען האבען ראסקאש אונ בעפוטצונגען? ...

דורך ענגע, ניט געפלאסטערטע, געבערגיגע, גריבעריגע אונ פער־מיסטיגטע געסליך, זעהען מיר געהען, אדער בעסער צו זאגען, לויפען דיא הויפטער פון דער יודישער געמיינדע, וועלכע דער רבי משה האט זייא געלאזט צונויפרופען, ביז זייא זיינען צוגעגאנגען אין עק פון אגאנץ שמאל געסעלע, וואו עס איז געשטאנען איין לאנגער מויער מיט איין קליין טהירעלע, וועלכעס עס האט זיך באלד געעפינט אויף זייער אנ־קלאפען. דיא הויפטער פון דער געמיינדע זיינען אהין אריינגעגאנגען. דו־כגעהענדיג איין לאנגען הויף מיט פיעל חורבות, האבען זייא געגרייכט אין אשמאלער פינסטערער גאלעריי, וואס איז געוועזען ווייניג בעלויכטען מיט איין לעמפעל אונ זיינען אויף שמאלע האלב צובראכענע טרעפ

ר"י הלוי)

ארויפגעקלעטערט

דיא אונגלויביגע טורקין אוים געריכטען. דאס גאנצע פיערטעל שטאט,
וואו אייער איינגעשפארטע געמיינדע וואהנט, געהערט אויך צוא אונז
כריסטען, צוא אונזער טעמפעל ארדען, אונ דארום ביטע איך אייך, אז
איהר זאלט זיך עס גוט בעמערקען׳ איך בעפעהל אייך אז איהר זאלט
אהן זוימען, אן ר׳ יהודה הלוי שרייבען, אז ער זאל דעם ווילען פון
אונזער ארדען מיט אלע זיינע קרעפטען אונטער שטיצען. אין פאל אבער,
ווען איך וועל געוואהר ווערען, אז ער האט גאר ניט געטאהן פון אונזערט
וועגען, וועל איך אייך, אלע יודען, וואס וואהנען אין ירושלים, פון דאנען
פערטרייבען, אונ אייער האב אונ גוטס, דעם ארדען איבער געבען. דיא
התראה מיינע מעגט איהר איהם אויך שרייבען, ער זאל וויסען, וואס
ער האט צו טאהן. אונ וועגען דעם, אז איהר זאלט דיא ביטע אן איהם
מיט דעם גאנצען הארצען שרייבען, נעהמט יעטצט ביא מיר דאס עהרענ-
ווארט, אז איך שרעק אייך ניט אויף קאטאוועס, איך שווער ביא מיין
גאט אונ ערלעזער, אז איך וועל אלעס מקיים זיין, וואס איך זאג אייך
צו, אונ אום אייך נאך מעהר צו פערזיכערען, אז מיינע דראהונגען זיינען
ניט פוסט, זאג איך אייך, אז ווען נאך היינט אבענד וועט איהר מיר
ניט איבער געבען אייער בקשה־בריעף צו איהם, וועל איך שוין מארגען
אין דיזער צייט אויספיהרען, דאס, וואס איך זאג אייך יעטצט צו ...

דער גרייזער רבי איז פון זיינע שרעקליכע ווערטער אין גאנצען
צוזאמען געבראכען געווארען. ענדליך האט ער מיט אנגסט זיך אנגע-
רופען: — גרויסער, שרעקליכער הערר אונ בעשיצער! איך בין איבער-
צייגט, אז דאס וואס איהר פאדערט פון ר׳ יהודה הלוי, איז איין גע-
רעכטע זאך: נאר ווען אבער דער היספאנישער קעניג, האלט דאס ניט
פיר קיין גערעכטיקייט, דענסמאלט, הייסט דאך, אז מיר פאדערען פון
ר׳ יהודה הלוי, אז ער זאל זיין קעניג אונ וואהלטהעטער נארען אונ
פעלשען אן איהם? ....

— דאס דארף אייך ניט אנגעהען, רבי! איהר מעגט עס איהם
זעלבסט איבערלאזען, צו האנדלען נאך זיין יושר נאך. איהר יודען זייט
אויף אזעלכע זאכען גענוג חיטרע, אונ ווייסט שוין זעלבסט, וועלכעס
רעכט אדער אונרעכט איז .... אויף יעדער פאל, וועט איהם דאס הייליג-
טהום אונ דאס זיכערהייט פון זיין נאציאן, מעהר צום הארצען געהען,
איידער, דאס זיכערהייט פון איין כריסטליכען קעניג ....

— אך, גרויסער הערר! — האט רבי משה מיט אטיפען זיפץ
אויסגערופען, — איהר לעגט אויף אונז יודען ארויף אגרויסען נסיון
(פרובונג).

— טא, געבט אכטונג, אז איהר זאלט דעם נסיון בעשטעהען!
יעטצט מעגט איהר אייך שוין געהען: נאר פערגעסט ניט, אז איך בין

פְלוידֶערַייֶען; מִיר אִיז גְלַייכְגִילְטִיג צוּ אִיהר שְׁרַייבְּט זִיךְ יָא מִיט אִיהם אִיבֶּער, צוּ נֵיין. אִיהר זַייט דֶער ראֹש פוּן אַייֶער גֶעמֵיינְדֶע, אוּנ דַארִיבֶּער הָאבּ אִיךְ אַייךְ גֶעלָאזְט רוּפֶען, אַייךְ מֵיין וואוּנְשׁ פָּארְצוּלֶעגֶען, דָאס בֵּית דִין מוּז דִיא בַּקָשָׁה־בְּרִיעף אַן אִיהם נָאךְ הַיינְט אָנְשְׁרַייבֶּען אוּנ אוּנְטֶער חַתְמֶנֶען, אוּנ מִיר אִין דִיא הֶענְד אִיבֶּער גֶעבֶּען, אִין עכו שְׁטֶעהט אַשִיף גְרֵייט אָבְּצוּרַייזֶען נָאךְ היספאניע.

— וָואס זָשֶׁע זָאלֶען מִיר אִיהם בֶּעטִין, גְרוֹיסֶער הֶערר! אִיהר הָאט דָאךְ עֶס מִיר נָאךְ נִיט גֶעזָאגְט.

— אַז עֶר זָאל טָאהן מִיט אַלֶע זַיינֶע מֶעגְלִיכְקֵייטֶען אוּנ אַלֶעס אוֹיף דֶער וָואגְשָׁאל לֶעגֶען, אַז דֶעם אָרְדֶענְס וואוּנְשׁ זָאל עֶרְפִילְט וֶוערֶען. אִיז דָאס פַאר אַייךְ וֶוענִיג פֶערְשְׁטֶענְדִיג?....

— פֶערְצַייהֶעט מִיר, שְׁטְרֶענְגֶער הֶערר! אִיךְ מֵיין אַז אִיהר זָאלְט מִיר גֶעבֶּען צוּ פֶערְשְׁטֶעהֶען דֶעם עִיקָר, דֶעם אִינְהַאלְט פוּן עֶר בַּקָשָׁה. חָוען אַמֶענְשׁ בֶּעט דֶעם אַנְדֶערֶען עֶטְוָואס, מוּז עֶר דָאךְ ווִיסֶען וָואס בֶּעט עֶר אִיהם; אוּנ ר׳ יהודה הלוי קֶענֶען מִיר נִיט מֶעהר, וִויא בֶּעטִין, וָוארוּם בַּאפִוילֶען אִיז נִיט אִין אוּנְזֶער מַאכְט. אוֹיךְ מוּזֶען מִיר דָאךְ ווִיסֶען צוּ אִיז דִיא בַּקָשָׁה וֶוענִיגֶער אָדֶער מֶעהר ווִיכְטִיגֶער.

— אִיךְ זֶעה, אַז אִיהר מַאכְט זִיךְ אוּמִיסְטֶען נִיט ווִיסֶענְדִיג. דַאכְט מִיר, אַז אִיךְ הָאבּ עֶס אַייךְ אוֹיף אַזוֹי פִיעל גֶעגֶעבֶּען צוּ פֶערְשְׁטֶעהֶען, אַז אִיהר הָאט שוֹין גֶעקֶענְט טְרֶעפֶען, וָואס אִיךְ מֵיין.

— אִיךְ בֶּעט אַייךְ, עֶדְלֶער הֶערר! פֶערְגִיעבְּט מִיר, וֶוען אִיךְ הָאבּ אִין אַייעֶרֶע וֶוערְטֶער גָאר נִיט גֶעקֶענְט בֶּעמֶערְקֶען, — אוּנ דֶער רבי משה הָאט גֶעמַאכְט אוּמִיסְטְנֶע אַמִינֶע, טַאקִי גְלַייךְ וִויא עֶר פַארְשְׁטֶעהט גָאר נִיט וָואס מֶען רֶעדְט צוּ אִיהם. —

דֶער גְרָאס מַייסְטֶער אִיז בַּייא דִיא וֶוערְטֶער אוֹיפְגֶעשְׁפְּרוּנְגֶען אוּנ מִיט כַּעס זִיךְ אָנְגֶערוּפֶען צוּם רבי׳ן, וֶועלְכֶער אִיז נָאךְ אַלְס גֶעשְׁטַאנֶען אַיינְגֶעבוֹיגֶען אִין צֶעהנֶען פַאר אִיהם — וַוייסְט אִיהר ר׳ משה, וואוּ אִיהר שְׁטֶעהט?

— פַאר וָואס זָאל אִיךְ עֶס נִיט ווִיסֶען — שְׁטְרֶענְגֶער הֶערר — הָאט דֶער רבי גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט אַצִיטֶערְנִישׁ.

— נֵיין, אִיךְ מֵיין נִיט פִיר וֶועמֶען אִין אַוָואסֶער צִימֶער אִיהר גֶעפִינְט זִיךְ יֶעטְצְט; אִיךְ מֵיין פִיעל מֶעהר אוֹיף וֶועמֶעס לַאנְד וָואהנְט אִיהר אַלֶע? דָא אִיז דָאס הֵיילִיגֶע לַאנְד, אוֹיף וֶועלְכֶען אַייעֶר בית המקדש אִיז גֶע־שְׁטַאנֶען, אוּנ וֶועלְכֶעס אִיהר הָאט זֶעלְבְּסְט דוּרךְ אַייעֶרֶע זִינְד חרוב גֶע־מַאכְט! דָא אִיז דָאס הֵיילִיגֶע לַאנְד, אוֹיף וֶועלְכֶען אִיהר הָאט נִיט גֶע־סְמֵייעֶט פִיעל הוּנְדֶערְטֶער יָאהרֶען אֲפִילוּ פוּן דֶער וַוייטֶען דַארוֹיף אַקוּק צוּ גֶעבֶּען — דָאס לַאנְד הָאבֶּען דִיא כריסטען מִיט דֶער שְׁוֶוערְד בַּייא

ברייטען ים. איהר דארפט אויך וויסען, גרויסער הערר, אז דיא גרויסקייט פון אמענשען איז פערגאנגליך. דער לעבעדיגער גאט, היינט ערהויבט ער אמענשען ביז צום הימעל אונ מארגען ווארפט ער איהם אראפ טיעף אין דער ערד. היינט בעלעבט ער אונ מארגען טאדט ער.

— ווערליג איך זעה ווילט איהר מיר אויס ווייכען, רבי! איך האב פיינט פיעל רייד, ווען מען קען זיך מיט ווייניג באגעהען. זאגט איהר, אז איהר ווייסט פון איהם ניט, איך גלויב עס אבער קוים. איהר יודען, וועלכע איהר בעוואהנט אלע כריסטליכע לענדער, זייט געגליכען צו איין לאנגער קייט, וועלכע רינגלען בערידהרען זיך איינס אן דעם אנדערען. איהר ווייסט גאר ניט, אז ר' יהודה הלוי איז כמעט דער איינציגער ראטה געבער פון אלפהאנסען פון קאסטיליען, אונ קען ביי איהם אלעם פועלען. איהר ווייסט גאר פון דעם אלעמען ניט? איהר ווייסט גאר ניט, אז אין זיין זכות זיינען דיא יודען אין דיא כריסטליכע לענדער אויסגע- גלייכט מיט דיא כריסטען? איהר זאגט מיר אז איהר ווייסט קארג וואס פון איהם, אונ נאך אלעמען, וויפיעל גאלד אונ זילבער פיר אייערע ארעמע ערהאלט איהר אלע יאהר פון איהם? וויפיעל טהייערע ביכער אונ בעפוטצונג בעקומט איהר אפט פון איהם? אין אייערע בתי מדרשים אונ שולען? אונ פון דעסט וועגען שטעלט איהר זיך איין מיר צו זאגען, אז איהר קענט איהם נאר נאכ'ן נאמען נאך, אונ ניט מעהר?

דער רבי האט זיך אנייג געטאהן אונ האט געזאגט: — גלויבט מיר גנעדיגער הערר, אז איך ווייס דיא אלע זאכען נאר דער פון, וואס איך האב געהערט דערצעהלען וועגען דעם; קיין געלד מיט שריפטען פון איהם געהען ניט דורך מיינע הענד.

— לאז זיין אזוי וויא איהר זאגט; נאר דער וויל ווייסט איהר פון איהם, אונ מאקי מהאי טעמא האב איך אייך צו מיר געשיקט רופען, יעטצט ווייסט מיין פערלאנגען: איך וויל, אז איהר זאלט נאך היינט איין בריעף צו איהם צו גרייטען פון אייער גאנצער געמיינדע; אונ אויב זיין נאציאן איז איהם ליעב, זאל ער זעהען מיט אלע מעגליכקייטען דורך צו פיהרען ביים קעניג דאס פערלאנגען פון אונזער ארדען, אויף וועלכען איך האב צו שאפען.

דער רבי האט זיך ביי דיא רעד זעהר דערשראקען, עס איז אויף אמינוט שטיל געווארען, דער גראס מייסטער האט קיין אויג ניט אראפ גענומען פונ'ם רבי'ן. ענדליך האט דער רבי מיט אציטערענדע שטימע זיך אנגערופען: „גראס מעכטיגער הערר! איך האב דאך אייך ערשט גע- זאגט, אז איך שרייב זיך ניט איבער מיט ר' יהודה הלוי....

— „משה! — איז איהם דער גראס מייסטער אין דיא רייד מיט גרויס בעס אריינגעפאלען — פערדארבט מיר ניט דיא צייט מיט אומזיסטיגע

(ר"י הלוי)

קְלֶעפּ גֶעטְאהְן אָן דֶעם טִישׁ , אויף דֶעם קְלַאפּ הָאט זִיךְ בַּאלְד גֶעוַיאוִיעט אַיין יוּנְגֶער פַּאזְשׁ (בֶּעדִיעְנֶער) צוּ וֶועלְכֶען דֶער טֶעמְפְּעל הֶערר הָאט זִיךְ גֶעווֶענְדֶעט מִיט פָאלְגֶענְדֶער פְרַאגֶע :

— „אִיז דֶער רבּי ר׳ משה נָאךְ נִיט גֶעקוּמֶען ?״

— דֶער רבּי וַוארְט שׁוֹין פוּן אַפָּאר שָׁעָה אִין פָּאדֶערְצִימֶער — הָאט אִיהם דֶער פַּאזְשׁ גֶעעֶנְטְפֶערְט .

— הֵייס אִיהם אַהֶער קוּמֶען !

דֶער בֶּעדִיעְנֶער הָאט זִיךְ עֶרוַוייטֶערְט ; בַּאלְד דַארוֹיף הָאט זִיךְ ווִידֶער דִיא טְהִיר גֶעעֶפְנְט אוּנ אַיין בֶּעיַאהְרְטֶער מַאן אִין שְׁוַוארְצֶע מַלְבּוּשִׁים גֶעקְלֵיידֶעט אִיז לַייכְט מִיט טוֹיזֶעְטֶער פֶערְבֵּייגוּנְגֶען קוים וָואס עֶר הָאט זִיךְ צוּגֶערִיהרְט צוּ דֶער עֶרְד מִיט דְ א פִּים , אִיז אִין צִימֶער אַרַיינְגֶעטְרָאטֶען אוּנ הָאט זִיךְ נִיט אוֹיפְגֶעהֶערְט בֵּייגֶען אוּנ נֵייגֶען בִּיז דֶער טֶעמְפְּעל הֶערר הָאט מִיט אִיהם אָנְגֶעהוֹיבֶּען רֵיידֶען .

— גֶעהט צוּ עֶטְוָואס נֶעהֶענְטֶער , רבּי משה ! הָאט עֶר זִיךְ צוּ אִיהם אָנְגֶערוּפֶען .

דֶער רבּי הָאט זִיךְ קוים גֶעווּאגְט נָאךְ עֶטְלִיכֶע טְרִיט צוּא טְאהְן

— הָאט קֵיין מוֹרָא נִיט — הָאט דֶער טֶעמְפֶּעל הֶערר אִיהם גֶשְׁטַארְקְט — אִיךְ הָאבּ אַייךְ גֶעלָאזְט רוּפֶען נִיט אַייךְ צוּ קְאפֶּען , נָאר אֵייניגֶע פְרֵיינְדְלִיכֶע ווֶערְטֶער אַייךְ אִיבֶּער צוּ גֶעבֶּען .

דֶער רבּי הָאט דַארוֹיף גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט אַטִיעף פֶערְבֵּייגוּנג .

— קֶענְט אִיהר ר׳ יהודה הלוי , וָואס וָואהְנְט אִין דֶער שְׁטָאדְט קארדאווא אִין לַאנְד היספאניע ? — הָאט אִיהם דֶער טֶעמְפֶּעל הֶערר , נָאךְ אַמִינוּט שְׁטִיל שְׁוַוייגֶען , גֶעפְרֶעגְט .

— פֶערְזֶענְלִיךְ קֶען אִיךְ אִיהם נִיט , גְנֶעדִיגֶער הֶערר !

— נָאר אִיהר קֶעהְרְט זִיךְ גֶעוֶועהְנְלִיךְ מִיט אִיהם אִיבֶּער שְׁרַייבֶּען ?

— אִיךְ ? נֵיין , גְרוֹיסְמֶעכְטִיגֶער רִיטְטֶער !

— ווִיא אַזוֹי דֶען אִיז עֶר אַייךְ בֶּעקַאנְט ?

— אִיךְ קֶען אִיהם דוּרְךְ זַיין גְרוֹיסֶע ווֶערְק , ווֶעלְכֶע מֶען רוּפְט הכוזרי , אַיין קְוַואל פוּן קְלוּגְהַייט אוּנ פוּן גָאטֶעס פָארְכְט , אַיין קְוַואל פוּן לֶעבֶּען , גָאט זָאל אִיהם דֶערְפַאר בֶּענְשֶׁען !

— דָאס דַארְף אִיךְ כְּלָל נִיט ווִיסֶען . קֶענְט אִיהר מִיר בֶּעסֶער נִיט זָאגֶען , וָואס פִיר אַיין ווֶערְטְה אָדֶער מַאכְט הָאט עֶר אִין קֵייזֶער הוֹיף בַּיים היספאנישֶׁען קֶענִיג ?

— דִיא מֶענְשֶׁען , ווֶעלְכֶע הָאבֶּען מִיר זַיין ווֶערְק , דֶעם „כוזרי״ , גֶעבְּרַאכְט , הָאבֶּען מִיר יַא עֶטְוָואס דֶער פוּן גֶעזָאגְט , נָאר דָאס לַאנְד היספאניע לִיעגְט ווַייט גַאנְץ ווַייט פוּן ירושלים ; יָאהְרֶען גֶעהֶען אִיבֶּער אֵיידֶער אַמֶענְשׁ קֶען פוּן דָארְטֶען צוּ אוּנְז אַרִיבֶּער קוּמֶען אִיבֶּער דֶעם

נאר הולדע האט גוט געוואוסט, ווער עס האט עס געקענט אהער ברייננגען, אונ דארום האט זיא זיך שטארק פערטראכט.

---

## 4.

מיר בעטין אונזער לעזער זיך צוריק צו קעהרען מיט איין יאהר צוריק פון דער צייט וואס אונזער ערצעהלונג קומט פאר.

אין איין גרויסען פאלאץ, אין ירושלים, וועלכער איז געשטאנען אין דרום זייט פונ'ם הייליגען בארג הר הזיתים אונ האט איהם אין גאנצען פערדעקט, איז אין איין קליינעם צימער געזעסען דער אויבער הערר פונ'ם טעמפעל ריטטער ארדען, וועלכעם האט ערשט עקסעסטירט עטוואס מעהר פון 25 יאהר, נאר ניט אכטענד דארויף איז דער ארדען שוין געווען שטארק אונ מעכטיג אן אשיעור, דער טעמפעל הערר איז געזעסען ביי א טישעל, וועלכעס איז געווען באדעקט מיט פארמעט. געקליידעט איז ער געווען אין אסאמעטען תאלאט, אונ אגרויסע שווערע שווערד איז געשטאנען צו געשפארט צו זיין ביינקעל אויף וועלכען ער איז געזעסען, עס ווייזט אויס, מהאי טעמא, כדי איינצופליסען מורא אונ דרך ארץ צו דעם הערר, וואס איז געזעסען ביים טיש. אגרויל האט אנגעתאפט יעדען מענשען, וועלכער האט נאר אקוק געגעבען אויף דעם מורא'דיגען געזיכט פון דעם ניט יונגען קרעפטיגען מאן, ניט באזהייט אדער שלעכטיקייט האט מען געקענט בעמערקען אין זיין געקנייטשט געזיכט, נאר גרויסקייט, שטאלץ פון איין מושל איבער טויט אונ לעבען. דיא הויכע שטירן, אומגראנצט מיט זילבער ווייסע לאקען, זיין טיעף בלויעס אויג, זיין אדלער-נאז מיט זיין גאנצעם אויסזעהען האבען צום ערשטען בליק געמאכט אויף יעדען אזוי איין איינדרוק אז מען האט געקענט לייכט ערקענען אז דער מענש איז צו געוועלטיגען בעשאפן, אונ אז איהם פעהלט ניט קיין זיכערהייט אונ פעסטיגקייט. מען האט איהם געקענט גלייכען צו איין שטארקען פעלז, וואס שטעהט אין מיטען מעער, אונ לאכט זיך אויס אויף דעם רעש'ן פון דיא שטארקע חווילעס, וואס אומגעבען איהם פון אלע זייטען אונ ווילען איהם אומווארפען. מען האט אויך געקענט אין זיין געשטאלט לייכט ערקענען, אז אין דיזעם קערפער וואהנט ניט קיין בארמהערציגקייט, רחמנות אדער מיטלייד מיט אימיצען, זיין אידעע, זיין פלאן, וועלכען ער האט איינמאל פערווארפען, האט געמוזט אויסגעפיהרט ווערען, אונ אפילו עס זאל געווען קאסטען טויזענטער אפפער.

נאכדעם אז דער טעמפעל הערר האט איינינע פאפירען, וואס זיינען אויפ'ן טיש געלעגין, דורכגעקוקט, אויך איינינע פון זייא אונטער געחתמט, האט ער גענומען אקליין זילבערען העמעריל, אונ מיט איהם דרייא



קלעפ

זיך מיט עפליכע ווערטער מיט איהר איבער צו ווארפען. דער באל האט זיך געענדיגט. אלס הולדא האט געוואלט צוא הויז געהען, האט זיך ארטהור צו איהר מיט דער פראגע געווענדעט, צו מעג ער אמאל קומען צו איהר געוואהר ווערען, וואס זיא מאכט? הולדא האט איהם קורץ געענטפערט, אז איהר פאטער'ס הויז איז אפען פיר יעדען מענשען, וועלכער איז נאר ניט קיין פיינד פון זיין קעניג.

הולדא האט זיך אין איהר פאטערס הויז צוריק געקעהרט. איהר איז עפיס געווען פרעהליכער וויא שטענדיג, אויפ'ן הארצען. אונ וועלכענס מעדכען הערץ וואלט געקענט בלייבען גלייכגילטיג, ווען אזוי איין שעהנער יונגער מאן בעווייזט איהר אזוי פיעל ליבליכקייטען אונ אכטונג? נאר צווישען דער זיסער פרייד ביא דעם ערמאהנונג זיך אן איהם, איז איהר שטענדיג געווען, וויא אין איין לויטערען ווארעמען פריהלינגס טאג, טוהט פלוצים אבלאז איין שניידענדער קאלטער ווינט, וואס מאכט זעהר ניט קיין גוטען איינדרוק אויף דיא גלידער, וואס זיינען דער ווארעמט געווארען פון דער פריהלינגס זונן. זיא האט געפיהלט וויא דער שעהנער ריטטער, וועלכער האט איהר אזוי פיעל פריינדשאפט אונ הייסע געפיהלען בעוויזען, איז גאנץ ווייט פון איהר, גלייך וויא איין פערהוילענע שווערע האנד האט זיך צווישען זייא געלייגט אונ האט זייא געוואלטזאם צו שיידט אונ געהאלטען פון דער ווייטענס. זיא האט נאך זעלבסט ניט ריכטיג געוואוסט וואס איהר איז; נאר זיא האט געפיהלט, אז ווען זיא טראכט פון איהם, בעוועגט זיך העפטיג איהר זעלע אונ זיא קען ניט גלייכגילטיג בלייבען.

אנקומענדיג אהיים האט זיא שוין געטראפען דעם פאטער שלאפען, דאס שטוב מעדכען האט איהר דיא טהיר געעפענט. הולדא איז ארייין געגאנגען אין איהר צימער. ביא דער שיין פון אליכט האט זיא אויפ'ן טיש בעמערקט אשטיקעל פאפיר, זיא איז געווארען נייגעריג צו וויסען, וואס דאס איז. דאס פאפיר איז געווען בעשריעבען מיט יודישע בוכשטאבען, זיא האט עס אין דער האנד גענומען אונ אנגעהויבען לעזען. אויף דעם שטיקעל פאפיר איז געווען אנגעשריבען דיא ווערטער, וואס דער פרעמדער אונבעקענטער רעטטער איהרער האט איהר געזאגט פאר זיין פערשוואונדען ווערען:

פליהע צו דיין בארג וויא איין פויגעל,<br>וואָרום דער בויגען איז געשפאנט<br>אונ דיא פייל איז שוין אנגעצויגען.

וויא אבליטץ האט זיא געטראפען דאס וואונדערליכע שטיקעל פאפיר. ווער האט עס אהער געקענט ברייינגען? דאס שטוב מיידעל האט ניט געוואוסט, ווער עס האט דא דאס שטיקעל פאפיר אנידער געלעגט.

(ר"י הלוי)

נאר

אלע הערען אונ דאמען זיינען פערזאמעלט געוועזען. זיין עדעלע, פריינע געשטאלט, זיין יונגעס געזיכט, זיין פייעריג אויג, זיינע שעהנע פאסענדע מלבושים, זיינען באלד יעדען אויפפאליג געווארען, זייא האבען איהם צווישען אלע מאנספערזאנען אונטערגעשיידט. ארטהור איז זיך אונגע־צוואונגען דורכגעשפאצירט דיא גרויסע זאל אונ איז צו געגאנגען צוא איין ווינקעל, וואו עס איז געוועזען אויפגעשטעלט פיעל וואזאנעס מיט רויזען אונ האט באמערקט דארטען שטעהען דיא שעהנע הולדען שערצענד מיט איהר איין חברה׳טע. זיין אויג האט זיך זאט ניט געקענט אנקוקען אין דער שעהנער הימעלשער געשטאלט. ער האט זיין אויג ניט געקענט אפרייסען פון איהרע צוויא דונקעלע אויגען, פון איהר שעהנעם הויפט, וואס איז געוועזען ארומגערינגעלט מיט שווארצע לאנגע לאקען, פון איהר צויבער שמייכעל, וואס האט גערוהט אויף איהרע צוויא קאראלענע ליפען. ארטהור האט זיא שוין איין מאל פליכטיג געזעהען, נאך איהר נאמען געפרעגט אונ איהר שטאנד זיך דערוואוסט. יעטצט אבער, ווען ער האט זיא געזעהען בליהען צווישען רויזען, בעשטראהלט פון דיא פיעל ליכט, וואס האבען געברענט אין זאל, איז זיא איהם פארגעקומען וויא אנייע ערשיינונג, וואס האט זיך ערשט יעטצט פונ׳ם הימעל געיאוועט, אונ אונוויללקירליך האט ער זיין האנט אויף זיין הארצען ארויפגעלעגט, אום צו שטילען דאס העפטיגע קלאפען.

הולדא האט אויך דערזעהען דעם יונגען שעהנעם ריטטער, אונ האט מיט איין הימעלשען שמייכעל זיך שעהן פערנייגט פיר איהם, ארטהור איז דורך דעם עטוואס סמיעלער געווארען, איז נעהענטער צו געגאנגען אונ האט מיט איהר אין איין געשפרעך זיך אריינגעלאזט.

מיר ווייסען ניט, וואס ער האט מיט איהר גערעדט, עס קען אויך גוט זיין, אז ער האט זעלבסט אויך דענסמאלט ניט געוואוסט, וואס ער האט גערעדט, ער האט זיך אליין ניט געפיהלט אונ ניט געוואוסט וואו ער שטעהט. הולדא האט איהם זייער פריינדליך בעהאנדעלט אונ האט איהם זיין ביטע ניט אבגעשלאגען, צו טאנצען מיט איהם עטליכע טענץ. ארטהור איז געוועזען איבער גליקליך איבער איהר הבטחה. יעדער מינוט, ווען ער האט זיא אויף ארגע פערלאזט, האט עס איהם וויא אמאגנעט צוריק צו איהר געצויגען, ווען זיא האט געטאנצט מיט איין אנדערען, האט ער זיך אונטער אזייל אנידער געשטעלט אונ האט אלעס געקוקט אויף איהר, וויא אזוי זיא שוועבט אין זאל ארויף אונ אראפ, וויא איין לייכטער פויגעל. צייטען ווייס האט זיך אויך פון זיין ברוכט איין לייזער זיפץ ארויס געריסען. קוים האט זיא נאר געענדיגט דעם טאנץ מיט איטיצען, זא איז ער אין איין אויגענבליק באלד צו איהר צו געגאנגען, וועגען איהר עטוואס איין געפעליגקייט צו טאהן, אדער אזוי

## 3.

דער קאמטהור האט דיא שטאדט קארדאווא וויעדער פערלאזט נאר צווייא פון זיינע בעגלייטער זיינען צוריק געבליבען: איין ריטטער פון הערספארד, איין אלטער, קלוגער מאן, אונ דער פיינער יונגער מאן וועלכען מיר האבען שוין אויבען דערמאנט. וועדליג עס האט געזאגען, איז דער יונגער מאן נאך ניט געהערט צו דעם ארדען, ווייל ער האט קיין מאל אויף זיך דעם ארדענס מאנטעל ניט געטראגען; גיכער איז ער מיט געפאהרען, אדער צוא פערגרעסערען דיא צאהל פון דיא שלוחים פונ'ם ארדען, אדער גלאט, ווייל עס האט זיך איהם געגלוקט זיך דורך צו רייזען אויף דער וועלט. באלד איז מען אויך געוואהר געווארען, אז דער יונגער מאן איז דעם קאמטהורס אפלימעניק אונ איין יורש פון אסך גיטער אונ רייכטהימער.

נאך וואס דיא צווייא ריטטער זיינען איבערגעבליבען אין קארדאווא, אונ וואס זייא האבען דארטען געטאהן, האט קיינער ניט געוואוסט איינינגע האבען דערצעהלט אז זייא האבען אפט געזעהען בייא נאכט דעם עלטערען ריטטער אין ר' יהודה הלוי'ס פאלאץ. דער יונגערער, וועלכער האט געהייסען ארטהור, פלעגט זיך דייקא ניט בעהאלטען, פערקעהרט, מען האט איהם געקענט אפט זעהען אויף אלע פרעהליכע באלען ערשיינען אונ נעהמען אנטהייל אויף יעדער שמחה אונ מאכען קונסטליך דיא דאמען דיא קור.

אין איין צייט האט דיא קעניגין געמאכט איין גרויסען באל, אויף דיזעם באל האט מען אויך גערופען דיא צווייא ריטטער פונ'ם ארדען. דער אלטערער איז ניט געקומען קליימערשט אונטער דעם תירוץ, אז ער איז ניט געזונד, אונ אויף זיין ארט, האט ער דעם יונגען מאן געשיקט. אויך דיא שעהנע הולדע, וועלכע דיא קעניגין האט זעהר געליבט אונ געשעטצט, איז אויך צווישען אלע געסט געווען. דיא קריסטליכע פרויען האט דאס זעהר אפילו געקאכט ביים הארצען, אז איין יודיש קינד זאל זיין גלייך מיט זייערע עדעלע טעכטער, נאר זייא האבען געשוויגען, זייא האבען גאר ניט געקענט מאכען, ווייל ר' יהודה הלוי, איז געווען אגרויס פער.. טטער מאן אין דער קעניגרייך; אונ דארום, וואלט דער קעניג געווען אונצופריעדען, ווען אימיצער זאל זיין קינד געווען מיט עטוואס באליידיגען. ר' יהודה הלוי האט גוט פערשטאנען דיא געפעהרליכע לאגע פון זיין טאכטער, אונ וואלט זיכער געוואונשען, אז זיא זאל אין קעניגס הויף וועניגער זיין; נאר ער האט ניט געקענט געהען געגען דעם ווילען פון דער קעניגין, וועלכע האט געוואונשען הולדען געבען זיך צו זעהען.

ארטהור פון בעאומאנט, איז אריין געקומען אין זאל אריין, וואו

טהימער, וואס געהערט צו איהם און עס פערשענקען דיא פריסטער, וואס קעהרען זיך קארג וואס אן מיט דער וועלט, זא איז זיין ווארט קיין ווארט ניט!

— ביים איינענטהימער צו גענוהמען? — האט דער קאמטהור מיט צארן אויסגעשריען — אפנים א־ראגאניען איז אייער איינענטהום? איהר האט עס מיט דער שארף פון דער שווערד אייך צו גענוהמען, און מיט דער שארף פון דער שווערד וועט איהר עס צוריק געבען! ....

— איך ערלויב עס אייך צו טאהן, אויב איהר קענט עס!

— איז דאס אייער לעצט ווארט!

— מיין לעצטעס! — נאר ווען איהר האט נאך עטוואס צו פערהאנדלען — האט דער קעניג זייא קורץ געענטפערט, — מעגט איהר זיך מיט אייערע בקשות קעהרען צוא מיין ראטה געבער ר׳ יהודה הלוי, וועלכער שטעהט דא מיט אונז צו זאמען.

— מיט אייער ראטה געבער, יהודה? האט דער קאמטהור מיט צארען און שטאלץ אויסגערופען — מיט קיין אונגלויביגע האבען מיר קיין שום געשעפטען ניט!

— וויא אזוי עס גלוסט זיך אייך, אזוי טהוט — האט דער קעניג שפאטענד געענטפערט — ווער עס איז מיר געטרייא און בעליבט, מעג זיין ווער עס וויל זיך, גלויביגער אדער אונגלויביגער, דער איז מיר גע־עהרט און געליעבט. איהר זייט פון מיר ענטלאסען און בעפרייעט, איהר מאגט אייך געהען.

דער קאמטהור האט נאך עטוואס געוואלט זאגען, ער האט פיר כעס דיא ציין פערביסען, נאר איינער פון זיינע באלייטער איז צו איהם צו געגאנגען, איהם אין אויער עטוואס איינגעראטט, און דער קאמטהור, איז שטיל געבליבען. מיט אלייכטען פערבייג, האט ער דיא זאל פערלאזט.

דער קעניג האט זיך פון זיין שטוהל ערהויבען; ער האט מיט צו־פרידענהייט זיך ארומגעקוקט; ער האט זיך נאך דורך געווארפען מיט עטליכע ווערטער מיט זיינע מיניסטארען, בעזאנדערס מיט ר׳ יהודה הלוי, און איז מיט זיין פרוי אוועק געגאנגען.

ווייניגער צופריעדען פונ׳ם קעניג, זיינען, מיט דער קורצער אב־האנדלונג, דיא מיניסטארען געבליעבען. יהודה הלוי איז געוועזען אויפ־געגרעגט; זיין הארץ האט אין איהם העפטיג געקלאפט, ער האט געפיהלט, אז דער קעניג האט איהם צום ווערקצייג אויס געקליבען, בכדי ער זאל דעם שטאלץ פון דיא ריטטער נאך נידעריגער מאכען, און זייא גענצליך פערניכטען

הייליגע ארט צו בעטרעטען וואו דער קבר פון אונזער גאט אונ ערלעזער איז, וועלכענס גוטע מעשים זיינען פול דיא גאנצע וועלט!

אויב אזוי — האט איהם דער קעניג ראש געענטפערט — אויב איהר קאמפפט פאר דעם הייליגען לאנד, אין וועלכען אונזער ערלעזער איז געבוירען געוואָרען אונ געליטען, וויא זשע קומט איהר אהער קיין היספאניע, וואס שטעהט גאנץ וייט אונ האט קיין שום שייכות ניט מיט דעם הייליגען לאנד?

דער קאמטהור איז אויף ארגע איבערראשט געוואָרען אויף דעם ענטפער; גאר באלד האט ער זיך דערמאנט, ער האט אויף געהויבען זיין קאפ אונ זיך אנגערופען — דיא פראגע געהערט אהער גאנץ ווייניג! ווען מיר האבען אזאקאנע פראווע אויף ארראגאניען, אזוי וויא איך האב דא ערשט ערוויעזען, ווער קען אונז פרעגען, וואס מיר ווילען דער מיט טאהן? אונזער ארדען, וועלכער איז שטארק אונ גרויס, דארף נאך שטארקער אונ גרעסער ווערען, כדי ער זאל האבען מאכט גענוג צוא קענען מלחמה פיהרען מיט אלע אונגלויביגע אונ זייא אונטער טהעניג צו מאכען, אונ דארום, גרויסער קעניג! ענטפערט אונז קורץ אונ שארף; דיינקט איהר אונז ארראגאניען איבער צוא געבען אדער ניין? מיר זיינען נאר צו ליעב דעם אהער געקומען.

— זא וועט איהר — איז דער קעניג ראש איהם אין דיא רעד אריין געפאלען, אונ דאביי מיט כעס פון זיין שטוהל זיך אויף געהויבען — זא וועט איהר אויך לעדיג אהיים פאהרען! איהר האט א טעות מיינע הערען! איהר מיינט, אז איך וועל עס דערלאזען, אייער ארדען, וועלכער זוכט זיך הערשען אונ צו בעפעהלען, אין מיין שעהנעם היספאניען זיך אריין צו דריינגען אונ נאכדעם זאל דער שכן דעם בעל הבית ארויס שטופען, אזעלכע זאכען וועל איך ניט דערלאזען, איהר מעגט אייך פיהרען מלחמה געגען גאטס פיינד, וויפיעל איהר ווילט; — נאר מיט כריסטען האט איהר ניט וואס צוא שטרייטען אונ זייא בעהערשען! איהר זייט דאך הייליג אונ דארפט זיך בעגיניגען מיט דעם, וואס איהר פערמאגט, אונ ווארום שטרעבט איהר נאך פרעמדע רייכטהימער?

דער קאמטהור איז ביים קעניגס צארען ערשראָקען אונ בלאס געוואָרען, פאר כעס. באלד אבער האט ער זיך געפאסט אונ געלאסען נעהענטער צום קעניג פארגעטרעטען. אויף זיינע ליפפען האט געשפיעלט שפאט אונ פעראכטונג.

— ווילט איהר אפנים, גרויסער קעניג פון קאסטיליען! ניט הערען דעם לעצטען הייליגען ווילען פון אייער פאטער?

— יא! — ווען איין שטערבענדער קען אוועק שענקען, דאס וואס געהערט צו דיא לעבעדיגע; ווען ער קען צו נעהמען ביא דעם אייגענ-

נאך קורצע שטיל שווייגען, האט דער קאמטהור פאן בעאומאנט דארויף געענטפערט:

— „מיר מוזען פראטעסטירען אין נאמען פון אונזער היילגען ארדען, אגעגען דעם טיטול פון ארראגאניען, וועלכען מען האט דא ערשט דער־מאנט. — גרויסער קעניג! אייך איז ניט אונבעקאנט, אז אייער פאטער, וואס איז שוין יעטצט אויף דער אמת׳ער וועלט, וואס האט געוואונען דיא מלחמה אין יאהר 1134, האט צום איינדיינק, פונ׳ם טרויער פון 2 היילגע בישאפע, וועלכע זיינען געפאלען איין אפפער אין דער דאזיגער מלחמה, גאנץ ארראגאניען געשענקט אויף עוויג דעם טעמפעל־ארדען, אונ האט עס אויך פאר זיין טויט פיר עדות אין דער צוואה אנגעשריבען.

איך האב ביז אהער געשוויגען, ווייל דיא מלחמה איז נאך ניט געווען געענדיגט אין דיזעם טהייל פון אייער קעניגרייך; יעטצט אבער, אז גאט האט אייך געהאלפען ארראגאניען איינצונעהמען, רעכען איך פיר רעכט, אייך צו דערמאנען, אז איהר האט אונרעכט געטאהן דאמיט, וואס איהר האט דיא קרוין פון ארראגאניען אויף אייער קאפ ארויפגעזעטצט! ארראגאניען געהערט צו דעם טעמפעל־ארדען אונ ניט צו אייך; איהר זענט דאס שולדיג צו טאהן, אויב דער איינדיינק פון אייער פאטער איז ביי אייך טהייער אונ הייליג. יעטצט האט מיך דער היילגער פאטער אונ מייסטער צו אייך געשיקט, אייך צו בעטען, אז איהר זאלט זיך עפענטליך פון ארראגאניען אפזאגען אונ מיר אין דיא הענד דיא ממשלה איבער צו געבין.

דער שפרעכער האט זיין עזות׳דיגע רעדע געענדיגט, אלע צוהערער האבען געהאפט, אז דער קעניג וועט איהם באלד מיט פייער בעשיטען; ווייל זייא האבען גוט געקענט דעם צארנדיגען כאראקטער פון זייער קעניג, ווען איטיצער האט איהם זיין כבוד געריהרט. פול מיט שרעק האבען אלע אויף איהם געקוקט, נאר דער קעניג איז, צום ערשטוינען פון אלע, רוהיג געבליבען, חאטש מען האט דייטליך אנגעזעהען, אז אין איהם האט געזאטען דאס בלוט.

ענדליך האט דער קעניג זיך אנגערופען:

— „איך גרים אייך פריינדליך, מיינע עדלע הערען! אונ דאנק אייך פאר אייער בעזוך; נאר זייט אזוי גוט, אונ דערמאנט מיך — מיין זכרון איז זייער שוואך — וואס איז דאס פאר אמין חברה, דער טעמפעל־ארדען, אונ צו וואס טויג זיא?

— מיין הערר אונ קעניג! — האט דער ריטטער געענטפערט — ווער ווייסט ניט פון אונזער היילגען ארדען? יעדען איז דאכט מיר אויך זייער גוט בעקענט אונזער היילגער צוועק, מיר פיהרען שטענדיג שטרייט, (ביי דיזע ווערטער האט דער ריטטער זיך אונוווילקירליך ביי זיין שווערד אנגעכאפט) מיט דיא אונגלויביגע, וועלכע האבען דאס עזות, דאס

צו שפרעכען מיט דעם קעניג זעלבסט. זייא האבען אויך געפאדערט, אז מען זאל זייא ערלויבען זייערע געמיינטע פראזעס, פארלייגען עפענטליך פיר דיא מיניסטארען אונ ראטה געבער פונ'ם קעניג. דער קעניג איז דארויף בעשטאנען, אין דער האפנונג, אז יעטצט וועט זיין אנגעלעגענהייט, זייער שטאלץ צו ברעכען אונ צו ערנידעריגען, אונ דארום האט ער צונויפגערופען דעם 0--טען מארט, אלע זיינע מיניסטארען אונ שטאאטס לייט, צווישען זייא אויך זיין ראטה געבער ר' יהודה הלוי. געוועהנליך איז הולדא מיט גרויס גלאנץ אונ פראכט אויך ערשינען צווישען אלע הויפס דאמען אונ הויפס פריילען.

מאלט אייך אויס, מיינע לעזער, איין גרויסע אונגעהייערע זאל, אין קעניגליכען פאלאץ, בעפוטצט מיט פיעל גאלד אונ זילבער, נאך דעם געברויך פון אמאליגע צייטען. אין דער מיט זאל האט מען אנידער געשטעלט איין טהראן פיר דיא קעניגליכע פערזאנען וועגען, איבער געצויגען מיט פורפור סאמעט דורך געהעפט מיט גין גאלד. פון איין זייט טהראן זיינען געשטאנען רייך געקליידעט אלע מיניסטארען אונ ראטה געבער פונ'ם קעניג, צווישען זייא זעהען מיר אויך ר' יהודה הלוי'ס הויכע מאגערע געשטאלט, געקליידעט איינפאך אין שווארצע זיידענע קליידער, צו דער אנדערער זייט זיינען געשטאנען אלע הויפסדאמען, הויפספריילען פון דער קעניגין אין גאלד, דימאנטען ברילליאנטען כמעט איין געטונקט.

באלד איז דער קעניג מיט דער קעניגין אין זאל אריין ערשינען; ביידע רייך קעניגליך געקליידעט מיט גאלדענע קרוינען אויף זייערע קאפף, איין מארשאל האט פאר זייא געטראגען איין גלאנצענדע רייכס שווערד, אונ איין קול פון אטראמייט האט געגעבען צו וויסען, אז דיא קעניגליכע פערזאנען קומען אן. דער קעניג מיט דער קעניגין האבען פלאץ גענומען אונ דיא אודיענץ געעפינט. אין זאל האט ערשינען דער ריטמייער קאמטהור פאן בעאומאנט; נאך איהם זיינען נאכגעגאנגען דריי אנדערע ריטטער, אונטער וועלכע איין יונגע שעהנע געשטאלט איז יעדען אויפגעפאלען אונ אלע בליק אויף זיך געצויגען. זיין עדלעס הויפט איז געוועזען באברייטמט מיט בלאנדע לאקען, נאר אויף זיין ווייסער שטערין איז איין שטראם געוועזען, וועלכער האט דייטליך אנגעוויזען, אז דער יונגער מאן האט טאפפער געקעמפפט אונ האט מנצח געוועזען. דיא ריטטער זיינען פארגעטרעטען פארין קעניג; אין זאל איז געווארען גאנץ שטיל, נאכדעם האט דעם קעניגס מיניסטער זיך צו זייא אנגערופען:

זיין מאיעסטעט, דער גרויסער, מעכטיגער קעניג פון קאסטיליען, נאווארא אונ ארראגאניען, אלפהאנז דער אכטער, ערלויבט אייך דאס ווארט צו נעהמען!

קענט זיך דערוויסען, ווער עס איז געוועזען דער רעטער פון זיין קינד, פון הולדען האט ער זיך ניט מעהר געקענט דערוויסען נאר זיין געשטאלט אונ זיין אויסזעהען, ער האט אנגעהויבען פארשטעלען זיך אין דיא געדאנקען, ער זאל זיך דערמאנען אן אזא מין געשטאלט, אונ צו האט ער איהם ערגיץ בעגעגענט, נאר אומזיסט, וויפיעל בילדער ער האט דורך געפיהרט דורך זיינע געדאנקען האט ניט איין בילד זיך געגלייכט צוא דיזעם. געוועהנליך האט הולדא דעם פאטער ניט איבער געגעבען דעם געשפרעך, וואס צווישען זייא איז געוועזען אונ האט איהם פערשוויגען, ווייל זיא האט איהם זעלבסט געגצליך אויך ניט פערשטאנען. דער פרומער ר׳ יהודה הלוי האט פיר דעם נס, וואס גאט האט איהם בעוויזען, פיעל געלד ארעמע לייט צו טהיילט אונ געדאנקט אונ געלויבט זיין ליעבען נאמען פאר דיא חסדים, וואס ער האט מיט איהם געטאהן; נאר עס איז פערגאנגען פון דער צייט אן אקליינע ווייל, האבען דיא פיעל געשעפטען וואס האבען אויף איהם שטענדיג געלאסטעט איהם געמאכט פערגעסען אין דעם אויסער ארדענטליכעם טרעפניש אונ עס אין גאנצען אויס געמעקט פון זיינע געדאנקען.

ליינגער האט אבער דיא זאך פארט געלעבט אין דיא געדאנקען פון זיין טאכטער; אין איהרע חלומות האט שטענדיג ערשיינט דער הערליכער קרעפטיגער מאן, וועלכער האט זיא פונ׳ם וואסער ענטריסען אונ זאנפט אויפ׳ן ברעג ארויס געטראגען. דיא בילדונגס קראפט איהרע האט איהר איהם פארגעשטעלט ניט אין ארעמע קליידער, וויא ער איז געוועזען געקליידעט אין דער ווירקליכקייט, נאר ער פלעגט איהר שטענדיג ערשיינען, בעוואפענט מיט אשווערד ביא דער זייט, געקליידעט אין וואיענע פארמע. אויך האט זיא אלאנגע צייט געדענקט זיינע לעצטע עטליכע ווערטער, וואס ער האט איהר איבער געגעבען אונ האט זייא אפילו אנגעהויבען אויסהעפטען אויף איין שארפע מיט זייד; נאר איין יונג הארץ, אין וועלכען דאס לעבען איז נאך פריש אונ יונג, קען באין אופן צוא קיין שום זאך לאנג זיך ניט אפגעבען: נייע קארטינעס נייע טרעפנישען פערנעהמען עס אונ ווישען אפ פון דארטען אלעס וואס אלט איז אונ וואס עס איז שוין לאנג פערגאנגען. דיא שארפע איז געבליבען ניט געענדיגט ליגען אין אווינקעלע פון אקאמאדע. נאר ווער קען דאס יונגע הערץ, וואס איז אזוי וואונדערליך ערבויעט, בעשולדיגען? ....

אין דיזער צייט איז אין הויף פון דעם קעניג דעם אכטען פון קאסטיליען, וועלכער האט אויס געקליבען קארדאווא פיר זיין רעזידענץ, איין גרויסער רעש אונ בעוועגונג פארגעקומען. דעם רעש האבען אנגעמאכט שלוחים פון איין חברה, וועלכע האבען זיך אנגערופען טעמפעלריטער־ארדען וואס זיינען אנגעקומען קיין קארדאווא אונ האבען גיפאדערט

האב דיך געזעהען ארומגערינגעלט מיט מענער פונ׳ם קעניגליכען הויף און מיט עדלע הערען; איך האבע דיך געהערט מיט זייא געשפרעך פיהרען און בעהערשען. איך האב דיך דארטען דערקענט; און ווען אפילו ניט דערקענט, האב איך געטראפען ווער דוא בעדארפסט צו זיין, ווייל דוא ביסט יהודה הלוי׳ס איינציגע טאכטער, דער גרעסטער פון אונזער געמיינדע; און ווער זאל דיך ניט קענען, אדער לפחות טרעפען, אז דאס ביסט דוא. איך זאג דיר, אז פאר דיר ליגען צוויא וועגען, נאר דוא וועסט איינעם מוזען אויסקלייבען. וועלכע וועגען איך מיין, דארף איך דיר ניט זאגען; וועלכען איך וויניש, אז דוא זאלסט אויסקלייבע׳ דארפסט דוא אויך אליין פיהלען. איך וועל דיר איין שפרוך איבערלאסען און בעמערק איהם גוט. יעדעס מאל, ווען דוא וועסט אן איהם זיך דערמאנען, אדער הערען, זאלסט דוא וויסען, אז דוא שטעהסט ביים שייד וועג און דארפסט אויסקלייבען איינס פון צוויא. הער וואס איך וויל דיר זאגען:

„פליהע צו דיין בארג, וויא איין פויגעל,
ווארום דער בויגען איז געשפאנט
און דיא פייל איז שוין אנגעצויגען״.

יעטצט לעב וואהל! דארטען זעהע איך וויא עס קומען שוין דיינע מענשען דיך אהיים צו נעהמען.

בייא דיזע ווערטער איז דער אונבעקאנטער אין וואלד אריין און איז פערשוואונדען געווארען.

הולדע, איז ביים לעצטען קלאנג פון זיין שטימע פערזונקען געווארען אין איהרע געדאנקען. באלד דארויף זיינען אנגעקומען מאזעס מיט דער מוהמע אין אקארעטע זיא אין שטאדט אריין צו ברייננען. הולדא האט זיך אין קארעטע אריינגעזעטצט, און דיא גאנצע קאמפאניע האבען זיך אין שטאדט אריין אומגעקעהרט. הולדא איז געוועזען אזוי פערזונקען אין איהרע געדאנקען, אז זיא האט קוים געענטפערט מיט איין האלב ווארט אויף דיא אלע טויזענטער שאלות, וואס מען האט איהר פארגעלעגט. זיא האט זיך אויף אקישען צו געשפארט און איז וויא אין אטרוים אריינגעפאלען. מאזעס האט זיך שוין ניט געהאט, וואס צו בעקלאגען אויף הולדען. זיא האט איהם שוין מעהר ניט גערייצט.

## 2.

ר׳ יהודה הלוי איז שטארק ערשראקען געווארען, ווען ער איז געוואהר געווארען אין א וואס פיר סכנה זיין איינציג קינד איז געוועזען. חוץ דעם איז ער אויך צו טראגען געוועזען, פאר וואס ער האט ניט גע-

שטאדט אוועק, דינה איז דערוויל, ווארטענדיג אויף מענשען, פון יענער זייט בערג ארום געריטען, אונ הולדע איז נאך אלס שוואך געלעגין אויף דער אנדערער זייט בערג אויף דעם גראז, אין אווייל ארום האט זיא זיך אויפגעזעטצט, אונ איהר רעטער געפרעגט: — דוא האסט מיך ביי מיין נאמען גערופען, אונבעקענטער! דוא קענסט מיך אפנים?

— איך קען דיך גאנץ גוט, הולדע! — האט דער אונבעקענטער געענטפערט — דוא ביסט דיא טאכטער פונ׳ם קלוגען אונ רייכען ר׳ יהודה הלוי, דער ראטה געבער פון אונזער קעניג אלפהאנס דעם אכטען פון קאסטיליען; ווער קען דיך ניט אין קארדאווא?

— אויב דוא קענסט מיך, זאג זשע מיר אויך ווער ביסט דוא? וויא זאל איך דיך ביים נאמען אנרופען, מיין רעטער פון מיינע יונגע יאהרען? וויא אזוי זאל איך דיך ביא מיין פאטער מעלדען?

— עס איז ניט אזוי נעטהיג שעהנע הולדע! איך בין היע אונבעקאנט אונ וויל אונבעקאנט בלייבען; איך בין ארעם אונ וויל ארעם בלייבען. דוא וועסט מיך שוין מעהר ניט זעהען, הולדע! איך פאס ניט צו דיין קרייז, וואוהין דער קעניגליכער גלאנץ לייכט אריין, אונ פערדונקעלט אלעס וואס געהערט, אהין ניט; איך בין פראסט ביא זיך אונ וועל אזוי בלייבען; איך בין שטאלץ דארויף, וואס איך וייז אוים פראסטער, וויא איך בין אין אמת.

— איך אונ מיין פאטער זיינען דיר אבער זא פיעל דאנקבארקייט שולדיג, אז דוא טארסט אונז ניט דיין נאמען פערבארגען. איך בעשווערע דיך, אז דוא זאלסט דיין נאמען ניט פערהוילען פון אונז!

— פריילין — האט דער אונבעקאנטער מיט פייער אויסגערופען — איך האב פון דיינעט וועגען גאר ניט געטאהן; דאס וואס איך האב געטאהן, האב איך געמוזט טאהן, אונ וואלט עס פיר יעדען געוועז געטאהן, אונ ווען איך האב יא נאר פון דיינעט וועגען עס געוואגט, איז מיין בעלאהנונג צו גרויס, אז דוא זאלסט עס מיר קענען בעצאהלען, איבער דעם, לאז מיך בעסער אפ אונגעוויסט אונ דוא וועסט פריי זיין, וויא פריהער; אדער ווען דוא לאזט ניט אפ פון מיר, דענסמאלט מוזט דוא צו מיר צו געבונדען ווערען אויף עביג!

בעת ער האט זיינע לעטצטע ווערטער געענדיגט, זיינען פון זיינע אויגען פונקען פייער געשפרונגען, וועלכע האבען זיין גאנץ פנים בעלויכטען, הולדע האט מיט וואונדער אויף איהם געקוקט אונ געשוויגען, דעם געדאנק פון זיינע ווערטער האט זיא קוים פערשטאנען.

— הולדע! — האט דער מאן עטוואס ווייכער דערליינגערט זיינע רייד — איך קען דיך שוין גאנץ לאנג; איך האב דיך שוין אויך אפט מאל געזעהען, וואו איך האב דיך געזעהען, איז דיר אלס איינס; איך

שֶׁעהנֶער הוּלדען רֶעטוּנְג גֶעשִׁיקְט. אִין דֶער צַייט, וֶוען זִיא אִיז אִין וַואסֶערפַאל אַרַיינְגֶעפַאלֶען, אִיז בַּייא יֶענֶער זַייט בְּרֶעג גֶעשְׁטַאנֶען אַיין הוֹיכֶער קְרֶעפְטִיגֶער מַאנְסְפֶּערְזָאן; דִיא קְלֵיידֶער אוֹיף אִיהם זַיינֶען גִיוֶוען אָרֶעמֶע; נָאר דִיא אָרֶעמֶע קְלֵיידֶער זַיינֶע הָאבֶּען אִיהם נִיט מִאוּס גֶעמַאכְט. עֶס אִיז גֶעוֶוען גֶענוּג אַקוּק צוּ טָאהן אִין זַיין עֶרְנְסְט טִיעף אוֹיג, וָואס הָאט גֶעלוֹיכְטֶען וִויא אַיין הִימֶעל פַייעֶר, אוֹיף זַיין וַוייסֶען, לוֹ כְּטֶענְדֶען שְׁטֶערְין, אוֹיף זַיין שֶׁעהן גֶעפָּארֶעמְטֶען פָּנִים, וֶועלְכֶעס אִיז גֶעוֶוען בֶּע־בְּרֵייכְט מִיט אַיין שְׁוַוארְצֶער בָּארְד, אַז מֶען זָאל בַּאלְד דֶערְקֶענֶען, אַז דֶער מֶענְשׁ אִיז נִיט קַיין פְּרָאסְטֶער אֵיינְפַאכֶער מַאן, נָאר אַיין עֶדעל מַאן, אִין בֶּעטְלֶער קְלֵיידֶער.

דִיזֶער מַאן הָאט גֶעזֶעהֶען הוּלדען רַייטֶען אוֹיף אִיהר שֶׁעהן פֶּערְד, עֶר הָאט אוֹיךְ צוּ גֶעזֶעהֶען, וִויא דָאס פֶּערְד הָאט זִיךְ דֶערְשְׁרָאקֶען אוּנ אִיז מִיט אִיהר אִין טַייךְ אַרַיינְגֶעשְׁפְּרוּנְגֶען, אוּנ וִויא זִיא אִיז אַרָאפְּגֶע־פַאלֶען, אוּנ נִיט גֶעזַאמְט הָאט עֶר זִיךְ וִויא אַפִּילוּ גֶעוָוארְפֶען אִין וַואסֶער אַרַיין זִיא צוּ רֶעטֶען, אַיין חֲוַאלְיֶע הָאט זִיא צוּ אִיהם אִין זַיינֶע הֶענְט גְלַייךְ אַרַיינְגֶעשְׁלֵיידֶערְט; עֶר הָאט זִיא גֶעחַאפְּט אוּנ מִיט קְרֶעפְטִיגְקַייט צוּרִיק צוּם בְּרֶעג מִיט זַיין טְהַייעֶרֶער מַשָּׂא צוּ גֶעשְׁווּאוּמֶען, דָארְטֶען הָאט עֶר זִיא זַאנְפְט אוֹיף דֶעם גְרָאז אַנִידֶער גֶעלֵייגְט אוּנְטֶער אַבּוֹימֶעל, הוּלדא הָאט אִין אַקְלֵיינֶער צַייט דִיא אוֹיגֶען גֶעעֶפִינְט אוּנ מִיט וואוּנְדֶער בֶּעטְרַאכְט דֶעם קְרֶעפְטִיגֶען מַאנְסְפֶּערְזָאן — עֶר אִיז אִיהר אוּנְבֶּעקַאנְט גֶעוֶוען.

— עֶדְלֶער מַאן! — הָאט הוּלדע מִיט אַשְׁוַואכֶער שְׁטִימֶע זִיךְ צוּ אִיהם אָנְגֶערוּפֶען — וִויא זָאל אִיךְ דִיר דַאנְקֶען? ···· דוּא הָאסְט מִיר דָאס לֶעבֶּען גֶערֶעטֶעט, בְּעֵת אִיךְ בִּין פוּן אַלֶע פֶערְלַאסֶען גָעוֶוען ····

וֶוער בִּיסְט דוּא?

— שְׁטִיל — הָאט דֶער פְרֶעמְדֶער אִיהר גִיעֶנְטְפֶערְט — אִיךְ הֶער פוּן וַוייטֶענְס דָאס גֶעשְׁרֵייא אוּנ דָאס רוּפֶען פוּן דַיין בֶּעגְלֵייטֶער; אִיךְ מוּז אִיהם צוּ וִויסֶען גֶעבֶּען, וָוארוּם עֶר אִיז אִין שְׁרֶעקְלִיכֶער אַנְגְסְט, אוּנ דִיךְ מוּז מֶען אַהֵיים בְּרֵיינְגֶען, וָוארוּם דַיינֶע קְלֵיידֶער זַיינֶען דוּרְךְ גֶענֶעצְט, הוּלדע!

בַּייא דִיזֶע וֶוערְטֶער, אִיז עֶר שְׁנֶעל צְווִישֶׁען דִיא בּוֹימֶער פֶערְ־שְׁוואוּנְדֶען אוּנ מִיט אַיין הֶעלֶער שְׁטִימֶע גֶערוּפֶען מַאזֶעס׳ן אוּנ אִיהם מוֹדִיעַ גֶעוֶוען, וואוּ הוּלדע אִיז; אוֹיךְ אִיהם גֶערַאטְהֶען, אַז עֶר זָאל גִיךְ צוּרִיק אִין שְׁטָאדְט אַרַיין רַייזֶען, אוּנ מִיט בְּרֵיינְגֶען מֶענְשֶׁען, מֶען זָאל זִיא אַהֵיים טְרָאגֶען. מַאזֶעס הָאט זִיךְ נִיט לַאנְג גֶעלָאזְט בֶּעטֶען; בַּאלְד מִיט דֶער רֶגַע, הָאט עֶר פֶערְקֶערֶעוֶועט זַיין פֶערְד, צוּ גֶערִיטֶען צוּא דֶער אַלְטֶער דַאמֶע, אִיהר דִיא גוּטֶע בְּשׂוֹרָה גֶעזָאגְט, אוּנ הָאט זִיךְ גֶעלָאזְט וִויא אַפוֹיגֶעל פְלִיהֶען אִין שְׁטָאדְט אַרַיין, דֶער וַוייל הָאט זִיךְ דִיא עֶרְשְׁט פְרֶעה־לִיכֶע קָאמְפַּאנִיֶע צוּ שֵׁיידְט אִין אַלֶערְלֵייא זַייטֶען אַרַיין: מַאזֶעס אִיז אִין

זיא ניט געקענט פונ'ם אויג פערלירען, אונ דער וועג איז אויך ניט קיין געדרעהטער געוועזען.

נאר אלאנגע צייט זיינען זייא צוריק ניט אומגעקעהרט, מאזעס איז אוועק צוא זייז קיזינע. דער וועג האט זייא געפיהרט נעבען איין שפיציגע סקאלע, דאס פריילען האט מאזעס'ן אומיסטען גערופען, בכדי איהם צו ווייזען אשעהנעם פרעכטיגען וואסערפאל, וועלכער איז ערשט ניט לאנג דארטען געווארען; דער וואסערפאל איז זעהר שיין געוועזען צום איינזעהען, וואונדערליך איז געוועזען צו קוקען אויף דער מאסע וואסער, וואס האט זיך פון איין הויכער סקאלע אראפ געשטירצט אונ געפינעט גערוישט מיט אשרעקליכען רעש אונ געטומעל. פרעכטיג איז געוועזען צו קוקען אויף איהם וועז דיא שטראהלען פון דער זון האבען איהם בע־לויכטען, נאך איידער מאזעס האט זיין קוזינע ערדרייכט, וויא באלד איהר פערד האט דערהערט פון ווייטענס דאס געקלאפעריי פון מאזעסעס פערד, זא האט ער זיך פלוצים דערשראקען אונ אויף דיא פאדערשטע פיס אויף געשטעלט, דער נאך איז ער וויא אפייל פונ'ם בויגען אנגעהויבען צוא לויפען. דאס פריילען האט פאר שרעק דיא צוים פון דער האנט פערלארען .... אונ דאס פערד איז אריין מיט איהר צוזאמען אין וואסער אריין. באלד האט ער דעם גרונד אונטער דיא פיס פערלוירען; איין שטארקע חוואליע האט דאס פריילען פונ'ם זאטעל אראפ געטראגען, זיא איז אין וואסער געפאלען; דער שלייער איז פון איהר קאפ אראפ, דיא לאנגע האר איהרע זיינען וויא דיא חוואליעס צו פלאסען געווארען, זיא איז אויף ארגע צום דנא אראפ אונ באלד ווידער ארויף אויף דער אויבערפלעכע פון דער וואסער; נאר אט האט זיא זיך אנגעהאפט אן איין אויסגעריסענעם בוים, וואס איז אויך אויף דעם וואסער געשוואומען, נאר באלד, האט זיך דער בוים פון איהרע הענט אויסגעריסען אונ איז אויך אוועק; דאס פריילען וואר שיער ניט פערלארען .... מאזעס איז אין דער שרעקליכער רגע צום טייך געגרייכט, נאר צוא שפעט — ער האט שוין קיינעם דארטען ניט געטראפען; ער האט אנגעהויבען צו רופען צו שרייען; פלוצים האט ער פונ'ם וואסער אשרעקליכען געשריי פון דער אומגליקליכער דערהערט, וויא זיא האט נאך הילף גערופען. ער האט אנגעהויבען ארום צו לויפען ארום דער סקאלע, ארום וואסערפאל, נאר ער האט גאר ניט געקענט בעמערקען. מיט פערצווייפלונג האט ער ווייטער אנגעהויבען זיא ביים נאמען צו רופען: „הולדע! הולדע! וואו ביסט דוא"? נאר קיין ענטפער האט ער ניט פערנעהמען, אלעס איז שטיל געוועזען, דאס וואסער האט זיך גערונען וויא פריהער אונ קיין שום צייכען פון אינגליק איז ניט געוועזען צו בעמערקען.

נאר גאטס אויג וואס דרעמלט ניט אונ שלאפט ניט האט דער

וואונדערטער מאזעס, וועלכר האט ביי דיא לעטצטע ווערטער פון זיין קוזינע שוין אנגעהויבען צו לאכען, איז ברוגז צו זיין מוהמע צוריק צו געפאהרען.

— וואס האט זיא שוין ווידער מיט דיר עפּוואס גערעדט? —

— האט איהם דיא מוהמע געפרעגט.

— זיא האט מיך שוין ווידער צום נאר געמאכט.

— לאז דיך עס ניט צו צום הארצען, מאזעס!

א, ניין, מוהמע, איך קען עס שוין מעהר ניט ליידען; יעדער מינוט איז מיט איהר טויזענטער פערענדערונגען. אט, פאדערט זיא מיך אויף, אונ באלד שטויסט זיא מיך פון איהר אב; אויף אוויילע ווייזט זיא מיר איהר פריינדשאפט אונ באלד פערווארפט זיא מיך פון זיך, איך בין ביי איהר אין דיא הענד, וויא אמיאטשיק ביי קליינע קינדער אין דיא הענד.

מעהר האלט איך שוין ניט אויס, איך מוז אוועק פון דאנען; איך וועל דעם פעטער ערלויבניש בעטין, מיך פון דאנען אב צו לאזען!

— וואוהין ווילסט דוא דען אוועק מאזעס?

וואהין מיינע אויגען וועלען מיך טראגען, ווייט ווייט פון אייך אין דער עק וועלט אריין. איך וועל אוועק קיין איטאליע, קיין קארפו אונ נאך ווייטער; דארט וועל איך יאהרענלאנג בלייבען; דארטען וועל איך ארבייטען מיט אלע מיינע כוחות, שאפען אונ ווירקען! איהר וועט זיך פרייען ווען איך וועל צוריק איין פאלנער מענש כומען, דענסטמאל וועט זיא שוין אויף מיר ניט קוקען וויא אויף אקינד אונ וועט אויף מיר כבוד לעגען.

— ניין, מיין נארעלע! דוא פערשטעהסט גאר קיין עסק ניט; זיא אכטעט דיך שוין יעטצט אויך, ווייל זיא ווייסט גאנץ גוט דיין ווערטה, אונ דארום טאקי האט זיא ליעב מיט דיר צו שפאסען, נאר אויך מיט דיר שטענדיג צו זיין.

— איך וויל אבער ניט ליידען איהרע קאפּריזען; איך קען זייא ניט אויס האלטען, איך בין אויך אמאמעס אקינד אונ צ׳ירטליך פערצויגען, אונ וויל איהר איהרע שפאסען ניט פערשווייגען; איך וויל עס ניט...

— מאזעס, מאזעס וואו ביסט דוא ערגיץ אונטערשטעליג געבליבען? — האט דאס פריילין אויס געשריען פון דער ווייטענס, — מאזעס איז וויא אפייל פון אבויגען ווידער צו איהר צו געפליגען, דיא אלטע דאמע בלייבט אליין צוריק; נאר וועדליג מיר זעהען איז זיא שוין צו אזעלכע סצענעס געוואהנט געווען; זיא האט נט געוואוסט, אז דיא קינדער וועלין ניט פערפאלען ווערען אונ וועלען איבער צוריק קעדרען. זיא האט אויך קיין מורא ניט געהאט צו בלאנזען פונט זוג, מחמת דעם טייך האט

(ר"י הלוי)

— אוּן וָוען אֲפִילוּ נִיט אַלֶע, מאזעס? ....

— נוּא, לָאז זַיין וָוער עֶס וִויל זִיךְ; אִיךְ וִויל זַייא דִיר בַּיים נָאמֶען נִיט רוּפֶען, לָאז זַיין אַזוֹי! נָאר זָאג מִיר נִיט, אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ דִיר אָנְגֶעוָוארְפֶען; אִיךְ הָאבּ נָאר גֶעטָאהן דַיין וִוילֶען, אוּן וָוען אִיךְ הָאבּ זִיךְ דִיר אִין אֶמֶת אָנְגֶעוָוארְפֶען מִיט גְוַואלְד, זָא ....

— וֶיעסְט דוּא זִיךְ אֶפְשַׁר אוּמְקֶעהרֶען, נַארְרִילֶע! דָאס פֶערְבָּאט אִיךְ דִיר שְׁטְרֶענְג, בַּיים מַיין צָארֶען.

— נָאר פֶערְגֶעס אָבֶּער נִיט, קוּזִינֶע, אַז דִיא עֶהרֶע פוּן אַמַאן שְׁטֶעהט הֶעכֶער פוּנ'ם כַּעס פוּן אַפְרוֹי!

— יָא, דָאס וָועל אִיךְ נִיט פֶערְגֶעסֶען, וָוען דוּא וֶועסְט אַיין מַאן וֶוערֶען — הָאט זִיא אִיהם אִירָאנִישׁ גִיעֶנְטְפֶערְט, דַאבַּיי הָאט זִיא אִיהר פֶערְד אַיין לַייכְטֶען פַּייטְשׁ דֶערְלַאנְגְט אוּנ עֶר אִיז שְׁנֶעלֶער אַוֶועק פָּארוֹיס. דֶער יוּנְגֶער מַאן, וֶועלְכֶער הָאט גֶעוָואלְט נָאךְ אִיהר נָאךְ רַייטֶען אִיז פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען גֶעבְּלִיעבֶּען צוּרִיק בַּייא דֶער עֶלְטֶערֶער דַאמֶע, אוּנ הָאט גֶערִיטֶען גְלַייךְ מִיט אִיהר צוּ אִיהר זַייט.

— לָאז דִיךְ עֶס נִיט הַארֶען, מאזעס! — הָאט זִיא זִיךְ צוּ אִיהם אָפְּגֶערוּפֶען — דוּא וֵוייסְט דַאכְט זִיךְ שׁוֹין, וָואס זִיא מֵיינְט; זִיא מֵיינְט נִיט מֶעהר נָאר אַבִּיסֶעל טְרַייבֶּען קַאטָאוֶועס מִיט דִיר, וִויא אִיהר שְׁטֵייגֶער אִיז, אוּנ דוּא וִוילְסְט עֶס קֵיינְמָאל נִיט פֶערְשְׁטֶעהֶען.

— קַאטָאוֶועס טְרַייבֶּען! נָאר קַאטָאוֶועס טְרַייבֶּען הָאט אוֹיךְ אַגְרֶענֶעץ, צוּ פִיעל אִיז נִיט גוּט, זִיא מוּז אוֹיךְ נִיט פֶערְגֶעסֶען, אַז אִיךְ בִּין שׁוֹין, דַאנְקֶען גָאט, פוּן דִיא קִינְדֶער-שׁוּהְכְלִיךְ אַרוֹיס. וֶוען זִיא גֶעטְהִינְט זִיךְ נִיט, אַז אִיךְ זָאל זִיא בַּאלַייטֶען, נָאךְ וָואס הָאט זִיא בַּייא מִיר דָאס גֶעפָאדֶערְט?

אִין דֶער מִינוּט הָאט דָאס יוּנְגֶע פְרַיילִין אַיינְגֶעהַאלְטֶען אִיהר פֶערְד אוּנ מאזעס'ן גֶעווִינְקֶען עֶר זָאל צוּ אִיהר צוּ רַייטֶען. וָוען עֶר אִיז צוּ אִיהר צוּ גֶעקוּמֶען, הָאט זִיא זִיךְ צוּ אִיהם אָפְּגֶערוּפֶען: קוּק נָאר, מאזעס, וִויא שֵׁיין הִימֶעלְשׁ דָא אִיז! פִיהלְסְט דוּא דֶען נִיט דֶעם זִיסֶען גֶעשְׁמַאקְען גֶערוּךְ, וָואס רִינְגֶעלְט אוּנְז דָא אַרוּם? קוּק אַרוֹיף צוּם לוּיטֶער בְּלוֹיעֶן הִימֶעל, קוּק אַרָאפּ צוּ דִיא גְרִינֶע פְרִישֶׁע וֶועלְדֶער, צוּ דִיא הוֹיכֶע פֶעלְזֶען, הָארְךְ זִיךְ צוּ צוּם רוֹישֶׁען פוּן דִיא חְוַואלִים, צוּם גֶעפִּישְׁטְשֶׁערַיי פוּן דִיא פֵייגֶעלִיךְ; זֶעה נָאר דָארְט, וִויא דֶער וַוייסֶער פַּארוּס פוּן אַשִׁיף בְּלָאזְט זִיךְ פוּנ'ם וִוינְט אוּנ בֵּייגְט דֶעם הוֹיכֶן זֶעגֶעלְבּוֹים .... אָ, אִיךְ בִּין יֶעטְצְט פְרֵייהלִיךְ אוּנ עֶנְטְצִיקְט, וִויא אַיין לוּפְט-בֶּעוואהנֶער; דָאס הַארְץ שְׁלָאגְט אִין מִיר אוּנֶענְדְלִיךְ פְרֵיידִיג! וָואלְט אִיךְ נִיט גֶערִיטֶען אוֹיפִין פֶערְד, זָא וָואלְט אִיךְ דִיךְ, פַאר פְרֵיידֶע אִין מַיינֶע אַרֶעם גֶעשְׁלָאסֶען .... בַּייא דִיזֶע וָוערְטֶער הָאט זִיא נָאךְ אַמָאל פוּן אִיהם גַאנְץ וַוייט אָבְּגֶעשְׁפְּרוּנְגֶען, דֶער פֶערְ-

רייטער אויף פערד, גיך דורך געריטען דיא פארשטאדט, אונ זיך אראבגעלאזט צום בעקאנטען וועג נעבען גוואדאלקוויוויר. צו קיין ווייטער רייזע זיינען דיא רייטער ניט געוועזען צו געגרייט; דאס האט מען גיקענט בעמערקען אין דעם, ווייל זייא האבען מיט זיך קיין שום געפאק ניט געפיהרט, אונ דארום פערשטעהן מיר, אז דאס איז געוועזען ניט מעהר וויא איין שפאציר, כדי צו געניסען דיא פריהלינגס פרייע לופט. פון דיא דרייא פערזאנען, וואס האבען געריטען אויף דיא פערד האט מען געקענט בעמערקען, אז צוויא פון זייא זיינען געוועזען פרויענצימער אונ איין מאנס-פערזאן, ווייל צוויא שלאנקע שענע צארטע פערד זיינען געוועזען פערזעהען מיט דאמענזאטלען אונ שיינע צוימען מיט זילבערן בעפוטצונג אונ דאס דריטע פערד איז געוועזען שטארקער אונ קרעפטיגער פון יענע צווייא, אויך ניט אזוי שיין געפוטצט, אונ איז נעבען זיינע חברים ניט געגאנגען גלייכגילטיג; פלוצים האט ער אונטער געשפרונגען אונ זיך צו געטאנצט, פלוצים האט ער זיך מיט אחראפ אויף דיא פאדערשטע פיס געשטעלט, ביידע דאמען האטשע זייא זיינען ביידע געוועזען טיעף פערהילט אין זייערע שלייערס אונ אנגעטאהן אין טהייערע זיידענע קליידער, פון דעסט וועגען אין זייער האלטונג אונ קערפערבוי האט מען געקענט דערקענען, אז איינע איז געוועזען יונגער אונ דיא אנדערע איין עלטערע, אויך דער יונגערמאן, וועלכער איז געריטען צו זייער זייט איז אויך געוועזען רייך אין סאמעט געקליידעט, מיט איין רייט בייטש מיט איין זילבערנעם גריף אין דער האנד, מיט איין שענעם הוט אויף זיינע לאקען. דאס אנזעהען זיינס, אהן אבארד, דיא פיינע דורכזיכטיגע הויט אויפ'ן פנים, האבען לייכט אנגעוויעזען, אז ניט קיין פיעל יאהרען זיינען איבער זיין קאפף איבער געגאנגען, אונ פון דעסט וועגען איז ער שוין געוועזען פעהיג צוא געוועלטיגען מיט אזא שטארק פערד, אויף וועלכען ער איז געריטען.

— מאזעם! וויא דאנקבאר בין איך דיר״! — האט זיך פלוצים אנגערופען מיט איין העל קלינגעדיגע שטימע איינע פון דיא דאמעס צו דעם יונגען מאן — דאס דוא האסט ביים פאטער דאס ערלויבניש צוא אונזער יעטצטיגען שפאציר געפועלט אונ זיך זעלבסט צוא אונזער באלייטער אנגעווארפען.

— אנגעווארפען, קוזינע! וואס פיר איין העסליכעס ווארט! דאכט מיר, אז דוא האסט מיך זעלבסט דאס געבעטען. אנגעווארפען! אפנים, אז דיא הויפיונקער פונ'ם קעניג וועלכע געהען דיר נאך פיס טריט, ווען זייא עסען אונ טרינקען בייא דיין פאטערס טיש, האבען דיך אזוי שטאלץ געמאכט, אז דוא מיינסט, אז דוא ברויכסט נאר אווינק צוא טאהן, וועלען זייא אלע פארטיג זיין דיך צו בעדינען.

SYDNEY PUBLIC LIBRARIES

## הִיסְפַּאנְיֶע אוּנ יְרוּשָׁלַיִם.

**וואוּ** דִיא שְׁטָאדְט קָארְדָאוָוא עֶרְהֵייבְּט אִיהְרֶע הוֹיכֶע דָאכֶער פוּן אִיהְרֶע הוֹיכֶע מוֹיֶערֶען בִּיז אִין דֶעם עֶבִּיג-בְּלוֹיֶען הִימֶעל אַרַיין, דָארְטֶען קַאטְשֶׁעט אוֹיךְ דֶער טַייךְ גְוַואדַאלְקְוִויוִויר זַיינֶע מֶעכְטִיגֶע חְוָוילֶעס דוּרְךְ דֶעם לַאנְד. דָאס גַאנְצֶע לַאנְד פוּן דֶער גֶעגֶענְד אִיז מִיט בֶּערְג בַּאדֶעקְט. פוּן דִיא הוֹיכֶע בֶּערְג רִינֶען אַרָאפּ אִין דִיא טְהָאלֶען אַרַיין שְׁטַארְקֶע טַייכֶען אוּנ פְלִיסֶע, וֶועלְכֶע דְרֶענְגֶען זִיךְ אוּנ שְׁטוּפֶּען זִיךְ דוּרְךְ דִיא שְׁמָאלֶע גֶענְג צְוִוישֶׁען דִיא סְקַאלֶעס. אוּמֶעדוּם זֶעהְט מֶען שֵׁיינֶע גְרֶעזֶער אוּנ פְלַאנְצֶען. דִיא בֶּערְג זַיינֶען בֶּעקְרוֹינְט מִיט שֵׁיינֶע גְרִינֶע וָועלְדֶער. דִיא לוּפְט אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט אַגֶעשְׁמַאקֶען גֶערוּךְ, וָואס עֶרְהוֹיבְּט זִיךְ פוּן דִיא פִיעל רוֹיזֶען אוּנ בְּלוּמֶען, וָואס וַואקְסֶען דָארְטֶען אָהְן שִׁיעוּר. אַזוֹי הָאט דָאס לַאנְד אוֹיס גֶעזֶעהֶען אִין דֶער צַייט, וָואס אוּנְזֶער עֶרְצֶעהלוּנְג קוּמְט פָאר. דִיא גַאנְצֶע סְבִיבָה אִיז גֶעוֶועזֶען אַרוּמְגֶערִינְגֶעלְט מִיט שְׁטַארְקְ-גֶעדִיכְטֶע וָועלְדֶער, וָועלְכֶע אַיין וַואנְדֶערֶער הָאט זַייא קוּים דוּרְכְגֶעדְרוּנְגֶען; זֶעלְטֶען הָאט מֶען בֶּעמֶערְקְט צְוִוישֶׁען דִיא בּוֹימֶער אוּנ צְוַוייגֶען אַיין טוּהְרֶם אָדֶער אַיין כְּרִיסְטְלִיכֶע קִירְכֶע אַרוֹיס קוּקֶען, נָאר צוּא דָרוֹם זַייט פוּן קָארדָאווא זֶעהֶען מִיר אוֹיךְ בֶּעאַרְבַּייטֶע פֶעלְדֶער פוּן אַלֶערְלֵייא תְּבוּאוֹת בֶּעדֶעקְט מִיט רַייכֶע פְרוּכְטֶען אוּנ גֶעטְרֵיידֶע. צְווִישֶׁען דִיא אוּרְוָועלְדֶער גֶעפִינֶען זִיךְ אֲפִילוּ עֶרְטֶער-וַוייז דֶערְפְלִיךְ אָדֶער אַזוֹי וואהְנוּנְגֶען פוּן מֶענְשֶׁען, נָאר מֶען דַארְף זַיין אַיין גֶענִיטֶער אִין דֶעם קַאנְט, אַז מֶען זָאל צוּא זַייא טְרֶעפֶען אוּנ נִיט אַרָאפּ בְּלָאנְזֶען פוּנ'ם וֶועג. בַּיים בְּרֶעג פוּנ'ם טַייךְ, זֶעהְט מֶען אַיין אוֹיסְגֶעטְרֶעטֶענֶעם וֶועג, וֶועלְכֶער אִיז נִיט קוּנְסְטְלִיךְ גֶעמַאכְט וִויא אַלֶע גְרוֹיסֶע וֶועגֶען, נָאר עֶר אִיז אוֹיס גֶעטְרָאטֶען גֶע-וָוארֶען, דוּרְךְ דֶעם, וָואס אוֹיף אִיהם אִיז מֶען אָפְט גֶעפָאהְרֶען מִיט וֶועגֶען אָדֶער גֶערִיטֶען אוֹיף פֶערְד. צַייטֶען וַוייז גֶעהְט דֶער וֶועג אוֹיף אַבַּארְג אַרוֹיף אוּנ צַייטֶען וַוייז לָאזְט עֶר זִיךְ אַרָאפּ אִין אַטִיעפֶער טְהָאל אַרַיין אָדֶער עֶר פֶערְלִיעֶרְט זִיךְ אוֹיף אַקְלֵיינֶער שְׁטְרֶעקֶע אִין אַגֶעדִיכְטֶען וַואלְד, אוּנ עֶרְשַׁיינְט נָאךְ אַמָאל בַּיים בְּרֶעג פוּנֶם טַייךְ.

עֶס אִיז גֶעוֶועזֶען אַיין שֵׁיינֶער פְרִיהְלִינְגְס טָאג אִין יָאהר 1145, אַלְס אוֹיס דֶעם אָפֶענֶעם טְהוֹיעֶר פוּן קָארדָאווא, זַיינֶען אַרוֹיסְגֶערִיטֶען עֶטְלִיכֶע

UNIVERSITY
19 JUN
OF OXFORD
LIBRARY

# רַבִּי יְהוּדָה הַלֵּוִי

דֶער

# יוּדִישֶׁער מִינִיסְטָאר

## אַיין הִיסְטָארִישֶׁער רָאמַאן

אִין צְוַויא טְהֵייל

פוּן דִיא צַייטֶען וָואס יוּדֶען הָאבֶּען גֶעוואוֹינְט אִין הִיסְפַּאנְיֶע.

פערפאסט פאָן

**דר. פהיליפזאהן**

איבערזעצט פאָן יונה טרובניק.

**ערשטער טהייל.**

בהוצאת מאיר עפשטיין מוכר ספרים בברדיטשוב.

ברדיטשוב, תרס״ז

## ЕВРЕЙСКІЙ МИНИСТРЪ

Историческій романъ изъ жизни евреевъ въ Испаній.
Въ двухъ частяхъ.
Сочиненіе Д-ра Филипзона, Перевелъ I. Трубникъ.
-Часть I.

БЕРДИЧЕВЪ. Типографія Я. Г. ШЕФТЕЛЯ.
1907 г.

גלה 64

זוים באַרג געוויינט (באַנדעס) 1933